STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06103

LEBN MAYNE LIDER

Shaye Budin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבן מיינע לידער

א. ש. בודין

ש. גודין

לעבן מײנע לידער

S. BUDIN

LEBN MEINE LIDER

Yiddish Poetry

NEW YORK, 1969

Book designed by **Benjamin Katz**

Copyright © 1969, by S. BUDIN, New York, N.Y.

איקוף פארלאג

Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF)

189 Second Avenue, New York, N. Y. 10003

Printed in U.S.A.

363

פאַרן שרייבער, דיכטער, קינסטלער, איז זייער וויכטיק צו האָבן גוטע צוהערנדיקע, זעענדיקע אָפּשאַצער. דאָס פאַרבינדט אים מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און ערנסטער פריינטשאַפט מיט זיין אַרבעט.

מיין איצטיקן בוך לידער

ווידמע איך

צו מיין אינטימסטן,

נאָענטסטן הערער,

לייענער

און אָפּשאַצער—

מיין פרוי עטל.

ש. בודין

לעבן מיינע לידער

1954

אין די סוף־זומערדיקע טעג

ליבע טעג, סוף־זומערדיקע טעג,
באַהאַלטן וויל איך אייך,
ווי אַ טייערע מתּנה!
מיט מיין גאַנצן לעבעדיקן זיין
וויל איך אייך אויסהיטן
פון אַ לויערנדיקער סכּנה.
מיט פּשוט ציטערנדיקע רייד
וויל איך איבערגעבן די קוועלנדיקע פרייד,
וואָס כ'האָב ביי אייך
אָנגעקליבן.

ליבע טעג, סוף־זומערדיקע טעג,
איך בין נישט איינער, נישט דער איינציקער.
איך וויל איר זאָלט מיר גלויבן,
אַז די שיינקייטן, וואָס איר גיט אונדז,
ווילן בייזע מענטשן ביי אונדז רויבן.
איך בין נישט דער איינציקער און אַליין,
וואָס קוקט אויף אייך מיט פאַרליבטע אויגן.
היינט און נעכטן און מיט טעג אַפריער,
האָב איך אין פיל פּנימער דערקענט
מיין אייגענעם געוויסן,
אין פיל אויגן האָב געזען
אייער ווייכע וואַרעמקייט,
וואָס זיי געניסן.

ליבע טעג, סוף־זומערדיקע טעג,
אויף מיינע הענט
וויל איך אייך אַרומטראָגן,
פון ווינקעלע צו ווינקעלע
איבער אונדזער לאַנד,
און צו הונדערטער און טויזנטער זאָגן:
אויב אייך זיינען ליב
די טעג די שיינע, די טעג די ליכטיקע,
אויב אייך איז ליב
דער נעכטן און דער מאָרגן, —
קוקט זיך אַרום,
דער שונא
לויערט אָפן און פאַרבאָרגן!

אונדזער זומער

ס'וואַקסט דער זומער איצט
פאַר מיינע אויגן.
וואַקסט אויףביימער,
וואַקסט אויף בלעטער,
וואַקסט אויף גראָז.
וואַקסט אויף טירן, וואַקסט אויף שוועלן,
וואַקסט אויף פענצטער גלאָז.

ס'וואַקסט דער זומער איצט
אויף וועגן,
וואַקסט אויף ימען, וואַקסט אויף שטעט,
וואַקסט אויף פעלדער, וואַקסט אויף טייכן,
וואַקסט אויף ברויט-טראָגנדיקער ערד.

ס'וואַקסט דער זומער איצט
אויף יונגע צווייטן,
וואַקסט אויף פייגלס פליענדיקע פליגל,
וואַקסט אויף דעכער, וואַקסט אויף צאַמען,
וואַקסט אויף שטראַלן פון דער זון.

ס'וואַקסט דער זומער איצט
אויף שעהן,
אויף מינוטן,
אויף מאַמעס ליבע בליקן,
אויף קינדער אין זייער וויג.

וואַקסט אויף הענט, וואָס בויען, —
מויערן און שמידן בריקן.
וואַקסט אויף קעפּ, וואָס טראַכטן,
ווי פרייד און פריד געבן,
אונדז אַלע וואָס לעבן אויף
דער ערד.

האַרבסט

1.

מאָרגן וועט די זון דאָ בלייבן
און באָדן וועט זיך דאָ דער ים אָן מיר.
ווייט פון דאַנען אויף צענער מיילן,
בליענדיקע פאַרלאַנגען אין מיינע אויגן
וועלן ווידער זיין,
און אַלע שעה פון לעבן
נאָך וואונדער-שיינקייטן זיך יאָגן.

מאָרגן וועט די זון
דאָ בלייבן,
וועלן אַנדערע וואַרעמע פרייד
אויפקלייבן,
און צעטיילן זיך
מיטן ים.

2.

וואַסערן פון גאַר דער וועלט
האָבן זיך דאָ אין טיפן ים
צונויפגעגאָסן.
שטויסן זיך,
יאָגן זיך,
און קריגן זיך אויף אַלערלייאיקע
שפּראַכן.

אָ, אויגן, מיינע אויגן —
פון קאַראַסטישעווער טעטעראָוו
מיט מיר אַהער פאַרפלויגן,
לאָמיר אָפּזוכן דעם
אויסגעחלומטן ברעג.

.3

ביימער שטייען איצט פאַרטראַכט
און זאָרגן, וואָס וועט פון זייערע שיינע
בלעטער ווערן.
האַרבסט פירט אַרום אַ פאַרקעלטערטע
נאַכט, און די גראָזן טריקענען —
און דאַרן.
זומער ליבער, אַזוי פיל אויגן
האָבן אויף דיר געוואַרט
און אויסגעחלומט באַרג־שלעסער;
איצט פאַרקלענערט זיך דיין
יעדער טאָג, ווי מען וואָלט אים
אונטערשניידן
מיט אַ שאַרפן מעסער.

.4

ס׳קלייבט זיך דער זומער
פון אונדז אַוועקצופאָרן.
אין איילעניש פאַקעוועט ער איין
דעם טאָג און די שעהן.
ליבע, גוט איז מיר אַרומגיין מיט דיר
אין האַרבסט פון אונדזערע יאָרן.

ס׳קלייבט זיך דער זומער
פון אונדז אַוועקצופאָרן.
אין איילעניש וועט ער איינפּאַקעווען
אַ יאָר פון אונדזערע יאָרן.
ליבע, ווי שיין ס׳איז וואָס מיר טועין
איינס דאָס אַנדערע שאַנעווען
און שפּאָרן.

.5

ס'זינגט דער האַרבסט אונדז
דאָס שענסטע ליד, דאָס שוואַנען־ליד
פון פולן זומער.
טאָג מיינער, פאַרמאַטערטער און מידער,
גוט איז מיר אַרומגיין מיט דיר
און זינגען מיינע לידער
זינגען פון חלום און פון וואָר,
פון פריידן און פאַרדרוסן;
פון אַ טיפן ים וואָס האָט פול
מיט וואַסער זיך אָנגעגאָסן,
זינגען פון אַ פאַמעלעכדיקן זון־פאַרגאַנג,
פון אַ ברויט־קערנדל אין שטאַנג
און פון ליבעס וואָס װעלן זיך
ניט פאַרגעסן.

צווישן לעבן און טויט

דער יום-טובדיקער טאָג
זיצט אַ רואיקער, אַן אויסגערוטער.
זיצט אויף די גאַניקעס פון
אַמעריקעס קליין-שטעטלדיקע שטיבער.

אַ, געבענטשט זאָל זיין
דאָס ווייכע גראָז אויף ערד,
די גרינע בלאַט אויף בוים,
די דינע לויטערקייט אין הימל-רוים,
די ליבע וואַרעמקייט פון זון.

אַ, געבענטשט זאָל זיין יעדער
גוטער געדאַנק, וואָס האָט זיך
צו מענטשן אין קאָפּ פאַרקליבן,
יעדער געניט-צאַרטער פינגער:
וואָס וועט אַ קראַנקן האָפענונגען
געבן.

געבענטשט זאָלן זיין
די פאַרדויכערטע אויגן פונעם
לאָקאָמאָטיוו-פירער,
די מוסקולירטע האַנט פונעם
סיגנאַלן גלאָקן-ציער.

געבענטשט זאָלן זיין
די דראָטן און די סלופּעס,
צעשטעלטע און צעצויגענע —
אין דער ברייט און לענג
פונעם לאַנד.

אָ, געבענטשט זאָלן זײַן די װעלדער
און די פעלדער, די לאָנקעס
און טײַכן, װאָס ראַמען זיך אײַן
אין די פענצטער פון לױפנדיקער באַן.

אָ, געבענטשט זאָלן זײַן די אױפגײיענדיקע
געװיקסן אויף די בײטן,
די גענדז און די הינער, די קאַטשקעס
און קװײטן אַרומגעצאַמט מיט
יעדער אַרטיקער צאַם.

געבענטש זאָל זײַן
דער הײם-בלוטיקער אָקס,
װאָס האָט באַהאָפטן זיך
מיט נאָכגעבנדיקער קו.
און דאָס ציטערדיק לאָשיקל,
געבוירן הײַנט אינדערפרי.

געבענטשט זאָל זײַן דער נעכטן,
װאָס האָט צוגעגרײט און אָנגעקליבן,
צעאַקערט און פאַרזײט:
ליבע, װאָרט, מוט, טאַט
פאַר אונדזערטװעגן.

אָ, געבענטשט זאָל זײַן די
פאַרעקשנטע, פאַרגײיענדיקע
טעג און שעהן בײַם שטאַרבנדיקן
מענטש, —
װאָס איך בין ערשט פון אים
אװעקגעפאָרן.

לידער צום נייעם יאָר

1.

אַ גוטע נאַכט דיר, ליבע נאַכט.
אַ דאַנק דיר וואָס דו האָסט
אַ גאַנץ יאָר מיט מיר פאַרבראַכט.
אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט
מיינע מידע הענט געוואַרעמט
און געגלעט.

אַ דאַנק דיר, וואָס האָטס מיך
אַן אויסגערוטן פאַר יעדן נייעם מאָרגן
צוגעשטעלט.

אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיט מיר
געחלומט און געטראַכט.
אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיט מיר
נאָר גוטסקייטן און שיינקייטן געגאַרט.

אַ גוטע נאַכט דיר, געטרייע נאַכט.
אַלע מיינע געלעבטע יאָרן
האָב איך אין דיר אָנגעשפּאַרט,
איבער אַלע מיינע אינטימע
פריינטשאַפטן האָסטו געוואַכט.

אַ גוטע נאַכט דיר, געטרייע נאַכט.
אַלע מיינע געזונגענע לידער
האָב איך ביי דיר אויסגענאַרט,
אַלע מיינע האָפענונגען, פריידן, אָנזאָגן
פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן דו האָסט מיר געבראַכט.
אַ גוטע נאַכט דיר,
פון פאַרגאַנגענעם יאָר,
די לעצטע נאַכט.

.2

איך האָב אַליין פאַר זיך
אַ שפּיגל אויסגעשליפן
און טאָג און יאָרן איך קוק אין אים אַריין:
אוי, וויפל וואונדערלעכע, דורכגעלעבטע
שעהן, רגעס, צווישן אונדזביידן
זיינען פאַרבייגעגאַנגען!
וויפל זומערן און ווינטערן האָבן זיך
געחברט און צעקריגט זיך!
וויפל פרילינגס און הארבסטן האָבן זיך
אַרומגעזוכט און ברוגז זיך צעגאַנגען!
מיין לעבן און מיין אויסגעשליפענער
שפּיגל
וועלן שטענדיק גוטע פריינט זיין.

.3

וויפל זוניקע טעג
איך האָב אין מיין לעבן
אַנגעטראָפן,
און וויפל שיינע ליבעס
מיין האַרץ האָט אָפּגעשפּילט!
אַ, מאָרגן-קומענדיקע שעה און רגע,
ס'איז מיין אויג נאָך הונגעריק
און דורשטיק איז מיין ליד.
דורשטיק איז מיין ליד, ווי איך אַליין,
וואָס וויל זיך אָנטרינקען:
מיט ליבע פון אַלע פאַרליבטע,
מיט גוטסקייטן פון אַלע גוטע,
מיט שיינקייטן פון אַלע שיינע,
מיט אמתן, ליכטיקע ריינע.

.4

יונגער מאָרגן,
אַ גוט-מאָרגן
צו דיין ערשטן אויפטריט.
איך ווינטש דיר גוטס.
איך ווינטש דיר,
דו זאָלסט ניט פֿאַרגעסן
די מיליאָנען וואָס זיינען
אַ גאַנצע נאַכט געזעסן
און פֿייערלעך באַגעגנט דיך.
איך ווינטש דיר,
זאָלסט מיט פֿאַראַיאָריקע מאָרגנס
זיך ניט מעסטן,
נאָר ווי אַ מאַמע-פֿויגל היטן
אונדזערע ערדישע נעסטן,
און אָנהאַלטן דעם שלום אויף דער וועלט.
יונגער מאָרגן,
אַ גוט מאָרגן!
מיין האַרץ און מיין אויג איז מיד
פֿון זיך זאָרגן,
אַז וואָס וועט אויסוואַקסן פֿון דיר!

מיין פרילינג אין טרויער

אויף פענצטער קלעפּט זיך אָן
די פרייד פון זומער ווערן, און טויבן
ריידן זיך דורך מיט פאַרליבטע רייד.
אָך, וואָלט איך געוואָלט דאָס גאַנצע
לעבן אונדזוערם איבערקערן,
איבערקערן עס ווי פריש־אויפגעאַקערטע ערד.
אָך, וואָלט איך געוואָלט
מיינע אייגענע יאָרן אָנקלאָגן,
באַשולדיקטע זיי אַוועקשטעלן
פאַר יעדן ניי־אָנקומענדיקן טאָג
שטראָפן זאָלן זיי מיך פאַר
די עוולות, וואָס איך טראָג אויף זיך.

אויף פענצטער קלעפּט זיך אָן
די פרייד פון זומער ווערן, און גראָז־שפּראָצן
ברעכן דורך די פלאַך פון ערד.
אָך, וואָלט איך געוואָלט דאָס גאַנצע
לעבן אונדזוערם איבערצירן,
איבערצירן פון אָנהייב און אויפסניי,
ווי אויף בוים ערשט־צעעפנט בלעטל,
ווי פון הימל וויים־פאַלנדיקער שניי.
אָך, וואָלט איך געוואָלט
מיינע אייגענע געדאַנקען איבערוואַשן,
אַרויסדרייען פון זיי דעם אָנגעקליבענעם
ברוד און שטויב.
קלאָרע, לויטערע, ניט קיין אויסגעפּלעקטע
אַוועקלייגן זיי אויף דער וואָגשאָל
פון מאָרגנדיקן טאָג.

אויף פענצטער קלעפּט זיך אָן
די פרייד פון זומער ווערן
און זון־שטראַלן בשורות וואַרעמע זאָגן אָן.
אָך, וואָלט איך געוואָלט דאָס גאַנצע
לעבן אונדזערס אַריבערפירן,
אַריבערפירן אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט,
אפשר זיינען מענטשן בעסערע פון אונדז
פאַראַנען דאָרט.
אָך, וואָלט איך געוואָלט מיין ליד,
וואָס איז מיין לעבן, מיין פאַרמעגן,
ווי אַן אָפּצאָל צוצוזאָגן
דעם אויפגייענדיקן מאָרגנדיקן טאָג.

אויף פענצטער קלעפּט זיך אָן
די פרייד פון זומער ווערן
און צעבליען וועט זיך דער געבורט
פון ברויט און פרוכט.
האַרץ מיינס, קאָפּ מיינע,
אויגן טייערע, העלפט מיר
זיך אַרויסקלעטערן פון דעם טרויער טאָל!

צו דיין יאָרטאָג, שלום־עליכם

שלום־עליכם — אַזוי פיל חן,
אַזוי פיל צערטלעכקייט אין דעם נאָמען!
דאָס גאַנצע לעבן מיינס, וואָס איך בין אַפּגעגאַן,
און נעם זיך אויף צוריק צו דערמאָנען.

וואו האָב איך זיך מיט אים באַקאַנט,
וואו האָב איך זיך מיט אים געטראָפן,
קאָראָסטישעוו! אין וואונדערלעכן סאָסנאָווען וואלד —
מיין ערשטע ליבע האָט זיך פאַרלאָפן.

אויפן הויכן באַרג, אויף די גרינע גראָזן,
איך בין מיט מאָטלען אַרומגעקראָכן.
אין בלאָטעס מיט פאַרריסענע פאַלעס —
איך בין טביהן נאָכגעגאַן לאַנגע טעג און וואָכן.

אין דעם שניידער, וואָס נייט און נייט —
און האָט קדחות און נישט קיין ברויט,
פון שלום־עליכמס פאַרכישופטע שניידערל
כ׳האָב דערקענט הערש־וואָלפן מיין שכן.

אין יעדן צעשויבערטן בערדל
און צעפּאָכעטער קאַפּאָטע
אַ מנחם־מענדל איז אַרומגעגאַנגען
מיט וויכטיקע „זאַבאָטעס".

שלום־עליכם:
פאַר יעדן טאָג, פאַר יעדן
קומענדיקן מאָרגן,
פאַר יעדן קינד, פאַר יעדן מענטש,
וואָס טראָגט אַ סימן פון דיין נאָמען,
אַ טרייסט ווערסטו זיין, אַ ליכטיקער אָמן.
אַזוי ווי דו ביסט פאַר מיר,
פון אָנהייב קאָראָסטישעוו, ביז מיין
היינטיקן טרויער טאָג,
וואָס איז אויף מיר אָנגעקומען.

האַרבסט־מאָטיוון

.1

באַרג פֿון באַרג
וואַקסן דאָ אַרויף צום הימל,
די ערשט־אָנגעקומענע האַרבסט טעג
גייען אַרום און מאַכן אַ טומל.
זיי שטייען אויף גאַנץ פֿרי
און נעמען זיך מיט די ביימער שלאָגן.
און וואו אַ פֿויגל צי אַ הירש איז דאָ
צו די טאָלן נעמען זיי זיך יאָגן.
ערד האָט אויף זיך גרינע גראָזן
אַ גאַנצן זומער אַרומגעטראָגן.
איצט באַפֿאַלט דער האַרבסט די נעכט,,
און וואַרפֿט אַן אַ קאַלטע שרעק
אויף די פֿאַרטאָגן..
בלעטער האָבן דאָ געלעבט
פֿראַנק און פֿריי אין די רעגנס
זיך געוואַשן און געצוואָגן.
איצט וואַרפֿט דער ווינט זיך
מיט זיי אַרום,
ווי ער וואָלט אַ גאַנצן חלק
אין זיי האָבן.

.2

אויףביימער די בלעטער
האָבן זיך צוגעטוליעט איינס צום צווייטן,
און מיינען אַזוי־אַרום זיך אויסהיטן
פון ווינט.
אָ, האַרבסט, דו קלוגער און אין אַלץ
געניטער,
פיר זיי ניט אַראָפּ פון וועג,
היט זיי אָפּ אין זייערע געציילטע מינוטן,
לאָז זיי ניט אַראָפּפאַלן איינציקווייז
אויף דער ערד.
לאָז זיי ניט פאַרוויייעט ווערן
איבער פרעמדע פלויטן,
טראָג זיי ניט אַוועק פון זייער
אייגענער ערד.
דאָ זיינען זיי געבוירן געוואָרן
פון פרילינג־בלוטן
דאָ ליגן זאָלן זיי אין זייער רו.

.3

דער הימל וועט ניט פאַרעלטערט ווערן
און וועט ניט בלייבן הענגען אינמיטן
פון דער וועלט פאַרגליווערט,
האַרבסט איז פיל מאָל אויף דער וועלט געווען
און מיט מיינע יאָרן זיך שוין
אויך היפּש באַגעגנט.
איצט האָבן מיר זיך ווי אויפסניי באַקאַנט
און דערזען זיך ווי לייבלעכע ברידער.
דער הימל מישט וואונדערלעכע
קאָלירן אָן.
דער האַרבסט באַמאָלט מיט זיי
די בערג און טאָלן,
און איך זאָג צו זיי
אַזוינס האָבן נאָך די גרעסטע קינסטלער
ניט געמאָלן.

.4

פון טאָג צו טאָג ס'ווערט דאָ שטילער,
און פון זון די וואַרעמקקייט ווערט אַלץ קילער.
פון פויגל הערט זיך ווינציקער דאָס זינגען,
און פון בהמהס האַלדז דער גלאָק קוים
וואָס הערט זיך קלינגען.
הירשן פירן זיך אַרום איינציקווייז און צוזאַמען,
קינדער אינדערמיט, באַוואַכט פון טאַטן און מאַמען.
עפּל פאַלן אַראָפּ צו דער ערד
און ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל זיי אויפקלייבן,
די שיינע פול-קאָלירנדיקע בלומען-וואוקסן
איינזאַמע בלייבן.
איך אַליין פיר זיך דאָ אַרום
און געזעגן זיך מיט אַלץ,
וואָס כ'האָב דאָ אָנגעטראָפן, —
גאָלדענע טעג, גרינע ערד, מענטש,
בהמה, פויגל און פערד,
און איבער אַלץ — דער הימל,
צעשפּרייט און אָפן.

.5

אומעטום, אַז ס'פאַרגייט די זון,
פאַרגייט זי, ווי ס'וואָלט איר שטאַרק פאַרדראָסן.
היינט, ווען די זון איז דאָ פאַרגאַן,
האָט זי מיט טייכן גאָלד די טאָלן אָנגעגאָסן.
אומעטום, אַז די נאַכט קומט אָן,
קומט זי ווי זי וואָלט עפּעס
ביים פאַרנאַכט פאַרגעסן.
היינט, ווען די נאַכט איז אַהער געקומען,,
האָט זי די בערג, דעם הימל, און די זון
איינגאַנצן אויפגעגעסן.
אומעטום, אַז די נאַכט איז שוין דאָ
טוליעט זי זיך צו צו דער ערד
און לייגט זיך אַוועק שלאָפן,
היינט האָט דאָ די נאַכט
מיט מיליאָנען טענער מיך געוועקט
און גערופן.

וועגן אַ מויער און זיינע בויער

ס׳גייט ניט אין דעם וואָס געהאַנגען
זיינען אויף שטאָלענע דראָטן
סטאָסעל און טאַראַנטינאָ,
מעקרעגאָר און פּאָליאַטשוק.
ס׳גייט נאָר אין דעם, ווי הויך
דאַרף אַ מענטש זיך אויפהויבן
און זיך דערהייבן צום הימל אַרויף?

אוי, ליבער מענטש, מיין טייערער ברודער,
אַזוי ווי ס׳הענגען די בינטלעך ווייַנטרויבן
אויף צווייגן און טוליען זיך און קלעמען זיך
איינס צו איינעם,
אַזוי הענגט דיין מינוטנדיק לעבן
אויף דיינע אַקסלען און טוליעט זיך
און קלעמט זיך צו דיין ענגן לייב.

איז וואָס, אַז ס׳הענגען מענטשן
אויף שטאָלענע דראָטן
און הייבן זיך העכער און העכער
צום הימל אַרויף?
פּאַלט ניט צו דער ערד אַראָפּ זייער שאָטן
און צעברעקלט זיך אויף שטויב?

אוי, ליבער מענטש, מיין טייערער ברודער!
געגאַן ביסטו מיט דיין טאָג, מיט דיין זומער,
מיט דיין באַגער פאַר דיין קלייד,
פאַר דיין ברויט און דיין בעט.

ביסט געגאַן מיט דיין האַנט,
מיט דיין האַמער,
צוגעטראָגן דיין אייגן לעבן צום ווילן
פון איינעם, וואָס האָט געוואָלט אויפשלאָגן
אויפן הימל זיין געבאָט.

אַ שטיין צו אַ שטיין האָסטו צוגעמויערט,
אַ שטאָק אויף אַ שטאָק האָסטו אויפגעבויט,
און דער הימל איז נאָך אַלץ הויך —
איבערן קאָפּ!
און גייען טעג און גייען יאָרן,
גייען שווערע, גייען אָנגעלאָדן.
הויך און העכער, ס׳איז ניט מיטן מויל
אַרויסצוזאָגן . . .

נאַרן שפּילן זיך מיט פייערדיקע
רייפן,
קלוגע קלייבן קעשענעס מיט געלט,
ווי ס׳קלייבן טויבן קערנער
אין די הויפן.

איז וואו ביסטו סטאָסעל און טאַראַנטינאַ,
מעקרעגאַר און פּאַליאַטשוק?
אוי, מיין ליבער מענטש, מיין טייערער ברודער,
דיין האַנט איז דאָך געווען
ווי אַ וואונדערלעכער שידוך-פירער
צונויפצובינדן, צונויפצופּאָרן
לאַנג, לעבעדיקן שטאָלענעם באַלקן —
מיט לאַנג לעבעדיקן פליטע-שטיין.

איז וואָס, אַז ס׳טראָגט שוין די ערד
אין מיין שטאָט אויף יאָרן און יאָרן
דיין אויסגעקאָוועטן מויער?
איז וואָס, אַז איך וועל אַן עדות זיין,
אַז דו ביסט געווען דער באַשעפער,
דער בויער?
אַז סיי ווי סיי שטייט שוין דיין ווייב
און דיין קינד מיט זייער נויט —
און מיט דיין איבערגעלאָזטן טרויער;
שטייען אַצינד פאַרן פאַרשלאָסענעם
בראַנדזענעם טויער,
פון מויער,
וואָס מיט אייער לעבעדיקן כוח האָט געבויט.

דער מענטש, וואָס וויל ניט הערן

אַזוי האָט זיך געוויקלט טאָג אין נאַכט,
און נאַכט האָט זיך געשטעלט דעם טאָג אַנטקעגן.
אַזוי האָט זיך געדאַכט, געטראַכט דער מענטש,
אַז מזל ליגט געגרייט פאַר אים אויף זיינע וועגן.
מזל שיט זיך ניט אַראָפּ ווי שניי אויף ערד,
מזל יאָגט זיך ניט ווי לויפנדיקער פערד,
מזל זיצט שטיל און קיל ווי אַ שטערן אין הימל.

דער מענטש וואָס וויל ניט הערן,
זיצט ביי זיך אין שטוב,
און טראַכט, אַז דאָס לעבן זיינס
איז אים זייער ליב,
און וואָס דאַרפן פרעמדע זאַכן
זיך מיט אים אָנקערן?

איז וויפל וועגט די פרייד ביי מענטשן
אין זיינע אויגן?
איז וויפל וועגט דער טרויער ביי אים
אויף זיין האַרץ?
אָפּצוואווען יעדער שטיקעלע און שטיקל,
איז ווי פון מויל אַרויסגעבלאָזענער רויך.

דער מענטש וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביי זיך אין שטוב,
און וויל ניט זען ווי טיף ס'איז די גרוב,
וואָס האָט איינגעשלונגען זיינע ברידער.
ער וויל ניט זען ווי קורץ ס'איז
דער וועג פון אים — צו יענע פאַרצערטע גלידער.

איז וויפל מאָל ס'האָט זיך אומגעדרייט
די ערד אַרום דער זון!
איז וויפל מאָל ס'האָבןביימער זיך
אין גרינע בלעטער אָנגעטאָן!
איז וויפל מאָל האָבן זיך הימלען
אין וואַסערן געשפּיגלט!
איז וויפל מאָל האָט זיך
נישטיקער קריך־וואָרעם באַפליגלט!
דער מענטש, וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביי זיך אין שטוב.
אַוודאי איז דאָס לעבן זיינס
אים זייער ליב,
און וואָס דאַרפן פרעמדע זאַכן
זיך מיט אים אָנקערן?

ניט פאַר אים איז דער פייער־פלאַמיקער
קאָלך־אויוון!
ניט פאַר אים איז ליב פון קינד
פאַרברענט אין אַש אין שטויבן,
אַ שטיין קאָן אַ שטיין צעדריקן,
אַ בוים קאָן אויפעסן דאָס האַרץ
פון אַ בוים.
וואַסערן אין וואַסערן ווערן דערטרונקען,
און אַ פאַלנדיקער שטערן
אין טיפער ערד ווערט איינגעזונקען.

דער מענטש וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביי זיך אין שטוב.
אַוודאי איז דאָס לעבן זיינס
אים זייער ליב,
און וואָס דאַרפן פרעמדע זאַכן
זיך מיט אים אָנקערן?

ניט קיין אָפּצאָל דאַרף ער צאָלן,
אין זיינע אויגן פּחד־בילדער וועלן זיך
ניט מאָלן,
ניט זיין האַרץ וועט מען דורכלעכערן
מיט שטאָלן,
און זיין רו וועט ניט שלאָפן
אויף בעט אויף שמאָלן.

פייגל פליען־אום פון ערד צו הימל,
גראָזן שפּראָצן פון דער טיף אַרויס,
אָן געשריי, אָן טומל.
לבנה דרייט זיך אום אויף ים
דעם ברייטן,
און אויף פאַרוואָרפענע וועגן.
רעגן אין דער לופטן הענגט,
און שנייען אין די וואָלקנס ליגן.
דער מענטש וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביים זיך אין שטוב.
אַוודאי איז דאָס לעבן זיינס
אים זייער ליב,
און וואָס דאַרפן פרעמדע זאַכן
זיך מיט אים אָנקערן.

ניט פאַר אים ציטערט
אָן אויסגעשניטענער צונג,
ניט פאַר אים איז אָנגעמאָסטן
אייזערנער רינג.
ניט פאַר אים איז אויסגעברענט
דער צייכן
אויף זיין ליב, אויף זיין ווייכן.

ווינטן ווייען זיך פאַר זיך אַליין,
שטורעמס שטורעמט זיך פאַר אייגענעם געדריי,
דאָס דונערן פון דונער, פאַר זיך אַליין איז שיין.

וואונדער זיינען זיך פאַרלאָפן,
און שלעכטע זאַכן האָבן זיך געטראָפן —
אַלע מאָל, אין אַלע צייטן;
דער מענטש וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביי זיך אין שטוב
און מיינט דאָס לעבן זיינס
איז אים זייער ליב,
און וואָס דאַרפן פרעמדע זאַכן
זיך אָנקערן מיט אים?

האָב ניט מורא פאַרן הונט,
ווען אויף קייט אַ צוגעבונדענער שטייט.
שרעק זיך ניט פאַרן מענטש,
ווען שיכורער אויף גאַס ער גייט.
פוץ זיך אויס אין עלעגאַנטן קלייד,
פון באַרימטן פאַכמאַן אויפגענייט.
ריר ניט אָן אויף דער וואַנט אַ פליג,
נאָר דערשפיל דיין שאָך־שפיל —
צו זיג.

דער מענטש וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביי זיך אין שטוב
און איז זיכער אַז דאָס לעבן זיינס
איז אים זייער ליב,
און וואָס דאַרפן פרעמדע זאַכן
זיך מיט אים אָנקערן?
ווען קלאָרער הימל
איבער הויכן איז צעצויגן;
ווען קליינע קינדער פון מאַמעס ברוסט
מילך זויגן;
ווען יונגער פויגל איז צום ערשטן מאָל
פון נעסט אַרויסגעפלויגן.
ווען מערשקע מעסט די ערד
מיט אירע אויגן.
ס'איז ניט געווען, ס'וועט ניט זיין,
ס'איז ניט געשטויגן, ס'איז ניט געפלויגן,
ס'איז אויסגעטראַכט פון די —
וואָס אין מזל ווילן ניט גלויבן.
פאַר וועמען ס'איז דאָס צוגעגרייטע
אָנגעגרייט,
און ווען דאָס צוגעגרייטע פעלט
בעטלען דאָס ער גייט.

דער מענטש וואָס וויל ניט הערן
זיצט ביי זיך אין שטוב
און ווייסט, אַז דאָס לעבן זיינס
איז אים זייער ליב,
דאַרפן קיין פרעמדע זאַכן
זיך מיט אים ניט אָנקערן.

ווער וועט אויסחשבונען זיין פאַרמעגן?
ווער וועט זיין נאָמען ביי אים פרעגן?
ווער וועט באַפיילן, ווער וועט אים זאָגן,
צי די נאַכט איז זיינע,
צי זיינע זיינען די פאַרטאָגן?
ווער וועט אין אַ באַן זיין פּלאַץ
פאַרנעמען?
ווער וועט אין דער עפנטלעכקייט
אים פאַרשעמען?
ווער וועט קוקן אויפן קאָליר
פון זיין לייב,
ווער וועט אים שטערן אויסצוקלייבן
פאַר זיך זיין ווייב?
ווער וועט אים זיין וועג פאַרשטעלן?

עטהאָן אַללען און איך

גרין איז דאָס גראָז
און ווייך זיינען מיינע טריט,
איך גיי אַרום אויף ווערמאָנטישער ערד
און איך קלער.

וויפל דאַרף אַ מענטש זיין
פאַרעקשנט און פאַרבאָרגן,
מעסטן מיטן האַרץ און וועגן
מיט די אויגן.

אַז דער הימל איז קלאָר לויטער —
צו די הויכן געהויבן.
אַז די ביימער זיינען רייך —
מיט בלעטער באַצויגן.

וויפל דאַרף דער מענטש
מיט זיין לעבן פאַרנעמען,
אַז אַ שטיקל פון דער ערד
אויף זיין ברייט און זיין לענג
איז נאָך אַלעמען זיין לעצטער סימן.

*) עטהאָן אַללען—איינער פון די פיאָנערן אין ווערמאָנט, געקעמפט פאַר
דער אַמעריקאנער פרייהייט.

איך גיי אַרום אויף ווערמאָנטישער ערד
און איך הער,
איך הער די פֿייגל, ווי זיי זינגען,
איך הער גלעקער אויף קי־העלדזער
ווי זיי קלינגען.
איך הער וואַסערן ווי זיי צעקלאַפּן זיך
אויף שטיינער.
איך הער ווינטן ווי זיי שפּילן זיך
מיטביימער,
און איך קלער, ווי צעגייען זיך די וועגן
פֿון עטהאָן אַללען, דער זון פֿון עטהאָן,
דאָ אויף דער ערד דער היגער פּויער,
און פֿון מיר, ישעיה בן ברוך, דער ייד
פֿון ערדן פֿון ווייטע אַ גאַסט אַ פֿרעמדער,
אַז די זון קיילעכדיקט זיך צו גלייך
אויף אונדזערע קעפּ,
אַז די זיסע וואַרעמקייט גיסט זיך
גלייך אויף גלייך אויף אונדזערע לייבער,
און די נעמען פֿון גראָזן, פֿון בלעטער,
און ווילדע געוויקסן זיינען אונדז
ביידן באַקאַנט.

איך גיי אַרום אויף דער ווערמאָנטישער ערד,
און איך זע
אַ בוים צו אַ בוים איז ניט צו פֿאַרגלייכן,
אַ שטיין אויף אַ שטיין איז אויסגעלייגט,
ווי זיי וואָלטן די אייביקייטן באַוואַכן.
און איך טראַכט, אַז איך און עטהאָן
וועלן סוף כל סוף אונדזערע חשבונות
אויסגלייכן.

דער מענטש פון דער ערד און איך

ע ר

אַט דאָ איז אַמאָל געשוואומען
אַ גאַנץ וואוילער טייך,
און דאָ האָט ניט לאַנג צוריק דער ווינט
אַראָפּגעכאַפּט דעם דאַך.

דאָ האָבן מיר שטיינער־ווייסע געשניטן,
פֿאַר שטאָטישע מויערן און משפחה־קברים,
דאָ איז אומגעגאַנגען דער זיידע,
זיין זיידע, העט ווייט אַוועק צום וואָרצל,
צום אויפקום פון מיין שטאַם.
אַט דאָ איז מיין לאַנד,
גרין זיינען די ביימער, דין איז דאָס גראָז,
נאָר דאָס האַרץ פון דער ערד
איז שטיינערדיק און שווער.

א י ך

אָבער דאָס ברויט אויף די פעלדער
וואַקסט פאַרן שניטער ווי שיינע גלידער,
און די פרוכטן אויף ביימער גרייטן זיך
פאַר זיין טיש.
יונגער טאָג איז ווי גאָלדענע ביטער —
אָנגעגאָסן מיט צעשוימטן ביר,
און נאַכט אָנקום ווי צעשמעלצטער זילבער —
גיסט זיך אוים ביי זיין טיר.
דאָס געזאַנג פון פויגל
און דאָס געקלאַנג פון גלעקער
אויף בהמהשן האָלדז,
איז זיין אויפוועקער.

ע ר

דאָ דורכצוקומען דעם טאָג
איז ווי אַרויפקקלעטערן אויף אַ באַרג,
און די נאַכט אויף דורכצושלאָפן זיך —
איז קאַרג.

דאָ איז דער זומער געמאָסטן
פון זון אין פרימאָרגן,
ביז לבנה אויף דער נאַכט.
דאָ איז דער ווינטער אַ קאַלטער און אַ פאַרלאָזטער
ביי אונדז אויף די הענט.

א י ך

אָבער קלאָר איז דער הימל צעהאַנגען
ווי אַ לויטערע פאָן.
ליכטיק איז אין די אויגן אויפצוקלייבן
די יאַגעדעס, און אויפצוזאַמלען
די בייטעלעך מיט מאָן.
און די זון אויף די בייטן און זון אויף די פינגער,
די ערד ברענגט שפּרודלדיק וואַסער
צום טרינקען,
קאַרטאָפל און גרויפּן, דעם הונגער
זעטיקט זי אָן.
און וואָל פון שאָפענע הויטן,
און מילך פון אייטערם פולע
און אייער פון הינער פריש-געלע,
און ווייַן פון רויט-לעבעדיקע טרויבן.
וואָס פאַר אַ פרייד אין האַרצן,
וואָס פאַר אַ זיכערקייט אין די אויגן!

ע ר

אָט דאָ איז געגאַנגען מיין טאַטע,
געגאַנגען פאַר מיר,
געגאַנגען נאָך זיין טאַטן.
געגאַנגען מיט פערד און וואָגן,
מיט אָקס,, מיט ווייב און מיט באַגער.
פאַר אייגענער שטוב,
פאַר אייגענער טיר.
אָט דאָ איז מיין לאַנד
און פאַרהאָרעוועט איז מיין ברויט
ביי מיר, ווי דיינס ביי דיר.

אייברעהעם לינקאָלן

אויף ראַדיאָ —
אַ גלעקל האָט געקלונגען
און פון דראָטן־שטראָם —
אַ קול האָט אויסגעזונגען:

אַמעריקע אַמעריקע, איך האָב דיך ליב!
אייברעהעם לינקאָלן!
אין דיין נאָמען — באַנען און עראָפּלאַנען —
פירן איצט אַרום שליחים, וואָס נאָרן אָפּ דיין לאַנד.

אין אַכצן הונדערט דריי און זעכציק,
דעם ניינצנטן נאָוועמבער האָסטו אין געטיסבורג
אויסגעהאַמערט און אויסגעשליפן אַן אמת,
קיילעכדיק ווי די זון.

„אונדזערע טאַטעס האָבן געגעבן דעם לאַנד
אַ ניי פאָלק, געבוירן אין פרייהייט —
און געווידמעט דעם געבאָט, אַז אַלע מענטשן
ווערן גלייך געבוירן".

אייברעהעם לינקאָלן!
היינט ביינאַכט האָט די לבנה
בלאַנקענדיק און שאַרף געשניטן —
מיינע אויגן.
מיט ציטער־פּראָסטיקן גלאַנץ —
אויפגעוועקט אין מיר גלויבן.
אַמעריקע, אַמעריקע, איך האָב דיך ליב!

און ס'וועט דאָס מויל פון שלעכטן מענטש
מיך ניט איינרעדן,
איבער זיין אויסגעפּוצטן און סם־צעפרעסענעם
געשטאַלט וואַקסטו אויס, לינקאָלן,
קלוג און באַשיידן.

„מען קאָן אָפּנאַרן מענטשן אייניקע מאָל,
מען קען אָפּנאַרן אייניקע מענטשן אַלע מאָל,
נאָר מען קאָן נישט אָפּנאַרן אַלע מענטשן אַלעמאָל".

היינט ביינאַכט, מיט הונדערט זעקס און פערציק
יאָר צוריק, אַ גליק אויף מיר:
וואָס דיין מאַמע האָט דיך געבוירן,
אייבערהעם לינקאָלן!
איך וויל נישט שטערן איצט דיין רו,
דו ,מענטש פון ערלעכער מי,
דו, מענטש מיט שטאַרקע הענט,
און קלוגן פאַרשטאַנד.
איך וויל דיר נאָר זאָגן, אַז מיט דיר
איז מיר אַמעריקע נאָך
טייערער געוואָרן.

ש. בודין

לעבן מיינע לידער

1957

מאַי

פון קינדערווייז אָן האָב איך זיך מיט מאַי געחברט,
און מיט אַלערליי מתנות האָבן מיר זיך געטיילט.
איך האָב מיינע חלומות און האָפענונגען צוגעטראָגן,
און מאַי האָט בינטלעך קאָלירנדיקע פרייד געבראַכט.
אַלע יאָר האָבן מיר פאַר זיך אויסגעקליבן
די שענסטע גאַסן און סקווערן איבער גאָרער וועלט.
דעם שטאָלץ, דעם כוח, דעם פאַרמעגן
פון ערלעך־פראַצעוודיקן מענטשן צעוויקלט און צעשטעלט.

אַלע יאָר — פינף צענדליק יאָרן,
אינאיינעם האָבן מיר געפּלאַנעוועט און געגרייט.
היינטיקס יאָר, נאָך אַזאַ לאַנגן עלטער,
האָבן בייזוויליקע וועגן אונדז פאַלשע קלאַנגען פאַרשפּרייט.

אָ, מאַי, מיין פריינט, מיין יוגנט־חבר,
דו האָסט דאָך מיך גאַנץ גוט געקענט,
הער זיך נישט צו צו די, וואָס האָבן נישט קיין גלויבן,
פאַל נישט אַריין אין זייער פּאַסטקע־פאַנג.

שטיי אויף דעם ערשטן טאָג פון דיין מאַיעדיקן מאָרגן,
פוץ זיך אויס אין דיין גרין־גאָלדן יום־טוב־קלייד.
איך און מיינע פינף צענדליק יאָרן,
וועלן דיך אויפנעמען מיט ערע און מיט פרייד.

אין שטילער רו

איך קוק זיך צו צו בלאַט און גראָז
און זע, ווי זיי וואַקסן און הייבן זיך אויף
מיט יעדער מינוט און מיט יעדער שעה.
איך דאַנק דער ערד, וואָס האָט אָנגענומען,
און איך בענטש די האַנט פון מיין ליבער פרוי,
וואָס האָט מיט גוטסקייט פאַרפלאַנצט
פרייד פאַר מיין האַרץ און רו פאַר מיינע אויגן.
איך קוק זיך צו צו אַ ווייסן שיסל
מיט אָנגעבערעקלט ברויט אונטער אָפענעם הימל,
וואָס אויף אַ טשיל שטייט אָנגעגרייט.
איך דאַנק די פייגל וואָס קומען עס עסן
און איך בענטש מיין פרוי,
וואָס האָט עס ניט פאַרגעסן.
איך קוק אויף די הויך־געוואַקסענע ביימער,
וואָס האַלטן די זון אַ גאַנצן טאָג
אויף זייערע צווייגן,
און איך דאַנק זיי, וואָס זיי וויקלען מיך איין
פאַרנאַכט מיט וואַרעמען שטילשווייגן.

• • •

וואונדער פון אייביקייט אין יעדן בלאַט
און אין יעדן גראָז ליגט פאַרבאָרגן,
און גוט איז מיר מיט מיינע אויגן עס צו זען,
ווען איך שטיי אויף פון מיין שלאָף יעדן פרימאָרגן.
גוט איז מיר צו ציילן אויף שטאַנגען
די ניי־געבויערענע בליטן,
און פריילעך איז מיר צו זען
דעם אויפקום פון קוויטן און גרינצייג
פון נעכטיקע צוויטן.
וואונדער פון אייביקייט האָט די ערד אָנגעקליבן,
און נאָך טויזנטער יאָרן וועט זי דער וועלט
אירע שיינקייטן אָפּגעבן.

• • •

אַ באַשעפעניש אן האָט זיך דאָ אַהער פאַרקליבן,
גייט אַרום, שמעקט און נישטערט מיט דער נאָז אין דער ערד,
מיליאָנען פייער־וואַרפנדיקע נאַכט־פליגן
זוכן אַרום דעם פאַרלאָרענעם וועג.
מיין אויג ווערט זאַט, מיין האַרץ ווערט אָנגעגאָסן
מיט פולן טעם פון לעבן וואָס טוליעט זיך
צוביימער און צו גראָזן.
אַ בלויער פויגל, מיט ווייס־געפוצטע פליגל,
ווי אַ פינקטלעכער זייגער
צעזינגט זיך יעדן פאַרנאַכט און אינדערפרי.
אָ, ווי גוט ס׳איז מיר
מיין מידן קאָפּ אַהער אַוועקצופירן
און געבן אים שטילע רו.

אַ מעשה פון דזשעק דעם ייד

איך וויל אַ מעשה דאָ דערציילן.
אַלע ווייסן אַז מען קאָן אַ נום
פון דער שאָלעכץ אַרויסשיילן.
אַלע ווייסן, אַז אין פרילינג
בליען ביימער.
אַלע ווייסן אַז ליבע מענטשן
זיינען טרוימער.
אַלע ווייסן אַז די ערד טראָגט אין זיך
די גוטסקייט פון דער וועלט.
אַלע ווייסן אַז שיינקייט קויפט מען ניט
מיט געלט.
אַלע שטעלן זיך אָפּ און קוקן
ווי אויף וואונדער,
ווען ס׳גייט אויף גאַס אַרום
אַ בלינדער.
אַלע טראַכטן פון ניט צו טאָן
אַזוינע זאַכן,
— אַז אַנדערע זאָלן פון זיי ניט לאַכן
אַלע רופן זיך אָן מיט נעמען.
און אויב דאָס זיינען יידן, הייסן זיי :
ח י י ם ,
א ה ר ן ,
י ו ס ף ,
צי
ש מ ע ו ן .

איך וויל די מעשה דאָ דערציילן
— פון דעם ייד דזשעק
וואָס פון בייטלען, בייטלען — לעדערנע,,
זיידענע,
פליושענע,,
בלעכענע,
גלעזערנע,
הילצערנע,
— שטרויענע
לויפט ער איצט אַוועק.

איז פון וואַנען הייבט זיך אָן די מעשה?
ניט פון דאָרטן וואו עס איז געשטאַנען
דאָס ציגעלע דאָס ווייסע,
ניט פון דאָרטן וואו עס האָבן קינדער
זיך געשפּילט,
ניט פון דאָרטן וואו עס האָט זיך קאָפּ
מיט חלומות אָנגעפילט.
עס הייבט זיך אָן די מעשה
אין די גאַסן פון ניו־יאָרק,
עס הייבט זיך אָן ביי די ביימלען —
אין וואַרשטאַט.

אַז אַ מיידל גייט שפּאַצירן,
טאָר זי גאָרניט ניט פאַרלירן —
מוז זי האָבן אַ ביימל אין איר האַנט.

אַז אַ מאַמע גייט איינקויפן
פאַר קינדער וואָס וואַקסן אויף מיט יאָרן,
דאַרף זי יעדן גראָשן שפּאָרן —
מוז זי האָבן אַ ביימל אין איר האַנט.

אַז אַ פאַרליבטע נעצט אין טרערן אוים
איר טיכל,
צי זי קאָן זיך ניט שיידן מיטן ראָמאַנען־ביכל,
מוז זי האָבן אַ ביימל אין איר האַנט.

אַז אַ רייכע דאַמע פאָרט אַרום
אויף שיפן,
דאַרף זי באַהאַלטן אירע צירונגען
אין טיפן,
מוז זי האָבן אַ ביימל אין איר האַנט.

ביימלען, ביימלען, ביימלען — כאַטש פון סטעליע,
כאַטש פון אויגן, כאַטש פון ווענט
זיי רייס אַרוים.

ביימלען, ביימלען, ביימלען — כאַטש די שטיינער,
כאַטש דאָס האַרץ, כאַטש די ערד
נעם און צעביים.

און מיט בייטלען ווערט פֿארפֿולט דאָס לעבן.
און בייטלען אַפּילו אין שלאָף זיי שוועבן.

וואו איז דאָ אַ שטאָט אַזוינע,
אַז אויף בייטלען זאָל ניט זיין קיין קונה?
וואו איז דאָ אַ שויפֿענצטער אַז זיין בייטל
זאָל ניט זיין דער שענסטער?

אַזוי זיינען אַפּגעגאַן די יאָרן:
דזשעק דער ייד איז אויף אַטאָם
און אויף באַנען אומגעפֿאָרן,
גאָלד האָט זיך געקלעפּט צו זיינע פֿינגער.
און פֿון אָנגעשטאָפּטן בייטל
ער איז געוועזן דער זינגער.

איז וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מעשה,
וואָס איך האָב געוואָלט דערציילן?
אַלע ווייסן אַז מען קאָן פֿון אַ קרענק
זיך היילן,
אַלע ווייסן, אַז אין נסים איז ניטאָ
וואָס צו גלייבן.
אַלע ווייסן אַז העכער פֿונעם הימל
קאָן זיך קיינער ניט דערהייבן.
אָבער קיינער ווייסט ניט ווי איך —
וואָס ס׳האָט זיך פֿאַרלאָפֿן
וואָס ס׳האָט מיט דזשעק דעם ייד
זיך געטראָפֿן.

בייטלען, בייטלען, בייטלען
זיינען אים אַרויסגעפֿאַלן
פֿון די אויגן
און דער שווער־וויטיקדיקער בראָך
פֿון זיין שטאָם
צו אים אין קאָפּ האָט זיך
אַריינגעקליבן.

קאָן דאָס זיין

איך וויל רעדן איצט פון זיך אַליין.
און אַט וועל איך זאָגן וואָס איך מיין:
איך, אַן אור-אייניקל פון אדם הראשון
און אַ יידיש קינד פון מיין שטאָם,
געזוכט איך האָב מיט אַלע מיינע מעגלעכקייטן
זיך צו דערוויסן ווי פּאָס איך זיך איין
אין וועלט-געשיכטע ראָם.

נחם קאָסטן איז איבער וואַסערן אַרומגעשוואומען
און אַלע דאָרט האָבן געבענקט די טרוקענע ערד
צו דערזען.
און אַז דאָס גליק האָט זיי געטראָפן האָט קיינער
ניט פאַרשריבן אין ביכער, ווער דער ערשטער צו באַטרעטן
די טרוקענע ערד איז געווען.

איז וועמענס ייחוס איז שענער, בעסער?
מעסטן קאָנען מיר א סך.
דערמאָנט מען זיך נאָר אַז דאָס לעבן
האָט אונדז געגעבן:
אברהם, יצחק און יעקב,
קריסטוס, סעינט פּיטער און סעינט פּאָול,
ישעיה, שלמה און דוד,
צעזאַר,, אחשורוש און אַלעקסאַנדער מוקדון,
שפּינאָזע דער רמב״ם און דער בעל-שם,
לוטער, סאָקראַט און אַריסטאָטל,
און די תורה איז דאָך פאַר אַלעמען
אויף דער גאַנצער וועלט פאַראַן.

איך וויל רעדן איצט פון זיך אַליין,
און וועל באַלד זאָגן וואָס איך מיין.
קאָן דאָס זיין, אַז ווען אָדם הראשון
איז אויף דער וועלט געווען, האָט ער שוין דאַן געזען
נאָר די קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, מאָכמעדאַנער,
רוסן, פראַנצויזן, דייטשן, איטאַליענער;
צי אויך מיך דעם יידישן זון.

קאָן דאָס זיין, אַז ווען משה האָט פון מצרים
מיין יידן־שטאָם אַרויסגעפירט,
האָט ער זיי ניט מיט גרויס גלויבן אין
פרייהייט אָנגעגורט?
קאָן דאָס זיין, אַז דאָ וואו איך בין דאָ
איז מיין האָפענונג ניטאָ?
קאָן דאָס זיין, אַז דאָ וואו איך בין דאָ
איז מיין ליבע ניטאָ?
קאָן דאָס זיין, אַז דאָ וואו איך בין דאָ
איז מיין שיינקייט ניטאָ?
קאָן דאָס זיין, אַז דאָ וואו איך בין דאָ
איז מיין געטריישאַפט ניטאָ?
קאָן דאָס זיין, אַז דאָ וואו איך בין דאָ
איז מיין לעבן ניטאָ?
ס'איז דאָך פערציק יאָר
אין מדבר געווען.

איך וויל רעדן איצט פון זיך אַליין.
און אָט וועל איך זאָגן וואָס איך מיין:
אָדם הראשון איז מיין פאָטער געווען.
אברהם אָבינו איז געווען מיין זיידע.
איז אויב ניט די גאַנצע וועלט, איז אַ גרויסע שטיק
פון דער וועלט קער זיך אָן מיט זיי ביידע.
און ווער האָט געבראַכט מיטן מויל
די שיינע געבאָטן; ליב דיין שכן —
ווי דו ליבסט זיך אַליין —
ס'איז דאָך פאַרשריבן אויף פאַרמעט.
ס'איז דאָך איינגעקריצט אין שטיין.
איז דאָ וואו איך בין דאָ —
איז דאָ מיין גרויסע ירושה:
און צו מאָנען דעם חלק וואָס מיר קומט,
איז ניט קיין עוולה און ניט קיין בושה.
אויב ס'מיען זיך מיינע הענט
און ערלעך איך טו זיך שפּייזן,
איז אויב ס'גליט אין מיר פון פרייהייט
דער געדאַנק, מעג איך אים באַווייזן.
און אַז מע זאָגט מיר אַז אָן מיין חלק
איז די וועלט פאַראַן,
וויל איך עס ניט פאַרליידן.

מיין שטוב

מיין שטוב נעמט מיך אויף
מיט פריינטשאַפט און מיט ליבע,
גיט מיר אָפּ די געגאַרטע רו.
הערצער, וואָס האָבן מיט פרייד און אימפּעט
חלומות־וואונדער געפּאַרעמט און געמאָלן,
די בעסטע חברים זיינען מיט מיין
באַפרייטער שעה.

מיין שטוב נעמט מיך אויף
מיט וואַרעמקייט און גוטסקייט,
באַלד ביים אויפעפענען די טיר,
אין די אויגן פון מיין פרוי,
אין די בילדער אויף די ווענט
איך זע ווי נייגעריק זיי האָבן
געוואַרט אויף מיר.

מיין שטוב נעמט מיך צו
פון טאָג־טעגלעכע פאַרדרוסן,
און לייזט מיך אוים
פון שווער־טראָגנדיקער מי.

מיין שטוב קוקט אַרוים אויף דרויסן,
און זעט דורך פענצטער דעם אויפגאַנג
פון אַ נייעם טאָג.
יעדן פרימאָרגן באַגעגנט זי מיט זאָרגן,
און ווינטשט אים אַ גליקלעכן וועג.
מיין שטוב קוקט אַרוים אויףביימער און גראָזן
און זעט דורך פענצטער פרילינג און האַרבסט —
שענסטע שעה.

יעדן טאָג באַוואַכט זי מיט צאַרטקייט און ליבע,
און בענטשט אים פאַר דעם, וואָס ער איז
מיט אונדז דאָ.

אָ, דער מענטש, אָ, דער חלום!

.1

אָ, דער גלויבן,
אַז אויפשטיין וועסטו
מיט דער פאַרשלאָפענער נאַכט
צו באַגעגענען מאָרגן־ליכט אויף שויבן.

אָ, דער גלויבן,
אַז דעם טאָג וואָס איז
דיר אָנגעגרייט וועסטו ניט
אַרויסלאָזן פון די אויגן.

אָ, דער גלויבן,
אַז דיין לעבנס־געטראָטענע טריט
וועלן ניט צוגעדעקט ווערן מיט
מיסט און שטויבן.

אָ, דער גלויבן,
אַז שיינקייט, אַז ליבע, דער מענטש,
דיין דור־דורותדיקער פאַרוואַנדעטער
וועט פאַר זיך אויסקלייבן.

.2

אָ, דער חלום דער אויסגעשליפענער,
דער אויסגעשטיקעוועטער און געוועבטער;
פון ערשטן אָנהייב ביז לעצט־געשטעלטן טראָט.
פון איין־יאָריקן צאַפּל־ציטערדיקן אָנפאַנג,
ביז אַכציק־ניינציק יאָריקן פאַרגאַנג.

אָ, דער חלום פון היים־גליענדיקן אָנקער
פון האַרץ און אויג, פון קאָפּ און גלויב,
פון פאַרבינדן זיך און זיך פאַרקניפּן,
פון צוזוגיין און צוזוטראָגן דער וועלט
אַ וואָרט, אַ נאָמען.

אָ, דער חלום פון ווערן און פאַרקלערן,
פון פאַרזייען און פאַרקנעטן ברויט —
און פרייד, זעט און רייד —
ערד און לעבן באַגליקן.

אָ, דער חלום פון טייכן שווימענדיקע,
פון ווינטן ווינטנדיקע
ניט אומזיסט האָט דער מענטש,
מיין דור-דורותדיקער אָפּשטאַם,
געלייגט און געצויגן פאַר אים
לאַנגע בריקן.

3.

אָ, דער הימל לויטערט און באַגליקט זיך
מיט זון, מיט ליכט, מיט וואַרעמקייט פון יונגן מאָרגן.
אָ, דער הימל צעעפנט זיך ברייט און דורכזיכטיק
איבער אַ וועלט פון וואַסערן און ערדן.

אָ, דער מענטש מיין אָפּשטאַם,
מיין דור-דורותדיקער פאַרוואַנדעטער.
אָ, דער מענטש מיט זיין צער און צאָרן,
מיט זיין פרייד, מיט זיין ליד,
מיט זיין וואַרטן אויפן מאָרגנדיקן מאָרגן.

אָ, דער פויגל מיט זיינע וואַכזאַמע אויגן,
מיט זיינע שיינע פליגל וואָס זיינען
מיט אים אַ וועלט אויסגעפלויגן.
אָ, דער וואָרעם אַרומקריכנדיק אין דער ערד
מיט זיין לעבן אין טיפענישן פאַרבאָרגן.

אָ, איך אַליין מיט מיין האַרץ
און מיט מיין אויער,
מיט מיין ווילן און געמיט,
אַ פאַרגאַפטער צושויער.

ריווערסאַיד דראַיוו

1.

ס'וואוינט אַ טייך ביי מיר אין גאַס
און שיפן פירן טעג צו זיינע ברעגן.
וויפל זונען זיינען דאַ געווען,
און וויפל לבנהס געבענקט האָבן
נאָך פאַרלאָרענע יאָרן!

אָ, הימל, קוק זיך צו צו מיר,
אַ ניט־דאַאיקן געבאָרן,
איך גיי־אַרום און דערגיי צו די
וואָס האָבן לאַנג צוריק זיך דאָ
אויסגעלאָדן.

איך גיי־אַרום און קלער
אַן אויסגעוואָרעמטן חלום,
אַז די ערשטע אויסגעלאָדענע
האָבן ווי איך געזוכט
פרייד און שלום.

2.

ס'וואוינט אַ טייך ביי מיר אין גאַס
און וואַסערן פון גאָרער וועלט
דערגייען צו זיינע ברעגן.
וויפל הערצער האָבן מיט ליבע געקוועלט,
און וויפל אויגן דערזען האָבן דאָס שענסטע
אין זייער לעבן!

אָ, הימל, קוק זיך צו צו מיר,
אַ פרעמדער אַהער פאַרקליבן,
איך גיי־אַרום און טראַכט פון די
וואָס האָבן אויף אייביק פאַרשריבן,
אַז די ערד און טייכן זיינען גלייך אויף גלייך
דעם מענטשן געגעבן.

איך גיי־אַרום און דערגיי צו דעם,
אַז מיר, און דיר, מיינט צעברעקלען
אונדזער לעבן.

.3

ס'וואוינט אַ טייך ביי מיר אין גאַס
און ווינטן וויגן אים, און פֿאַרשייטע
מיט זיינע ברעגן זיך שפּילן.
וויפֿל זומערן זיינען גרין און שיין לעבן אים פֿאַרגאַנגען,
און וויפֿל ווינטערן קאַלט און ווייס האָבן זיך אויף אים
אויפֿגעגאַנגען.

אָ, הימל, קוק זיך צו צו מיר,
פֿון דורות ווייטע אַ וואָגלער,
איך גיי־אַרום און זע נאָך די
וואָס האָבן מיט איינגעשפּאַרטן טראָט
אין אָנגעטפּוליער האָפֿענונג צו גאָט
אויסגעציכטיקט אַזאַ פֿאַרמעגן.

איך גיי־אַרום און דערגיי צום זין,
אַז מענטש מיט מענטש מוזן זיך
דערשפּירן.

.4

ס'וואוינט אַ טייך ביי מיר אין גאַס
און טאָג און נאַכט ער ציט און שווימט
צו ים, זיין מאַמען.
וויפֿל רעגנס האָבן זיך אין אים אויסגעגאָסן,
און וויפֿל שנייען האָבן זיך אויף אים אויסגעלייגט!

אָ, הימל, קוק זיך צו צו מיר,
אַ יידיש קינד וואָס וויל זיך ניט פֿאַרגעסן,
אַז פּאָר פֿולטאָנען און האָדסאָנען
זיינען פֿרייע און בראַווע אינדיאַנער
דאָ ביי די ברעגן געזעסן.

טײַמס
סקווער

ניט יעדן שטערן איז באַשערט
לײַכטן אינדערמיט פֿון מילך־וועג,
ניט יעדן מענטשן איז אָנגעגרייט
גלײַך אויף גלײַך, זײַנע נעכט און זײַנע טעג.

איך בין סאַאַנאַ, איך קום פֿון די
באַוול־פֿעלדער אין לואיזיאַנע.
מײַן מאַמע האָט געוואַשן אונטערוועש
פֿאַר ווײַסע הערן,
און איך האָב מיט אַנגסט געציילט
די קנײַטשן אויף איר שטערן.
מײַן טאַטע שווערע פּעק צו די שייערן
פֿון די הערן אויף זײַנע פּלייצעס האָט געטראָגן,
און אין מיר, קוקנדיק אויף אים,
דאָס האַרץ האָט גענומען נאָגן:

לואיזיאַנע איז מיר ניט געטרײַ
און וועט מיר קיין גליק ניט געבן.
האָב איך צו מײַן מאַמעס ברודער
אַזש קיין ניו־יאָרק געשריבן,
און אויסגעזאָגט דעם אמת: איך וויל ניט
ווי מײַן טאַטע־מאַמע לעבן.

אַכצן יאָר איז מיר געוואָרן
ווען איך בין פֿון לואיזיאַנע אַוועקגעפֿאָרן.
איצט בין איך מיט זיבן יאָר עלטער,
און מײַן קוועלנדיקע ליבע איך וויל ניט
קאַרגן און שפּאָרן.

טײַמס סקווער, ניו־יאָרק:
פֿאַר טויזנטער און טויזנטער
אַ חלום־וואָרט,
פֿאַר קלוגע און גײַציקע
אַ צוקער־לעקעך און האָניק־טאָרט.

איך בין שילאַ קאַהאַן.
מיין מאַמעס מאַמע האָט אין אַ קליין שטעטעלע
אויף יענער זייט ים געקאָכט פיש
און געפּרעגלט וואַרעניע אין אַ קופּערנער פאַן.
מיין טאַטע האָט ניט געוואָלט זיין ביים צאַר
קיין סאָלדאַט,
האָט ער דעם שענסטן פינגער פון האַנט
אָפּגעשניטן און אַ גאַנץ יאָר ניט
דערעסן צו זאַט.
ביים צאַר קיין סאָלדאַט איז ער טאַקע
ניט געוואָרן,
אָבער קיין אַמעריקע אָן אַ פינגער
און אַ פאַרדאַרטער איז ער אַוועק —
געפאָרן.

לאַנג האָט ער געמאָסטן די גאַסן
פון ניו־יאָרקער איסט־סייד,
ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט נייען
פּרויען־העמדלעך פון קאָלירנדיקן זייד.
מיין מאַמע איז געקומען צו אים —
וואַרטנדיק עטלעכע יאָר —
און אין אַ מזלדיקן טאָג האָט זי
מיך געבאָרן.

איך בין שילאַ קאַהאַן.
אין ניו־יאָרק איז אַלדאָס גוטס פאַראַן.
איך בין געוואַקסן און מיט מיר געוואַקסן
איז די פּיין:
פאַרוואָס קאָן איך ווי שוירלי טעמפּל,
צי פאָלי נעגרי באַרימט ניט זיין?

אין דער ענגער דירה אויף דער איסט־סייד
מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבן ניט
געזען ווי איך לייד.
איצט האָב איך שוין אַלץ פאַרגעסן:
מיינע יונגע מיידלשע חלומות
טיימס סקווער האָט אויפגעגעסן.

איך בין באַרבאַראַ מאַראַן.
איך בין אַהער געקומען ניט אויף קיין שיף
און ניט אויף קיין באַן.
איך בין אין מיין וויגעלע געלעגן
פון טיימס סקווער אַזוי ווייט ווי אַ פּאָר
הונדערט שפּאַן.

איך האָב מיינע אויגן צעעפנט
און אַ וואונדער-וועלט דערזען.
איך האָב מיינע פּיס צעווינטיקט,
און ביי מעדיסאָן און פיפט עוועניוס
באַקליידעטע פענצטער געווען.
איך האָב מיינע יונגע יאָרן געיאָגט
און געטריבן. אַפילו ליבע-בריוו צו
מואווי-העלדן און בייסבאָל-שפּילער
געשריבן.
געוואַרט און געטראַכט אַז ניו-יאָרק
גליק וועט מיר געבן.

איך
בין
באַראַבראַ
מאַראַן.
מיין ליבע איז זיס, און זעטיקט
דעם ערלעכן און דעם שאַרלאַטאַן.

ט י י מ ס
סקווער,
ניו-יאָרק,
אַזוי איז עס שוין באַשערט:
יעדער זאָל געפינען ביי דיר אַזוינס
נאָך וואָס ער גערט.

אַ מענטש קאָן ניט
פֿאַר דער גאַנצער וועלט
זיך זאָרגן.

אַ מענטש קאָן זיין פרייד
ניט אָפּלייגן
אויף איבעראַיבעראָיקן מאָרגן.

איך בין עלענאָרע.
צו מיר האָט זיך ניט צוגעקלעפּט
קיין עין-הרע.
איך בין שוואַרצאָוונטיק
און לאַשטשענדיק ווי סאַמעט.
מיין טאַטע האָט אַלע זיינע יאָרן
געזאָטלט פערד און איינגעשפּאַנט
זיי אין כאָמעט.
מיין מאַמע האָט ביי ווייסע
געפּוצט און אויפגעקליבן דאָס מיסט
פון זייערע דילן.
נאָר מיך מיט ווייסע קינדער
האָט מען ניט געלאָזט זיך שפּילן.
בין איך געוואַקסן
ווי אַ מומאָסע-בוים פאַרשייט
און עקזאָטיש
און אין מיינע אויגן האָט זיך
פאַרקליבן האַס — ברענענדיקער
און שפּאָטיש.

זיבעצן יאָר האָב איך זיך
אַרומגעדרייט צווישן אויסגעקרימטע
שטיבלעך
און וואַסער צו וואַשן מיינע שיינע
הענט און פּים, כ׳האָב געשעפּט פון ליימענע
גריבלעך.

איצט זיינען יאָרן זעקס אַוועקגעגאַנגען —
אַ—נ—ט—ל—אָ—פּ—ן !
מיט טיימס סקווערער שענסטע
און אויסגעפּוצטע מענער
איך האָב זיך שוין געטראָפן.

טיימס סקווער, ניו־יאָרק,
יום־טוב איז ביי דיר
יעדער טאָג פון וואָך,

און יעדער וואָך איז ווי
אין אַ בייגל אַ לאָך —
אָן זינען, אָן אַ תוך.

איך בין טאַסי שולזושסקי.
אַלץ וואָס איך געדענק פֿון מיין היים
זיינען די פּאָרטרעטן פֿון
פּאַדעּרעווסקי
און פּילסודסקי.
געבוירן בין איך אין מ ע ק י ס ־ ר א ק ,
פּענסילווייניע,
און ווען אַ באַרג קוילן האָט מיין טאַטן
פֿאַרשאָטן און באַגראָבן,
בין איך געווען נאָך אַ קליינע.

פֿינף קינדער זיינען מיר געווען:
דריי שוועסטער און צוויי ברידער.
געוואַקסן זיינען מיר ביי דער באָנס
דורכלויפנדיקע רעדער,
און אין אונדזער שטיבל ס׳האָבן געציטערט
די פֿענצטער איניינעם מיט אונדזערע
גלידער.

וויפל יאָרן, וויפל וואָכן,
ס׳האָט אונדזער מאַמע זיך
דעם קאָפּ געבראָכן —
און נים וויסן וואָס צו טאָן
מיט אונדז.
זיינען מיר אַלע פֿינף
איינציקווייז זיך צעקראָכן.
צוויי שוועסטער האָבן זיך פֿאַרקנאַסט
און וואוינען אין אָהאַיאָ,
די ברידער גראָבן ערגעץ קוילן
אונטערערד,
און איך
אויף
טיימס סקווער,
זוך אַלע נאַכט,
ח ת נ י ם
נ י י ע .

קלו, קלו, קלו, קלאַק,
קאַם ענד טריי יור לאַק.
איך בין פּאַרטאָ ריקאָ,
מיין נאָמען איז
מ א ר י א ט ש י ק אָ,
איך ברען און קלעם מיט ליבע
ווי אַ פויגל-פלאַטער.
קאָנסט מיט דיינע פינגער
מיינע לאַנגע שוואַרצע צעפּ צעקעמען,
קאָנסט מיט דיינע זשעדנע אויגן
מיין קאַווע-ברוין לייב אַרומנעמען.

איך בין מאַריאַ טשיקאָ.
איך קום פון פּאַרטאָ ריקאָ.
מיין טאַטע און מיין מאַמע
האָבן אונדז געהאַט צוועלף מיידלעך,
נאָר קיין געלט ניט געהאַט
פאַר אונדזערע שיך און קליידלעך.
זיינען מיר געוואַקסן ווי די קאַווע
אויף די שטאַנגען.
האָבן מיר געציטערט זיך, ווי דער
זיסער צוקער אין די זאַנגען.
האָט די זון געוואַרעמט און געבראָטן,
און צווישן בוריקעס-פעלדער איז
אַרומגעקראָכן אונדזער שאָטן.

און אַזוי זיינען מיר געוואַקסן
גרויס און גרעסער און פאַרחלומט זיך
פון שיך, קליידער, און פרינצן
אין שלעסער . . .
איצט בין איך אַ פרייער אַמעריקאַנער
און אַ טיימס-סקווער נאַכטיקער
אַרומשפּאַנער.

אַ, טיימס סקווער, ניו־יאָרק —
אויף דער גאַנצער וועלט אַ באַרימט וואָרט.
ווער האָט זיך שוין אַרום דיר ניט
צונויפגעפּאָרט:
איבסענס „העדאַ גאַבלער"
און **שעקספּירס** „האַמלעט";
טשעכאָווס „דריי שוועסטער"
און **אַניעלס** „האַריקע מאַלפּע".
הויפּטמאַנס „וועבער"
און **מילערס** „מכשפה־יעגער".
טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת"
און **ריינהאַרדטס** „נס".

מיין נאָמען איז קאַרמען מאַנאַמאַ.
איך פּוץ מיין ליב מיט שמעקנדיקער
פּאָמאַדע און מיינע האָר מיט
בורשטין־געשניצטע קאַמען.
איך זינג פלאַמינגאַ און גראַנאַדאַ
און מיין ליבע איז קוויקנדיק
ווי אייזקרים סאָדע.
איך קום גראָד ניט פון קיין גרויסער
משפחה. יונגערהייט האָט מיין מאַמע מיך
געלערנט אַ שיינע מלאכה:
אויסהעפטן אויף זיידענע העמדער
פליענדיקע פייגעלעך,
און בליענדיקע בלומען,
רויטע וויינשל, און בלויע פלוימען.

איך בין קאַרמען מאַנאַמאַ.
כ'האָב מיט שרעק געקוקט אויף די
אויסגעקרימטע פינגער ביי מיין מאַמען.
האָב איך באַטראַכט און באַשלאָסן,
אַז דינע לאַנגע פינגער
וועל איך ברענגען מיין חתן.
איצט בין איך טיימס סקווערס
א י י ן - נ אַ כ ט י ק ע כ ל ה .

אָ, טיימס סקווער, ניו־יאָרק:
פאַר מאַטראָסן פון אַלע ימען
אַן אַנקער־פּאָרט.
פאַר שווינדלער און פאַרברעכער
אַ מזל־ברכהדיק אָרט.
ווען האָסטו האָסטו דאָ שוין ניט געטראָפן,
וואָס פאַר אַ נייעס האָבן זיך דאָ
שוין ניט פאַרלאָפן.
ליאַרעמסט אַ גאַנצן טאָג
און זינגסט אַ גאַנצע נאַכט.
דיין זינד און ליבע
מיליאָנען עלעקטרישע לאָמפּן
באַלייכט.

איך בין דאַלי קרייטן.
די שענסטע און די בעסטע
קויפן מיינע קווייטן.
איך בין ניט פון ערגעץ אַן אָנגעקומענע,
אַ געבוירענע אין לענדער ווייטע,
מיך האָט ניו־יאָרק פון וויג אויפגעהויבן
און צוואַנציק יאָר מיט גרויסע גליקן
מיך אָנגעזויגן.

איך בין דאַלי.
איך געדענק זיך אין די זיגפריד פאָלים
און ווייטער שוין — אין מינסקים פאַרשייטן
באַלעט.
און גאָר געהויבענע און לייטישע מענער
אָנגעגאָסן האָבן מיך מיט ווײַנען,
און געצאָלט מיר מיט קאַראַנטענעם געלט.

איך בין דאַלי קרייטן.
קויפט פאַר אייערע שיינע מיידלעך
מיינע קווייטן:
פרישע, פרישע, ערשט אָפּגעשניטענע
פון די בייטן.

אָ, טיימס סקווער, ניו־יאָרק!
איך גיב דיר מיין ערנסט
און אמתדיק וואָרט:
ניט באַריידן און באַליידיקן
ווייל איך דיך,
איך טו נאָר ווי אַ גוטער לייענער
דורכלייענען יעדעס בלאַט
פון דיין בוך.

דער טויט פון אַ פּאָעט

צום אָנדענק פון
ז. וויינפּער

דער הימל האָט צוגענגנבעט
דאָס ליכט פון דיינע אויגן,
און די ערד האָט צוגענומען
דאָס לשון פון דיין מויל.
אָ, דיכטער, וויפל פרייד האָסטו
אָנגעקליבן אין דיין האַרצן,
און וויפל טרויער האָסטו אָנגעוויקלט
אויף דיין לעבן-קנויל?

היינט האָט די זון זיך פאַרשעמט
און זיך ניט באַוויזן —
ווען דיינע נאָענטע און פריינט
האָבן דיך אַ שטילן און טרויעריקן
צו טויטער וועלט אַוועקגעפירט.

היינט האָב איך אַליין
אין מיינע אויגן פאַרשריבן,
אַז מער וועסטו שוין ניט זינגען
דיין גלויביק און האָפערדיק ליד.

אָ, דיכטער, וויפל ביסטו אומגעגאַנגען
אויף שאַרף-שטעכיקע שטיינער-וועגן
און אויף דיין פלייצע געטראָגן
אַן אָנגעפּאַקטן זאַק מיט פּיין?
וויפל האָסטו אויסגעשפרייט
דיינע ווייסע טויבן-פליגל
און אַרומגעפלויגן צווישן ליכט און שיין?

היינט האָבן שניי און רעגן
אויסגעקליבן זיך צו פֿאָרן,
און איינגעגעסענע ביטערע קעלט
איבער גאַסן האָט זיך אַרומגעדרייט.
אָ, דיכטער, וויפֿל טעג און וויפֿל יאָרן,
וויפֿל צער און ליבע —
פֿאַר דיינע צוגעמאַכטע אויגן
איצטער שטייט . . .

דער הימל האָט צוגעגנבעט
דאָס ליכט פֿון דיינע אויגן,
און די ערד האָט צוגענומען
דאָס לשון פֿון דיין מויל.

אָ, דיכטער, וואָס איז אונדז
פֿון דיר געבליבן?
וואָס וועט דער טויט ניט צונעמען
פֿון דיר?

אַ ליד פֿון גלויבן אין געזאַנג,
אַ ליד פֿון מונטערגאַנג,
אַ ליד פֿון מאָנען די גוטסקייטןביים מאָרגן,
אַ ליד פֿון טרייסט אַלעמען אָנבאָרגן, —
אַ ליד פֿון אַן ערלעכן פּאָעט.

די גאָלדענע קייט

(צום אָנדענק פון ז. ווייַנפּער)

עס פאַלט אַ שניי אַראָפּ,
און ס'פאַלן אויך אַראָפּ די שטערן.
דעם מענטשן איז נאָך ניט באַשערט
פון אייביקייט צו קלערן.

אָ, דיכטער, איך קאָן רעכענען,
און אַ גוטן חשבון קאָן איך פירן.
מיט דיין טויט וועלן מיר נאָך אַ רינג
פון אונדזער גאָלדענער קייט פאַרלירן.

נאָך אַ רינג און נאָך אַ רינג,
און די קייט ווערט שמאָלער און איינגעשרומפּן.
אָט זע איך ניט ביי דיין מיטה שטיין
פיל פון די וואָס האָבן מיט דיר
די צעשוימטע פרילינג-טעג געטרונקען.

אָט זע איך ניט ווען איך קוק זיך איין,
צופיל פון דיין דור וואָס זיינען נאָך פאַראַנען.
אָט צייל איך זיי אויף מיינע פינגער אָפּ —
די וואָס זיינען מיט דיר אויף פּאָזיציעס געשטאַנען.

עס פאַלט אַ שניי אַראָפּ,
און ס'פאַלן אויך אַראָפּ די שטערן.
אָ, דיכטער, מיט דיין פלוציינגן פאַרגאַנג
וועט מיר, אַ יידישן פּאָעט,
נאָך אומעטיקער ווערן.

די וועלט מוז מען איבערמאַכן

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
איבערבייטן די אַקטיאָרן און אַרכיטעקטאָרן,
איבערשרייבן די געשיכטעס און לעגענדעס
און אויפמאָלן גאָר אַ ניי בילד.

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
און זאָל קיינער אַזוי גרינג און מיט חוזק
זיך ניט צעלאַכן: אַט האָסטו דיר אַ נייס!
אדם הראשון איז געווען? געווען.
משה רבינו איז געווען? געווען.
יעזוס קריסטוס איז געווען? געווען.
שפּינאָזע, דער רמב״ם געווען? געווען.
דזשעפערסאָן, לינקאָלן געווען? געווען.
מאַרקס, לענין געווען? געווען.

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
איבעררייסן און איבערשניידן
אַלע שטריק און אַלע פעדעם,
אַלע געבאָטן און אַלע געזעצן,
און אַרויסהענגען אַ נייע פאָן.

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
און זאָל קיינער ניט דערקלערן
אַז אַלץ איז שוין געווען.
איז פינצטערניש געווען? געווען.
איז ליכטיקייט געווען? געווען.
איז די ערד אַ צעגאָסענער ים געווען? געווען.
איז דער איבערגאַנג פון תוהו ובוהו
אין לעבן אויף דער ערד געווען? געווען.
און דער עץ הדעת און צעעפנטער מויל פון שלאַנג איז אויך געווען.

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
איבערבויען און איבערראַיען,
אויסגראָבן מיט די וואָרצלען פון דער ערד
אַלע מאָסן, אַלע צוימען, אַלע חלומות,
אַלע טרוימען און אויסלייגן אַ נייעם פלאַן.

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
און זאָל קיינער ניט דערמאָנען
שטאַרקערן און שוואַכן
און דערקלערן, אַז אַלץ איז שוין געווען.
איז היראָשימאָ געווען? געווען.
איז מאַידאַנעק און אויסשוויטש געווען? געווען.
איז די שפּאַנישע אינקוויזיציע
און פראַנצויזישע גילאָטין געווען? געווען.
זיינען אַמעריקאַנער שקלאַפן-הענדלער
און ענגלענדער פּיראַטן געווען? געווען.
זיינען סלאַוון פּאָגראָמשטשיקעס געווען? געווען.
און דער יידישער אויסלייז פון מצרים,
די רוסישע און כינעזישע רעוואָלוציעס זיינען אויך געווען . . .

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
אויסראַמען און אויסקאַמען,
אויסקלאַפּן און אויסטרייסלען,
אַלע שימלען און אַלע שטויבן,
אַלע נישטיקייטן פון יאָרן אַנגעקליבענע —
געטער און אָפּגעטער,
גלויביקע, און ביטער אָפּגענאַרטע.

איז די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
און זאָל קיינער ניט וועלן איינרעדן,
אַז צייטן קאָנען ניט זיין פאַרשיידן,
אַז אַלץ איז שוין געווען.
וועלדער וואַקסן וואו ס'זיינען
אַמאָל געשוואומען טייכן,
אויף בערג און טאָלן ציען זיך
לאַנגע נייע שליאַכן;
אַטאָם פירט אַרום אויף ימען שיפן,
און רעדער, ווי ווינטן, יאָגן זיך אַרום.
באַלד וועט דער הימל שיקן זיינע גרוסן
דורך אונדזערע שליחים וואָס קלייבן זיך צו אים.
באַלד וועט די זון נעמען מאָנען און וועלן וויסן
אירע ליכטיקע שטראַלן וואו טוען מיר אַהין . . .

די וועלט מוז מען איבערמאַכן,
זי זאָל מיט אַלץ וואָס איז שוין געווען
זיך ניט פאַרגלייכן.
און זאָל לעבן אַ נייע וועלט
אויף דער ערד.

פרילינג און מיינע יאָרן

1.

פרילינג־טעג וואַשן זיך,
פוצן זיך
און פיעשטשען זיך, ווי יונגע
מיידלעך.

אַלע ביימער, קליין צי גרויס,
פאַרנאַרן זיי מיט אַלערליי חנדלעך.
גראָזן שטויסן זיך,
ווילן די ערד צעשפּאַרן.
יעדע רגע, יעדע שעה, מיט ניי לעבן
אָטעמען און שלאָגן.

אָ, יאָרן מיינע, יאָרן,
אַ ווייטן מהלך זיינען מיר
שוין דורכגעפאָרן,
נאָר מיט שיינקייט און פרייד
זיינען מיר גרייט זיך צו פאָרן.

ביימער ווערן פולער, גרינער,
און די ערד אַ צעפאַרעטע
גייט צו קינד.
אַלע שיינע פייגל קומען צוריק
צו פליען,
און ברענגען פון ווייטע מקומות
נייע טענער אין זייער ליד.

אָ, לידער מיינע,
אויסגעוואַקסענע מיט מיינע יאָרן,
אַ נייעם פרילינג איך וויל
אייך געבן.

.2

אויףביימער וואַקסט
אַ טאָג אַ נייער,
און אויף פֿענצטער בליט
אַ פֿרישע זון.

מענטשנס אויגן קוקן אויף
אַזוי פֿיל וואונדער
און נעמען עס צו, ווי ס׳וואָלט
גאָרניט ניט געשען.

אָ, יאָרן מיינע, יאָרן!
מיר זיינען איניינעם רייף געוואָרן
און באַוואונדערן אַלץ
וואס אונדזערע אויגן קוקן־אָן.

לידער פון מענטש צו מענטש

.1

איך און די זון
זיינען אויף ביימער געקראָכן
און באַרן אויף שטענגלעך
האָבן געציטערט פאַר שרעק.

אָ, הימל! נעם ניט צו די פרייד
ביי לעבעדיקן מענטשן,
פאַרפינצטער ניט דאָס אויג
פון פליענדיקער טויב.

איך און די זון
האָבן שעהן געמאָסטן,
געצויגן און צעצויגן
אויף ברייט און לענג.

אָ, הימל! אַזוי פיל שיינע בלעטער
זיינען היינט געשטאָרבן,
און מיין אייגן האַרץ
האָט זיך אָנגעגאָסן
מיט ביטערן פאַרדרוס.

.2

איך און ביימער
זיינען אויף ערד געוואָקסן,
און צום הימל זיך געצויגן
פאַר ליכט און פרייד.

אַ וועלט מיט פרוכט מענטשן האָבן
ביי די ביימער אויפגעגעסן,
און מיט מיינע לידער זייער ווינציק
האָבן זיך מיט מיר געטיילט.

איך אוןביימער
זיינען אויסגעוואַקסן,
און אויף ערד האָבן מיר
אַזוי פיל וואונדערלעכע זאַכן
געזען.

אַ וועלט מיט ניצלעכקייטן
מענטשן וועלן זיך נאָך
פון ביימער מאַכן,
און מיינע לידער וואָרעמען
וועלן זיך אין דער זון.

.3

איך און שטיין אויף ערד
און אין ערד דאַרפן ליגן.
און אינייִנעם אַזוי פיל סודות
באַהאַלטן אין זיך.

איך פון וואונדערלעכע ליבעס
אין נעכט אויסגעחלומט,
און גאָלדענע געשיכטעס פון מוראַשקעס
און זשוקעס, דער שטיין האַלט הינטער זיך.

איך און שטיין — יאָרן און צייט
האָבן אונדז געפורעמט און געשליפן,
מיינע לידער דינע פעדעם דורך אַ נאָדל
דורכצוציען.
און פאַנטאַסטישע סקולפּטורן
אין יעדן שטיין זיינען אויסגעשניצט.

.4

טויזנטער לאַבן ברויט
האָב איך אויפגעגעסן,
און ברונעמער וואַסער אויסגעטרונקען,
אַ פעלד מיט ווייץ און קאָרן
אין מיר ליגט באַהאַלטן און גערטנער
מיט אַלדאָס גוטס געזעטיקט
האָבן מיך.

איצט ווייס איך ניט וועמען צו דאַנקען
פאַר די יאָרן וואָס האָבן זיך אַזוי
פריינטלעך מיט מיר אויפגעפירט.
וועמען אָפּצוצאָלן דעם היפּשן חוב
פאַר מיין לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי
נאָענט איינגעלעבט מיט מיר.

5.

ביי שאָף און רינדער
האָט מען די האָר געשוירן,
און יונגע קאַלבן און אָקסן האָט
מען אומגעבראַכט,
פלינקע הענט און גענירטע אויגן —
קלייד און שוך האָבן מיר אויפגענייט.
באַרג און וואַלד דערפאַר זיינען
געוואַקסן,
אַז טיש און בעט אין שטוב — פון זיי
מאַכן זאָל מען פאַר מיר.

איז וועמען זאָל איך איצט אָפּדאַנקען
פאַר מיינע יאָרן וואָס האָבן זיך
אַזוי אינטים אין מיר איינגעשטעלט;
וועמען זאָל איך אָפּגעבן
ערע און כבוד פאַר מיין לעבן,
וואָס לעבט אין פריינטשאַפט
מיט מיר?

6.

זון וואַרעמט
יעדעם ווינקל אויף דער ערד,
און רעגן וואַשט און באָדט
יעדן באַרג און טאָל.
איז שווער צו מעסטן און שווער
מיר צו זאָגן,
וויפל איך קום, און וויפל
איך צאָל,
פאַר יאָרן געשפּאַנט מיט מיר
אין פּאָר.

שטערן זיינען הימלס פאַרליבטע
אויגן
און ביי לבנה אַלע וואָלקנס
מילך זויגן.
איז שווער מיר צו ציילן, און שווער
מיר צו קלייבן
וועלכע פון מיינע יאָרן וועלן
אויף שטענדיק מיט מיר בלייבן.

.7

אַ מענטש איז היינט אַרומגעגאַנגען,
געטראַכט פון גרויסע גליקן,
און די זון האָט אים נאָכגעקוקט
פאַרגאַפט.

וויפל ערד ס׳איז דאָ פאַראַנען —
יעדעס ווינקעלע האָט פאַר אים געלעבט.

יעדער בוים האָט פאַר אים געזונגען
הערלישע אַראַטאָריעס מיט פול כאָריש
קאָלירנדיקן טאָן.

וויפל וואַסערן אין ימען האָבן
זיך איבערגעגאָסן —
פאַר אים זיינען זיי געוואָרן
איין גרינע צעהאַנגענע פאָן.

יעדע שעה וואָס איז דורכגעלאָפן
האָט אים געגעבן דעם צייכן,
אַז דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט,
וואָס מיט דער וועלט צו טאָן . . .

.8

מענטש האָט היינט דערזען
אין הימל הענגען זיינע גליקן,
און צו דער וועלט קיין צוזאָג-בריוו
ער דאַרף שוין מער ניט שיקן.
יעדער טאָג וועט אים שוין זאָגן,
אַז דער מאָרגן וועט גוטסקייט פאַר אים
טראָגן.

יעדע נאַכט פון רו באַוואַכט
וועט ברענגען אים ליכטיקע פאַרטאָגן
יעדער בוים וועט וואַקסן אויף דער ערד —
זיין היים,
און ס'וועט מער פאַר אים בייזע שרעק
ניט שטיין,
אַז מען וויל אים ברענען און דערשטיקן.
יעדער פויגל, יעדער זשוק, און יעדע
מוראַשקע און האָז,
לעבן וועלן איניינעם מיט יעדן
נייעם פרילינג-גראָז.

.9

אַ מענטש האָט יאָרן-לאַנג
געלעבט מיט באַגערן,
אַרומגעפירט זיך מיט זיי
ווי מיט אַן איין-איינציק קינד,
טאָג און נאַכט זיך צוגעהערט
צום אָטעמען און סאָפּען
און יעדן ציטער אין זיי געשפירט.

אַ מענטש האָט יאָרן-לאַנג
אַרומגעטראָגן אין זיך אַ ווילן,
פאַרזיכטיק געהיט אים ניט
צו פאַרלירן,
און דערלעבט איניינעם
באַגעגענען אַ נייעם טאָג.

לידער וועגן אַ שטוב

.1

אין דרויסן האָט די זון
זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן נאַקעט,
און פֿייערלעך גרייט זיך
אָוועקצושווימען פֿון דער וועלט.

מיין שטוב קוקט זיך צו
דורך אַלע פֿענצטער,
ווי ערדס פֿאַרשעמטער פּנים
פֿלאַמט און ברענט.

אין דרויסן האָבן ביימער זיך פֿאַרטייעט
און ווי גזלנים זיך באַהאַלטן
אָנצופֿאַלן אויף דער אָנקומענדיקער נאַכט.
מיין שטוב אויף אַלע פֿענצטער,
ווי אַן אָנגעצונדענער לאַמטערן,
דער נאַכט דעם וועג באַלייכט.

.2

אַ וועלט מיט ווינטן זיינען
דאָ אַרומגעלאָפֿן
און אויסגעטרייסלט פֿון זיך
זאַמד און ליים.

מיין שטוב שטייט צווישן
אַלט-באַיאָרנטע ביימער,
איינגעטוליעט און פֿאַרחלומט
איינזיטשקע אַליין.

יאָרן האָבן בערג מיט שטיינער
אָנגעקליבן,
און שטראָמען וואַסער האָבן
פֿאַרפּלאָנטערטע העראָגליפֿן
אָנגעשריבן.

שטייט מיין שטוב דאָ
אין דער מיט
און טראַכט ווי אַזוי די סודות
פֿון דער נאַטור אויפֿצוקניפּן.

4.

ס'איז טאָג און ס'איז מאָרגן,
ס'וואַקסט אַ גראָז, וואָס איז געלעגן
אַ לאַנגן ווינטער אונטער שניי פֿאַרבאָרגן.

ס'איז בוים, ס'איז טרוים,
ס'איז זון פֿון וואָלקנס אַרויסגעקומען,
ס'האָט מיין שטוב היימיש און פֿריינטלעך
אַ נײַ לעבן אויפֿגענומען.

אַ מענטש

מײַן װעלט שטײט צום װאַנט
אַ צוגעשפּאַרטע,
און מײַן לעבן, צעטומלט, װײס ניט
װאָס צו טאָן מיט זיך.

מײַנע חלומות װי לױפנדיקע הירשן
דורכגעשאָסן,
ציטערדיק געפּלעפּטע ליגן אױסגעשפּרײט
פֿאַר מיר.

אָ, מענטש: פֿונװאַנען האָבן זיך גענומען
אַלע גרױסע גליקן?
פֿון װעמען האָבן מיר געלערנט אַז מיר זײַנען
די אײבערשטע פֿון דער ערד?

װער האָט אונדז אין האַנט געגעבן
דעם אַטאָם, און גאַז־װאָפן —
אַז מיר זאָלן ברענען און דערשטיקן
אַלץ װאָס שטײט אונדז אױפֿן װעג.

אָ, מענטש: אַ װאָרעם איז הײַנט
פֿאַר מײַנע פּיס אַרומגעקראָכן,
און מיט אַזױפֿיל אימפּעט און נײַגער
געזוכט עפּעס אױף דער ערד.

װיפֿל לאַנגע יאָר ס'האָט דעם בױם
גענומען אױפֿװאַקסן,
און אַ שטײן זיך פֿאַרהאַרטעװען
דורך שטראַלן פֿון דער זון.

ווי אַזוי האָט זיך אַ בין דערטראַכט
אַז ביי דער בלום דאַרף זי האָניק זוכן,
און אַ קינד — אויף אייגענע פיס זיך אויפהייבן
און אָנהייבן גיין.

פאַרוואָס ווערט דער פויגל
אויף טויט דערשראָקן —
דערהערנדיק טראָט פון פיס?
און אַ חיהלע אין נאָרע איילט פאַרקריכן —
ביים אָפּקלאַנג פון ווייטסטן
איבערשים.

מיין וועלט שטייט צום וואַנט
אַ צוגעשפּאַרטע,
און מיין לעבן, צעטומלט, ווייס ניט
וואָס צו טאָן מיט זיך.

אַליין און אין צווייען

מײַן טאָג מעסט איך אויס אין שפּאַנען.
און ווייל איך אים צעטיילן אויף צוויי —
איז וואָס אַזוינס איז שוין פאַר מיר פאַראַנען?

פּאָעט: קוק זיך צו צו מיינע פאַרהאָרעוועטע טעג,
און זע, צי קאָן איך דיך שפּאַנעווען און שפּאָרן.
דעם ווינט איז גוט. ווען אומרו נעמט אים שלאָגן —
צעלויפט ער זיך איבער טייכן און איבער וועגן.
וואָס זאָל איך מיט מיינע ציטער־צאַפּלדיקע
חלומות טאָן?
פּאָעט: ביי דיר וויל איך פרעגן.
מיין שעה איז צוגעשניטן און איינגעראַמט
אין זעכציק פיבערהייבנדיקע מינוטן,
און ווייל איך זיך אַליין דערזען
קאָן איך זיך שוין ניט אַרויסשניידן
פון אינדערמיטן.

פּאָעט: חבר מיינער פון מיין האַרץ
און מיינע אויגן: הער זיך צו צו מיינע
אברים די מידע, און זאָג אַליין:
ווי קאָן איך צו דיר זיך נויגן.

דעם רעגן איז גוט ווען דער הימל וויל
אַלע וואַסערן דורך אים דער ערד אָפּגעבן.
וואָס זאָל איך מיט מיינע שטראָמען פולסירנדיקע
פריידן און ליידן טאָן?
פּאָעט, וואָס וועסטו זאָגן.

דער ים

מיין ליבן פריינט
ל. כאַנוקאָוו

1.

איך און אַ ווינט האָבן אין ים
זיך געבאָדן,
און כוואַליעס האָבן צעקאַכטן זאַלץ־שוים
צו די ברעגן געיאָגט.
הימל, פאַרגעס ניט, אַז יעדן מענטשן
איז טייער זיין לעבן
און ער שאַצט עס ווי דאָס ליכטיקע גאָלד
פון דער זון.
איך און צעווייקטע גראָזן האָבן אין ים
זיך געבאָדן,
און אַוועקגעשוואומען איז אַ טאָג
פון מיין יאָר.
נייע זאַמד בערג ווערן פון מינוט צו מינוט
געבוירן,
און צוריק צו זיך דער ים
אַלע אויסגעגאָסענע וואַסערן ציט.

2.

די מעוועס און איך האָבן אין ים
זיך געבאָדן,
און כוואַליעס זאַלץ אין אונדז
האָבן זיך אָנגעשלאָגן.
איך האָב מיט מיינע הענט דאָס וואַסער
געיאָגט און געטריבן,
און די מעוועס מיט צוגעמאַכטע פליגל
אויף וואַסער געזעסן און געשוויגן.
אַ, דיכטער, איר וואָס האָט וועגן ים
און כוואַליעס אַ הונדערט טויזנט מאָל
געשריבן,
און אייערע ווערטער ווי פערל איר האָט
געקליבן,
מיין פשוט וואָרט איך לייג
אויף וואָג.

איך זאָג ניט צו

איך זאָג ניט צו קיין גרויסע גליקן
צו מיינע טעג וואָס דאַרפן ווערן,
איך זאָג ניט, אַז איך וועל
ווי אַן אויסגעפּוצטער האָן
מיט זיי זיך אַרומפירן.
איך רעד ניט צו די שעהן,
וואָס אין אָנקומענדיקע מאָרגנס
גליען,
אַז זיי וועלן אַ סך פריידן
אָנקלייבן ביי מיר.
איך זאָג ניט צו אַפילו זיך אַליין,
אַז איך וועל פון איצט און ווייטער
אַ קלוגער און געניטער אויף דער וועלט
אַרומגיין.
איך זאָג נאָר צום בלוט אין מיינע אָדערן
און צום קלאַפּן פון מיין האַרץ,
אַז פּאָר שיינקייט און ליבע
מיינע אויגן איך וועל ניט האַלטן
צוגעמאַכט.

אומזיסט

אַ גאַנצע נאַכט ס'זיינען די פֿייגל
נים איינגעשלאָפֿן,
און דאָס שווערע אָטעמען פֿון גראָז
אין מיין טיר האָט זיך אָנגעקלאַפּט.
אַ טויזנט מאָל האָב איך געהערט
אויף ביימער די בלעטער רופֿן:
מענטש, אומזיסט זוכסטו דיין רו,
אומזיסט ווילסטו אַ שטילע וועלט
פֿאַר זיך אויסטראַכטן,
פֿאַרנאַרן די ביימער און גראָזן
אַז באַרואיקן זאָלן זיי דיך.
אומזיסט ווילסטו דיינע אויגן
מיט שיינקייטן פֿאַרשלאָגן,
און באַהאַלטן זיך פֿון דיין
אייגענעם איך.

פעלקער
טאַנצן

(פ ר אַ ג מ ע נ ט)

דער טאָג האָט פאַר זיך די זון
אויסגעקליבן.
און די נאַכט האָט זיך אין שטערן
פאַרליבט.
דעם מענטש איז די ערד פאַרבליבן,
ער זאָל טון מיט איר וואָס אים האָט זיך
פאַרגלוסט.
עי, לבנה, מיין ניט אַז איך האָב
דיך פאַרלאָרן,
געמיינט צו פאַרשעמען דיך.
איך און דו — מיר וועלן היינט ביידע
אַרומגיין,
און פון אַזויפיל זאַכן טראַכטן
וועלן מיר.

די וועלט האָט ימען און האָט טייכן
האָט פעלדער און האָט וועלדער,
האָט בערג און האָט טאָלן,
האָט מאָסן און האָט וואָגשאָלן
און אַ גאַנץ לעבן
איינצושטעלן אין קאָן.
די וועלט האָט פריידן און די וועלט
האָט פאַרדרוסן,
און לאַנד צו לאַנד שיקן זיך גרוסן
און מעסטן זיך מיט גוטסקייט און מיט
בייז.

עי, לבנה, מיט וואָס פאַר אַ נאָמען
זאָלן מיר אָנרופן ערשט-געבוירענע פרייד?
פ ר י י ד, אויף וואָסערער שפּראַך דו דאַרפסט
ניט וויסן, זאָל נאָר דאָס אויג און האַרץ
ג ע נ י ס ן,
און אָנטרינקען זיך ווי אַ שוואָם.

עי, לבנה, דו און איך זיינען דאָך
ניט נעכטן ערשט געבוירן,
און מיר האָבן שוין אַזויפיל געפונען
און פאַרלאָרן,
נאָר קיין נס האָבן מיר ביז היינט
נאָך ניט געזען.
איז פון וואַנען זאָלן מיר אָנהייבן זוכן
צו וואָס ס'איז אַזוינס געגליכן
וואָס ס'איז דאָ היינט געשען?

פלייט און פידל האַלדזן זיך
און קושן,
הענט און פיס פלייסיק נעמען זיך
אויפמישן,
אַ מעשה אָן אָן עק,
אַ מעשה פון בלוט און ליבע —
אָנגעגאָסן פול ביז ברעג.

אָ, דער שונא איז אַ פאַרברעכער:
איבער לעבן ער וויל זיך אויפהייבן
נ א ך ה ע כ ע ר,
ווי היישעריק זיך אַריינגעריסן
מיט פלאַם און פייער אין פעלדער
און אין וועלדער, זיך איינגעביסן,
וויל פאַרניכטן און צעשטערן אונדזער
עפיש העראָיש ליד.

וועלן מיר זיך אונטער שטיין
און אונטער בוים פאַרקלייבן,
און ווי אַ חיה אים טרייבן.
אויף פערד ווי הירשן וועלן יאָגן,
מיט שווערד און שפיז וועלן אים
דערשלאָגן.
און ווידער וועלן זינגען אונדזער
פריי און האַרציק ליד.

אָ, די בליטן אויףביימער
האָבן זיך צעפּיקעט,
און די בלומען האָבן זיך פון בלעטער
אויסגעוויקלט.
גייען מיר אום מיט אויגן צעשיינטע
און מיט פּנימער באַחנטע,
הענט און פיס באַוועגן זיך אין טאַקט,
און פריידיק לעבן רופט און לאָקט.

פליִיט
און פידל
האַלדזן זיך
און קושן.
הענט
און פיס
פאַרבינדן זיך
און
אַ פ ר י י נ ט ש אַ פ ט ש ל י ס ן
רינג אַריין,
רינג אַרויס,
און מיט עלנט
און מיט טרויער,
אַ סוף אַן ענד,
און אויס.

אַ מענטש האָט אַ קאָפּ און איז געבענטשט
מיט אַ מוח.
וועבט ער אויס די דינסטע פעדים,
און בויט מויערן ביז הימל הויך.
אַ פאָלק האָט אַ האַרץ און האָט
געבענטשן כוח.

אַ מענטש האָט אַ ליד און האָט
אַ נ י ג ו ן.
אַ פאָלק האָט אַ קריג און האָט
ז י ג ן.
וועבט זיך איין דער איינציקער, דער איך,
אין פילפעלקערדיקן קאַלירנדיקן קלייד און טוך,
און טאַנצט אויס ג ל י ק פאַר אַ ל ע מ ע ן און פאַר ז י ך.

האַרבסט־לידער

.1

אַ שיינער טאָג איז אומגעגאַן שפּאַצירן,
פאַרטראַכט, פאַרחלומט פון אַ ליבער וועלט.
ביימער, גראָז, און די זון אין הימל
אים צו באַוואונדערן, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט.
האָבן בערג און טאָלן זיך גענומען יאָגן,
ווער וועט גיכער נעמען און פאַרנאַרן אים צו זיך.

בלויער פויגל, איך וועל דיר אָפּגעבן
האַלב פון מיינע יאָרן,
פלי ווי ווינט און וויכער
און זאָג דעם טאָג — ראַטעווען זאָל ער זיך.

.2

די נאַכט איז פון ביימער אַראָפּגעפאַלן,
און גלייך איז געוואָרן שוואַרץ
און פינצטער די וועלט.
פייגל זיינען אין די נעסטן אַריינגעפלויגן,
און אינזעקטן האָבן זיך צעשריען
מיט מוראדיקער שרעק.

אָ, שטערן, וואו האָט איר דעם הימל פאַרלוירן,
וואו האָט איר זיך אַליין פון לעבן אויסגעמעקט?
מיין האַרץ ווערט פון בענקשאַפט געביסן,
און די ערד מיט זיסן ריח שמעקט.

.3

ס'קאָן דער מענטש מיט הענט ניט איבערמאַכן,
איבערקנעטן די לבנה — אַנדערש ווי זי איז.
ער קאָן אַפילו מיטן גאַנצן האַרצן
זי ניט בעטן, זי זאָל זיך ניט וואַלגערן
אויף פאַרטריקנטן גראָז.

אוי, נאַכט אומדערשראָקענע,
דו, הימלאָזע האַרבסטיקע נאַכט,
איך וואָלט געוואָלט מיט דיר
אַ פריינטשאַפט מאַכן,
און אינגאַנצן פאַרגעסן,
אַז איך טוליע זיך, און בין איינגענורעט
אין טיר־ און פענצטער־פאַרשלאָסענער שטוב.

.4

דער הימל האָט זיך אויסגערייניקט, אויסגעלייטערט,
קלאָר געמאַכט דעם ליכטיקן טאָג.
ערד, ווי מיט פייגל־מילך אויסגעוואַשן,
זינגט און אָטעמט אויף אַלע גראָזן
אַ וואונדער ליד.

פינגער מיינע ווילן איצט פאַרקניפּן אַ חלום
מיט אַ שטראַל פון זון,
ס׳זאָלן אַלע מיינע גלידער מיט וואַרעמקייט
זיך אָנגיסן,
ווי פון די בליטן דעם האָניק גיסט אין זיך
די בין.

.5

פון בוריקעס — באָרשט וועט מען קאָכן,
און די גרינע אוגערקעס וועלן שמעקן
און באַטעמט זיין איינגעזייערטערהייט.
טאָמאַטן אין בלעטער און שטענגלעך
אויף שטעקנס געצויגן, מאַניען און רופן:
אָט, נאָך אַ פּאָר וואָכן,
און מיר וועלן ווערן צייטיק און פול.

ליכטיקער מאָרגן, גאָלדענער אָנצוג,
אָנגעטאָן האָבן זיך מיינע אויגן מיט פרייד,
אין גאָרטן, פון ערד אַרויסגעהויבן,
וואַקסן מייערן, ציבעלעס און גאָלדענע אַרבוזן־קווייטן,
און מיין פרוי גייט אַרום פון בייט צו בייט.

.6

גוט איז אויף שיינקייט קוקן,
און זיין לעבן דעם, וואָס איז דיר ליב.
גרין־באַוואַקסענע בייטן —
מיין ווייבס געראָטענע הענט אומעטום.

גוט איז מיט אויגן אַפּזוכן
דעם ערשטן שטערן אויף הימל אויפגיין,
און זען ביים ראַנד פון דער ערד
דעם טאָג און די נאַכט אַרומגענומען שטיין.

גוט איז מיט הארץ און מיט אויער דערהערן
און פאַרזוכן דעם טעם און צאַרטן טאָן
פון פויגלס געזאַנג.
לעבן, מיין לעבן,
ווי שיין ס'איז דער זון־פאַרגאַנג!

.7
מיט יאָרן לאַנגע איך בין אַלט געוואָרן,
טעג און נעכט האָבן פרייד און לייד
פאַר מיר געבוירן,
נאָר די לבנה האָט מיך קיינמאָל
ניט אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג.

מיין פריינט איז קראַנק

איז אַנדענק פֿון
ל. כאַנוקאָוו

מיין פריינטס רייד זיינען
ווי הייליקע תפילות, אויסגעבעטן
פון זיין טיף-ווייטיקדיק האַרץ,
און אין די אַפּלען פון זיינע אויגן
פאַרכמאַרען זיך יאָרן, וואָס ער האָט
צו זיי אַזוי פיל שיינקייט געבראַכט.

מיין פריינטס פינגער פון די הענט
בייגן זיך און שטייפן,
ווי זיי וואָלטן וועלן זיך איינקלאַמערן
אין די שעהן, אין די מינוטן,
וואָס איילן זיך צו אַנטלויפן.
און זיין קלוג לעבן לעשט זיך און צאַנקט.

מיין פריינטס קאָפּ איז ציטערדיק
און מיד, און קאָן זיך ניט אויסשלאָפן.
אַלע ווייטיקן אָן אַן עק האָבן זיך
אין אים איינגעביסן,
און וועקן אים מיט טויט-שרעק.

מיין פריינטס לעבן איז ווי אַ צעעפנטער
טויער,
אַלע ווינטן, אַלע מרה-שחורהדיקע געדאַנקען,
טרויער,
גייען פראַנק-און-פריי דורך אים דורך,
און זיין וואונדערלעכער זכרון
געדענקט פון זיך.

מיין פריינטס בליקן זיינען
ווי פאַרוויקלטע מזוזות, וואָס וועקן
און דערשרעקן דאָס פאַרגעסענע אין דיר.
אַלע אויסגעחלומטע חלומות, שוואַרץ-פאַרברענטע,
ליגן ביי זיין טיר.

מיין פריינטס העננט האָבן ליבע צו זיך
געצויגן,
און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט
פריידיק שפיל,....
אַ וועלט גוטסקייט האָט ער אין זיך
אַנגעקליבן,
און ס'ליגט איצט און וויינט
פאַר מיר.

מיין פריינט איז קראַנק און גלויבט ניט
אין קיין נסים, אַז אויב גאָט וועט וועלן
וועט ער זיין געזונט.
די ערד האָט פּושקינען, בייראָנען,
קיטסן און שעלין צוגענומען,
און אַלע יאָר אַ נייער פרילינג
הייבט זיך אָן.

מיין פריינט איז קראַנק, און וואָס
קאָן איך אים זאָגן:
ווינטשן אים, ער זאָל זיין געזונט?
— — — — — — — — — — — —
די קראַנקן־שוועסטער האָט די רפואה
אים צוגעטראָגן —
ווי זי טוט עס טאָג־נאָך־טאָג.

אויגוסט, 1958

די וועלט און איך

מיינע יאָרן טראָגן־אום אויף זיך
אַ זאַק, אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי אַנטיקן.
און ווען איך זאָל אַזוי מיד ניט זיין,
וואָלט איך געקאָנט די וועלט באַגליקן.
די וועלט, אָ, די וועלט, ווי הייבן מיר זיך
ביידע אָן פאַרקניפּן,
איך אַ יידיש קינד פון יענער שעה ווען ס'האָט
אַ האַנט פון מאַמעס נאָפּל מיך אָפּגעשניטן.
די וועלט, אָ, די וועלט, וואָס האָט זי זיך
אָנגעקערט מיט קאָראָסטישעוו־שטעטל,
ווי האָט זי געזען אויף אוקראַינער ערד
מיינע וואַקסנדיקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט
מיט מיר אין בעטל.
די וועלט, אָ, די וועלט, ווי האָט זי זיך
צוגעהערט צו מיינע חלומות און געבעטן,
וואָס האָט זי פאַרטראַכט און אויסגעקלערט
מיינע האָפענונגען שטאַרקן און זעטן.
די וועלט, אָ, די וועלט אַ שווימענדיקער ים,
אַ שווימענדיקער וואָלקן, אַ וואונדער־שיין
פאַרגייענדיקע זון, אַ צאַרטער אויפגיין
פון אַ נייעם מאָרגן.
איז וואָס האָב איך דאָ אויפגעטאָן?
יידיש קינד, ס'איז צו שפּעט צו זאָרגן!
עפן־אויף דיין אָנגעשטאָפּטן זאַק
און זאָל די וועלט ביי דיר די אָנגעקליבענע
אַנטיקן באָרגן.

ס׳איז טויט אַ פריינט

(צום אנדענק פון ל. כאַנוקאַוו)

דער הימל איז לויטער,
דער הימל איז קלאָר,
און דער ליכטיקער טאָג וויל ניט
באַגראָבן ווערן אין דער ערד
מיט דיר.

מענטש, פריינט, חבר,
דו ביסט דאָך אין דיין לעבן
געווען אַזאַ קלוגער!
איז פאַרוואָס האָסטו איצט
פאַר דיינע יאָרן באַצאָלט
אַזוי טייער?

דער הימל איז לויטער,
דער הימל איז קלאָר,
מיט זעקס פריינט צו באַגראָבן דיך
איך פאָר.
און זע מיט מיינע אויגן
דיין בלויען פויגל,
וואָס איז אַוועקגעפלויגן,
און ווייז דערפאַר וואָס דו
וועסט אים קיינמאָל מער ניט זען.

אַ ליד פון מיין אַרבעט

(פראַגמענט)

מיין פריינט דער דיכטער זאָגט
אַז איך האָב אַ טעמע:
„אַז דו זוכסט אַ ליד ווי 'אַלאַדין'
מיט זיין לאָמפּ דעם אמת —
איז ווי ווייט ווּעסטו מוזן גיין, אויב ניט
צו דיר אין האַרץ אַליין —
זוכן, שעפּן, ווי דו האָסט יונגערהייט
געשעפּט פאַר דיין מאַמען וואַסער
פון דעם ברונעם".

איך האָב אַ טעמע, זאָגט
מיין פריינט דער דיכטער:
„זי ליגט פאַר דיר ווען דו עפנסט
נאָר די טיר פון דיין מיטנוואָכנדיקן
פרימאָרגן:
אויף פּאָליצעס, אויף טישן —
דאַרפסט ניט בלעטערן, דאַרפסט ניט מישן,
דאַרפסט נאָר קאָנען יעדן פאָדער־בלאַט,
יעדן ביכער־רוקן —
האָסטו מענטש, זיין חלום, זיין
פאַרמעגנס, זיין האַרץ, זיין
געוויסן.

האָסט דאָ וואָס דו ווילסט אַליין:
די חכמה ווי צו פאַרפלאַנצן
אַ קערנדל און ס'זאָל אויסוואַקסן
פון דעם אַ בוים,
און דעם וואונדער ווי אַרויסצונאַרן
היץ און קראַפט פון פאַרטריקנטן,
פאַרפוילטן ליים".

אַ טעמע האָט דער דיכטער,
מיין פריינט, מיר געבראַכט,
און אויף די טישן און פּאָליצעס
צווישן וועלכע מיינע פיס דרייסיק יאָר
מיליאָנען מיילן האָבן דורכגעמאַכט,

וואַרט טאַקע טאָלסטאָי, און ס'וואַרט שעקספּיר,
וואַרט די איליאַדע, און ס'וואַרט שוין דעם „ספּוטניקס״
געשיכטע — צו דער לבנה זיין שפּאַציר.
עס שלאָגט דער אָטעם פון גאַרקים האַרץ
און אַלץ אים אַרט,
און איינשטיינס געדאַנקען ווי בליצן-פייערן
וואָס רייסן-אויף די נאַכט.

מיין אַרבעט, מיינט מיין פריינט
דער דיכטער,
איז אַ טעמע פאַר אַ ליד.
און איך, דער פּאָעט, אַ ייד —
פיל זיך דאָ מיט די גרויסע וועלט-
דענקער און דיכטער
ווי מיט גרויסע אויסטערלישע צאַצקעס
אַ קליין קינד.

פון פּאַליצעס, פון טישן —
וויפל קלוגשאַפט, וויפל וויסן,
וויפל צאַרטע ליבשאַפט,
וויפל אויסגעוואַרעמט גליק,
וויפל וואַרצלען אויסגעריסן,
וויפל געמיטלעכקייט צעשטערט,
וויפל טראַדיציעס איבערגעשניטן,
וויפל האָפענונג צונויפגעקניפּט.

מיין פריינט דער דיכטער
איז זיכער אין דער טעמע פאַר אַ ליד —
און אויב ער, ווי אַ גאַסט דאָ,
האָט זי דערזען —
בין איך דאָ דרייסיק יאָר
מיט איר אַלע טאָג.

אַ טעמע האָט מיר מיין פריינט
דער דיכטער געגעבן.
איז פונוואַנען זאָל איך אָנהייבן מיין ליד
האַמערן און וועבן?
טאַקע פון די טויזנטער און טויזנטער ביכער-רוקנס,
וואָס קענען שוין אויף אויסווייניק מיינע אויגן,
און מיין ליד אין מיר וועגן זיי
איז אין מיין בלוט און מאַרך
דריי צענדליק יאָר איינגעזויגן.

ש. בודין

לעבן מיינע לידער

1959

אין באַן

אַלע מיטנוואַכנדיקע פרימאָרגנס
לויפט די באַן אין איילעניש פאַרביי,
און פירט אַוועק מיט זיך
אַ וועלט מיט מענטשלעכע פאַרלאַנגען.

אָט זיץ איך אַליין און טראַג
אַ פאַרוויקלטן קנויל פון האָפענונגען
און זאָרגן.
און דער וואָס זיצט אַנטקעגן מיר,
לייענט ווידער די זייט פון בלאַט —
ווער ס'איז געשטאָרבן,
אַזוי ווי נעכטן און אַזוי ווי מאָרגן.

און דער שכן ביי מיין זייט
אימפּעטיק אויף פּאַפּיר פאַרשרייבט
און סך־הכלען קלייבט
צווישן זיבן, פירן, צווייען און דרייען.
און איך הער זיין בלוט, זיין האַרץ,
זיינע אויגן, זיין געדאַנק,
דינגען זיך און שרייען.

און דאָס מיידל מיט ווייכע וואַרעמע אויגן,
אַ פרייד אויף אירע ברעמען איז אויסגעצויגן.
נאָר שלאָפן וואָלט זי איצט באַדאַרפט,
ווען איר געליבטער וואָלט פון איר ניט געלאַכט,
און מיט זיין האַנט אירע לאַנגע דינע פינגער
ציטער־דורשטיק ניט געמאַכט.

און דער וואָס כאַפּט זיך גלייך
דאָס פענצטער אויפצומאַכן,
ווייל ס׳איז אים גוט צו זען אַזוי פיל
שיינע זאַכן,
וואָס דער האַדסאָן טייך באַווייזט זיי
אַלע מאָל אויפסניי.
און מאַן, און ווייב, וואָס טיילן זיך
גראַדע דאָ מיט די געווינסן און געוועטן,
און זיכער אַז זיי פאַרגעסן אינטימע
צערטלעכע גלעטן,
און רעכענען אוים זייערע חשבונות
אַקוראַט ווי ס׳דאַרף צו זיין.
די באַן לויפט און עסט־אויף
פון זייגערם די מינוטן,
יעדן מיטנוואָכנדיקן פרימאָרגן
פירט זי מיט זיך אַוועק אַ ניט־אויסגערוטן.

אָט זיץ איך און קוק זיך איין
ווי ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן ליכט און שיין
ווען די באַן איז אין טונעל אַריין,
און האָט פון דער לעבעדיקער וועלט
מיך אָפּגעשניטן.
צוגעבונדן צום באַן־שליאַך,
סינג־סינג אויף האָדסאָן טייך
איז אויף מיר אַרויפגעקראָכן.

און פיר מענער זיצן שטיל,
אָפּגעשטעלט ס׳האָט זיך זייער
קאָרטן־שפּיל.
און מיין שכנם האַנט האָט זיך
אויסגעשפּרייט אויף טאַנצנדיקע
פירן און דרייען.
און דער פעטער מאַן וואָס איז ברייטער
פון דעם ברייטסטן שפּאַן
טרייסלט זיך אַליין אויף באַנק
ווי אין אַ נעץ אַ געכאַפּטער שלייען.

די באַן לויפֿט און שטופּט אַוועק
פֿון זיך מיילן נאָך מיילן
און אויף הפקר בלייבן ביימער
און סטויפּעס שטיין,
אַ גאַנצן טאָג וועלן זיי
וואַרטן און שווייגן.
אָט זיץ איך און טראַכט און קלער:
אַ טויזנט מענטשן פֿאָרן אין באַן מיט מיר,
הערצער, קעפּ, חלומות, גלויבן —
ס'וועט די באַן ביים אָפּשטעל
בלייבן שטיין,
און אַלע וועלן מיך פֿון די צעעפֿנטע טירן
אַרויסגיין
צו האָפֿענונגען, צו זאָרגן,
יעדער מיט זיין נעכטן,
מיט זיין מאָרגן.

איך ברענג דער שטאָט

איך ברענג דער שטאָט
אַ בוים וואָס וואַרט אַז ס'זאָלן
רייפֿע פּרוכט קומען אים באַגליקן,
און דעם האָדסאָן טייך וואָס לויפֿט־נאָך
נאָך מיר פֿערציק לאַנגע מייל
אַ גרוס צו איבערשיקן.

יעדן פֿרימאָרגן פֿון מיטנוואָכנדיקן טאָג
אויף מײַנע אַקסלען און אויף מײַנע הענט
איך טראָג —
אַ מתנה צו לאַנגווײַליקער אַרבעט,
אַ פּריש־פֿאַרב צו קאָלירלאָזע אומעטיקע ווענט.

די טענער פֿון גראָזן און די ניואַנסן פֿון בלאַט,
דאָס סאָפּען פֿון אינזעקטן,
און דאָס כראָפּען פֿון פֿייגל פֿאַרשלאָפֿן
און זאַט.
דאָס ברענג איך דער שטאָט,
דאָס גיב איך אַוועק.

יעדן פֿרימאָרגן פֿון מיטנוואָכנדיקן טאָג,
דעם הימל איך צעעפֿן, די ערד איך וועק,
די זון איך צעוויקל און צי זי גיך —
אויף שנעל לויפֿנדיקן באַן דער שטאָט
איך ברענג זי מיט זיך.

דעם ציטער פֿון צווײַג
און די שיינקייט פֿון בלום,
די זילבערנע טראָפּנס וואָס הענגען
אויף ביימער אַרום
און דעם זיס שמעקנדיקן טעם פֿון האָניק
וואָס די בין גרייט אָן.

יעדן פֿרימאָרגן פֿון מיטנוואָכנדיקן טאָג
איך ברענג דער שטאָט וואָס איך האָב
און פֿאַרמאָג:
מײַן רו פֿון דער נאַכט, און מײַן ליד
וואָס פֿאַרטראַכט.
מײַנע הענט אָפּצוצאָלן דעם חוב
פֿאַר מײַן קלייד און ברויט,
מײַן האַרץ וואָס חלומט, שאַפֿט,
און גלייבט.

שלום־עליכם און פיני קאַרטיאָזשניק

הונדערט יאָר זײַנען לאַנגע יאָרן,
און העכער פופציק האָב איך אַליין
שוין אים געטראָגן.
נאָר יענע רייד, יענע ציטערדיקע, צאַפּלדיקע
פרייד און לייד
האָבן ביז היינט פון מיר זיך ניט
אַרויסגעקליבן.

איך בין אַ יתום יונגערהייט און אַ טאַטן
געבליבן,
און אויף ברייטער און ווייטער רוסישער וועלט
האָט שלום־עליכם וועגן אַזוינע ווי איך
שיינע, וואונדערלעכע מעשיות געשריבן:
אַזוי איז איינמאָל אין אַ פאַרכישופטן אָוונט
פיני קאַרטיאָזשניק געקומען מיר זאָגן,
און אַזאַ בוך געברענגט צוטראָגן.

פיני קאַרטיאָזשניק קנייפּט מיך פאַרן
אויער
און זאָגט מיר אַז אין קאָרטן שפּילט ער
דערפאַר — צו פאַרטרייבן זיין טרויער.
און אַז זיין אייגן לעבן האָט ווערט
ניט מער ווי אַ דרייער,
נאָר אַז ער איז פאַרליבט אין מיין מומעס
טאָכטער,
און פאַרבלייבן זיין גאַנץ לעבן
איר אַ געטרייער.

וואַקס איך צו אַ יאָר און צוויי,
און איבער פאַרבלאָטיקטע געסלעך
איך גיי.
איך גיי צו שיינדלען וואָס איז ווי
די אויפגייענדיקע זון אין פרימאָרגן שיין.
איך גיי מיט חלום, מיט פריילעכן געמיט,
אונטער מיין אָרעם, שלום־עליכמס „מבול"
ברענט און גליט.

הונדערט יאָר זיינען לאַנגע יאָרן.
מיינע קינדערישע טעג
איצט נעמען זיך לויטערן און קלאָרן.
שלום־עליכם, פּיני קאַרטיאָזשניק, „דער מבול"
און איך:
אַ גרויסער פענצטער צו לעבן, פאַר מיר —
צעעפנט האָט זיך.
טיפע נעכט. ביי שלאָפנדיקע —
אָטעמדיקע הערצער שלאָגן.
צווישן שוואַך ברענענדיקן לאָמפּ
און מיינע אויגן
אַ גרויסע מלחמה האָט זיך
אָנגעהויבן.

פּערל קלייב איך, גאָלדענע זאַנגען.
די וואָס ווילן מענטשן שלעכטס טאָן זיינען
בייזע שלאַנגען.
די וואָס שטעלן בייזקייט זיך אַנטקעגן —
ווי בלענדנדיקע שטערן שוועבן.
אַזוינע נעכט האָבן זיך גענומען מערן
אויף אונדזער שטובס שויבן.
די געליטענע, פאַרפאָלגטע אין „מבול"
זיינען ביי מיר געוואָרן ווייסע פליענדיקע
טויבן.

הונדערט יאָר זיינען לאַנגע יאָרן.
שלום־עליכם איז מיט אַזויפיל מענטשן
אויף יאַריד און צוריק פון יאַריד געפאָרן.
פּיני קאַרטיאָזשניק אויף יידישן בית־עלמין
אין מיין היים־שטעטעלע ערגעץ איז
באַגראָבן.
און איך וויל איצטביידן
אַ דאַנק זאָגן...

לירישע מאַטיוון

אָן מיר

ס׳וויל דער טאָג אויף מיר ניט וואַרטן,
ס׳גייט אים גאָרניט אָן מיינע קאַפּריזנע טריט.
אַ האַסטיקער, אַ ראַשיקער אַנגעזעטיקט, שטאַרקער, —
ער איילט פון מיר אַוועק.
ס׳וויל די נאַכט ניט לאָזן זיך פאַרנאַרן
פון מיין מעלאַנכאָלישן געמיט,
ס׳הייבט איר גאָרניט אָן צו אַרן
פאַר מיינע ניט-אויסגעשלאָפענע שעהן,
און פאַר מיין אומרואיקער מינוט.
ס׳וויל מיין חלום ניט פאַרווירקלעכט ווערן
אויפשטיין מיט מיר אַ לעבעדיקער
אין דער פרי.
אַלץ, וואָס ס׳איז מיין אייגנס
גייט אָן מיר אַוועק.

אין קאָן

די נאַכט איז ווי אַ פולע שיסל,
אָנגעפילט מיט שמעקנדיקן געשמאַקן באָרשטש,
איך זיץ און ס׳ווילט זיך מיט פולן מויל
אָנשעפּן, און לעשן מיין דאָרשט.
אָך, אַ נאַכט, איינגעדעקט מיט שטערן
און מיט זילבערנע גליקן,
אָפּגעטיילט זיך פון דער קלוגיטשקער
אָפּנאַרנדיקער וועלט.
מיינע חלומות, מיין ליבע, מיין לעבעדיקן געוויסן,
איך האָב דאָ אין קאָן געשטעלט.

שטורעם-ווינט

אַ בוים ווערט אויפגערעגט און פאַרציטערט,
ווען אַ ווינט דערנעענט זיך צו אים.
אַ פויגל דעקט דעם קאָפּ איין מיט פליגל,

ווען אַ שטורעם בושעוועט אַרום.
ווי זאָל אַ מענטש זיך אויסטאָן
פון זיין לעבן און פאַרגלייכן זיך
צו אַ שטיין,
אַז אַלע שטורעם-ווינטן און זאַווערוכעס
גייען-דורך דורך אים אַליין.

אומעטיק

ס'זיצט פאַרנאַכט ביים ראַנד פון אָוונט
פאַרטיפט, פאַרטראַכט,
טאָג, — אַ צעבאַלעוועטער, אַ צעשפּילטער
און פאַרשייטער,
אויף אַ הויכן לייטער צום הימל
קריכט אַרויף.
אוי, פאַרנאַכט, דו פאַרחלומטער,
ביי פאַרליבטע אַזאַ שיינער,
וואָס זיצסטו ווי אַ נאַר!
באַלד וועט די נאַכט פאַרלירן זיך
צווישן ביימער,
וועט דער אומעט בלייבן דאָ
מיט דיר אַליין.

אַ שטיין

אַ וועלט מיט יאָרן
זיינען אין שטיין איינגעשלאָפן,
און מיליאָנען שעהן
זיינען אויף אים אַרומגעקראָכן.
שניי און רעגן האָבן זיין הויט
צעקרעלט, צעשטאָכן,
זון און פראָסט האָבן אים איינגעדעקט
מיט פלושענע מאָכן.
אַלטע ביימער האָבן דאָ זייער לעבן אָפּגעלעבט,
און נייע — ווי לאַנג זיי זיינען דאָ —
האָבן זיך שוין פאַרגעסן.
נאָר ער ליגט טויט און שלאָפט.

אַ מענטש אין מאַי

... און ביימער בליען,
און די ערד אַ ציטער צאַפּלדיקע.
פֿון אינדערפֿרי ביז פֿאַרנאַכט,
אַ פֿאַרליבטע ליגט און וואַרט.

און אַ מענטשן אין מאַי האָט דער הימל
און די זון אַזוי פֿיל שיינע שיינקייט געבראַכט,
אַז פּאָר אַלע טעג און גאַנץ לעבן
ס׳וואָלט זיין האַרץ אָטעמען מיט פֿרייד
געדאַרפֿט.

און יונגע טויבן האָבן דעם טאָג
אויף זייער פֿליגל אויפֿגעהויבן,
און זיינען צו צעווייען אים,
איבער דער וועלט אַוועקגעפֿלויגן.

און אַ פֿאַרשעמטער קראַליק
אונטער אַ קאַשטש האָט זיך פֿאַרקליבן,
און דאָס קורצע עקל פֿאַרהויבן.
אויסגעראַטשעט אַ פּאָר אויגן,
כאָטש נעם און הייב אים אָן גלויבן,
אַז ניט ער האָט געוויקסן פֿון גאָרטן
אַרויסגעצויגן.

און פֿייגל פֿון ווייטע וועגן
זיינען זיך צונויפֿגעקומען,
מיט געזאַנג און מיט גערוף
די גראָזן און בלומען וועקן זיך געגומען.

און אַ מענטש אין מאַי
איז באַשערט צו זען און צו הערן
ווי ס׳קוועלט די ערד וואָס פֿון איר,
פֿון די פֿאַרזייטע זוימען, אוגערקעס, בוריקעס,
רעטעכער און אַרבוזן וועלן ווערן.

און אַ ווערבע־בוים האָט זיך
אין רעגן־וואַסער אויסגעבאָדן,
זיינען אירע צאַרטע לאַנגע בלעטער
מיט פּערל און בריליאַנטן אָנגעלאָדן.
און אַ מידער וואָרעם איז אויף שטיין
איינגעשלאָפן ווייך און וואַרעם,
אָפּצורוען און פאַרגעסן זיך,
פון אונטערערדישן הו־האַ און ליאַרעם.

און אַ וואַסער־שטראָם זיגזאַגנדיק
און אויסגעצויגן,
שלענגלט זיך און שנירלט זיך,
ביז ס׳וועט ערגעץ אַ דאָרשטיק פעלד
אָנזויגן.

און אַ מענטשן אין מאַי
איז ניט דער וואונדער פון לעבן
געגעבן צו ליבן, צו קלייבן,
צו באַהאַלטן און שווייגן.

דער מענטש אין מאַי
דאַרף זיין
דער גלאָק, דער פידל, דער פלייט,
און דער טראָמפּייט,
דער האַמער און דער אייזן,
דער פאָדעם, און דער קנופּ אינמיטן
צווישן לעבן און פרייד.

ווי אַ גוט קינד

יעדער טאָג איז מיר נאָענט און טייער
טייער פאַר מיין ערלעכער מי,
און נאָענט פאַר מיינע מידע גלידער.
יעדער טאָג איז מיר אַן אייגענער, אַ געטרייער,
אייגן, — פאַר באַגעגענען מיך אַלע מאָרגנס אין דער פרי
און געטריי — פאַר אָפּפירן מיך
אַלע פאַרנאַכט צו מיין היימישן געלעגער.
יעדער טאָג איז ביי מיר ווי אַ גוט קינד,
וואָס האָט ליב אַרומצופירן זיך
מיט זיין דערוואַקסענעם טאַטן —
אָנהאַלטן זיך אין אַ פינגער פון האַנט,
און בעטן זיך ביי אים,
אַז עס זאָל אים גאָר ניט שאַטן.

פערד און וואָגן

דער טאָג איז אַ וואָגן
און איך בין דער איינגעשפּאַנטער פערד.
מיין לעבן האָט זיך די ראָלע גענומען
אונדז אַרומצוטרייבן איבער דער ערד.
אַלע פרימאָרגן צי איך דאַרף, צי איך וויל,
מיין לעבן שטייט מיט בייטש ביים טיר,
און דער טאָג מיט אויסגעשטרעקטע האָלאָבליעס
וואַרט אויף מיר.
די נאַכט איז אַ שיף
און איך בין דער ים,
מיין שלאָף ווי אַ וואַכמאַן
ביים רודער בלייבט שטיין.
אַלע ביינאַכט אין חלום ס׳ווערט מיר קלאָר,
פאַרוואָס מיין לעבן און איך
זיינען ניט קיין גלייכע פּאָר.
מיין האַנט האָט כוח
און מיין האַרץ האָט געוויסן,
מיין אויג האָט קאָליר,
און מיין קאָפּ לאָגישע שלוסן,
וויל מיין לעבן מיך דערפאַר
צווישן טאָג און נאַכט אויסמישן.

אַ יאָר צוריק

איך באַטראַכט דעם בוים,
וואָס אַ ווינט האָט צעבראָכן,
אָך, ווי טויט ער ליגט — גרוי און אָפּגעקראָכן.
און נעכטן, — מיט אַ יאָר צוריק,
האָט אַ פרילינג-טאָג אויף אים געבליט,
און אויף זיינע ווייכע גרינע בלעטער
אַ זון-שטראַל האָט גערוט.
איך באַטראַכט דעם צעבראָכענעם בוים,
וואָס פּאַר אַן אומגליק האָט אים דאָ געטראָפן,
אַז דער ווינט איז איבער מיליאָנען ביימער אַרומגעלאָפן
און גראַדע אים אויסגעקליבן צו באַשטראָפן.
אָך, ווי טויט ער ליגט דאָ, שטום אָן לשון.
און נעכטן ערשט, אין מיטן זומער,
אויף זיינע צווייגן האָבן פייגל זיך געליבט
און געהאַלטן זיך אין קושן.

דרייסיק
יאָר
מאָנטיקס

דרייסיק
יאָר
מ אָ נ ט י ק ס, —
ווען איך וואָלט זיי אין אַ קלומעק צונויפגעבונדן,
ווען איך וואָלט זיי אין אַ זאַק אַריינגעלייגט!
אַך, ווי שווער ס'וואָלט געווען
דעם פּאַק אַרומצוטראָגן,
ווי מוראדיק ס'וואָלט געווען
אויפן לעבנס-וועג אַרומצוגיין.

ווען איך וואָלט אַ חשבון געשריבן,
ווען איך וואָלט זיי אין ציפערן געציילט,
וויפל חלומות איך האָב אין זיי פאַרלוירן,
וויפל האָפענונגען זיי האָבן ביי מיר אויסגענאַרט!

דרייסיק
יאָר
מ אָ נ ט י ק ס, —
וויפל וואָכן האָבן זיך אָנגעהויבן
ניט מיט קיין מזלדיק גליק.
אַלע טעג, וואָס איך האָב געדאַרפט
מיין מי אָפּגעבן,
מ אָ נ ט י ק איז געווען דער ערשטער —
זי צוצונעמען ביי מיר.

דרייסיק
יאָר
מ אָ נ ט י ק ס, —
מיינע אויגן האָבן זיך געוואָרגן,
מיינע טריט האָבן זיך געשטיקט,
מיינע מידע גלידער
האָבן פון געלעגער זיך אויפגעהויבן,
און מיין קאָפּ, אַ דערשראָקענער,
האָט זיך געאײַלט און אַרומגעיאָגט.

דרייסיק
יאָר
מאָנטיקס, —
איך האָב צוגעשטעלט אַזוי פיל פּרואוון
מיין מענטש און מיין געזונט,
שטיקער לעבן האָב איך צוגעטראָגן
און געצאָלט מיט אייגענעם איך.
לייכט איז מיטן מויל צו זאָגן,
גרינג מיטן געדאַנק אָפּצומאָלן
אַ שוואַרץ פּאַרשאָטנט,
צי אַ רייך קאָלירק בילד,
אָפּצוטיילן און ניט פאַרמישן,
אַז דערקענען זאָל איך זיך
אין דעם ליד.

דרייסיק
יאָר
מאָנטיקס, —
נאָך זיי הונדערטער וואָכן זיינען געגאַנגען
און געהאַדעוועט מיך מיט אַלץ,
וואָס די וועלט פאַרמאָגט.
איך האָב ברויט און פיש,
פרוכט און פלייש געגעסן,
אין טראַלים, אויטאָבאָסן,
אין אונטערערדישע באַנען געשטאַנען און געזעסן.
טירן אויפגעמאַכט און טירן צוגעשלאָסן,
חכמה און וויסן אין פענצטער אויסגעשטעלט
און אַליין אין הייסן שוויס זיך אָפּגעגאָסן.

דרייסיק
יאָר
מאָנטיקס, —
נאָך זיי טויזנטער שעהן האָבן זיך געצויגן,
אין אַ לאַנגער שנור זיך אויסגעשפּרייט.
איך האָב אָנגעקליבן ליבע
און אָפּגעשפּאַרט גלויבן,
האָב פריינט דערקענט
און אויף שונאים געקוקט מיט צעעפנטע אויגן.
און אויב ס׳האָט אַ שניי זיך אויסגעשאָטן,
און אויב ס׳האָט אַ רעגן געגאָסן,

אויב ס'האָבן מיינע פינגער
אַזוי גרינג זיך ניט געבויגן,
אויב ס'האָט דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ
שנעל און האַסטיק זיך געהויבן,
בין איך שותּפות מיט זיי געווען.

דרייסיק
יאָר
מ אַ נ ט י ק ס, —
מיט וויי, אומעט און פאַרדרוס
האָבן זיי זיך געקייטלט און געשלאָסן
און זיך איינגעקלעמט אין מיר.
גוט מאָרגן, הימל,
גוט מאָרגן, ערד!

דרייסיק
יאָר
מ אַ נ ט י ק ס, —
האָב איך אַצינד געבעטן
ניט צו דערמאָנען, אַז איך האָב פון זיי געליטן.
ניט צו שטראָפן,
אַז זיי האָבן קיין גוטס מיר ניט געטאָן.

אַלע נייע מאָנטיקס, וואָס וועלן מיך באַגליקן,
איך וועל זינגען זיי מיין ליד.
גוט מאָרגן, זון אויף בלעטער,
גוט מאָרגן, טוי אויף גראָז,
די אַלע מאָנטיקס,
איך וועל זיי ניט פאַרגעסן,
כ'וועל זיי איינראַמען
אין יעדן ניי־אָנקומענדיקן מאָנטיק־טאָג,
און זינגען זיי מיין ליד.

גוט מאָרגן, שאָטנס אונטער ביימער,
גוט מאָרגן, קילער, צאַרטער ווינט,
די אַלע מאָנטיקס וועל איך ניט אויסמעקן,
כ'וועל זיי ניט אויסלעשן,
איך וועל זיי פאַר גאָלד, זילבער,
בראָנדז און מעשן נישט אויסטוישן אַצינד.

איך וועל זיי האַלטן ווי געבאָטן,
און זינגען זיי מיין ליד!
גוט מאָרגן, ליכט אויף פענצטער,
גוט מאָרגן, פרישע לופט אין צעעפנטער טיר,
דרייסיק
יאָר
מאַנטיקס, —
ערלעכע אויסגעדינטע, שטייען אַצינד מיט מיר.

• • •

דרייסיק
יאָר
מאַנטיקס, —
און היינט איז אויך מאַנטיק אינדערפרי.
מאַנטיק ניינצן הונדערט זעכציק.
וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע שטילקייט,
וואָס פאַר אַן אויסגערוטע רו.
די פייגל וויסן שוין אויף זיכער,
די ביימער האָבן אויך דערשפּירט:
אַ מענטש האָט אַזויפיל לאַנגע יאָרן
ווי אַ נאַר איבער דער ערד זיך אַרומגעפירט.

דרייסיק
יאָר
מאַנטיקס, —
אַט שטיי איך און קוק זיך אָן.
מאַנטיק ניינצן הונדערט זעכציק:
ווי אַ נייער איך האָב זיך איצט דערזען.
אַזויפיל טעג האָבן מיינע יאָרן אַרומגעטראָגן,
אַזויפיל שעהן זיינען אַוועקגעגאַן פון מיר,
יעדן אָנהייב פון מיין לעבן כ׳האָב באַצאָלט
מיט אַרבעט און שווערער מי.

דרייסיק
יאָר
מאַנטיקס, —
איך האָב געעפנט פרעמדע טיר,
אַלע מאַנטיק מאָרגנס לייד צער און זאָרג
איך האָב אָנגעצילעוועט אויף אַ לאַנגער שניר.

מאַנטיק נײַנצן הונדערט זעכציק:
ווי גרינג ס'איז מיר איצט מיט דיר.
אַ חבר לאַנג געגאַרטער איצט ביסטו מיט מיר.

די גראָזן שפּילן זיך מיט גאָלדענע פליגן,
און די בלעטער זינגען אַ מעלאָדיש ליד.
די זון שיט בריליאַנטן אַראָפּ אויף טיר
און פענצטערשויבן,
און פון הימל רעגנט לויטער דורכזיכטיקער קרישטאָל.

דרייסיק
יאָר
מ אָ נ ט י ק ס, —
ווי אַזוי האָבן זיי זיך אָנגעהייבן,
ווי אַזוי האָב איך זיי איינגעשטעלט
אין קאָן,
יעדער טאָג וואָס ווערט דעם מענטש געגעבן
איז זיין אייגן האָב און גוטס —
און ער דאַרף ווייסן וואָס מיט דעם צו טאָן.
מאָנטיק נײַנצן הונדערט זעכציק.
איך וויל קיין על חטא אין האַרצן זיך ניט שלאָגן,
איך וויל קיין שטראָף־רייד קיינעם
און זיך אַליין ניט זאָגן,
איך וועל נאָר אויסגלייכן דעם זיג־זאַג
דעם צעדרייטן — מיין לעבנס־וועג.

די ערד איז איינגעדעקט מיט בלישטשענדיקער ראָסע,
און בלומען שלאָפן פאַרחלומטע און שטיל.
ביימער קילע ווינטן אין זיך פאַרשליסן
און מיינע אויגן ווי פולע ווייַנטרויבן זיינען אָנגעפילט.

דרייסיק
יאָר
מ אָ נ ט י ק ס, —
איך וויל קיין איינעם פון זיי
איצטער ניט פאַרגעסן;
איך וויל אַז זיי זאָלן ווי טענער
אין אַ ליד, זיך אויסזינגען
אין מיר.

אַ שילד אויף אַ טיר

(אַז אדרעס וואו מען קויפט בלוט פאַר שפּיטאָלן)

ס׳איז ניט קיין חלום —
ס׳איז האַנדל שאַרף און קלאָר.
יעדער מאָרגן פון אַ וואָכעדיקן טאָג
צי מיט אונטערערדישער באַן,
צי מיט אַוטאָבאָס צו אַ גאָס איך דערפאָר.

זיבן טריט, און אין אַ פענצטער בליט:
קליידער פאַר ווינטער, קליידער פאַר זומער,
קליידער פאַר אַ פריילעכן שפּאַציר.
זיבן טריט, און אין פענצטער גליט
גלאַט-געטאָקטע, קלוג-פאַרטראַכטע לעצטמאָדישע מאַשין:
חכמה און לידער, בריוו און נייס
קאָנסט מיט זיי שרייבן אויף פּאַפּיר.
זיבן טריט, און צווישן צוויי ליידיקע פענצטער —
אַ שילד אויף אַ טיר: **ריין בלוט דאַרפן מיר!**

זיבן טריט, און אין אַ פענצטער זידט און בריט
ווייסע טעפּעלעך מיט שמעקנדיקער קאַווע,
און צווישן געגרייטע טישלעך
שוועבט אַרום די באַדינערן אויסגעפּוצט ווי אַ פּאַווע.

זיבן טריט, און צו אַ פענצטער ווערסט צוגעצויגן:
פון אַלע עקן וועלט
היט, היט און היטעלעך זיינען דאָ אָנגעקליבן.
בויג-אַראָפּ אויף זייט, הייב-אַרויף צום הימל,
צי-אַראָפּ צו דער נאָז און פאַרשטעל זיך די אויגן:

ס׳איז ניט קיין חלום —
ס׳איז די וואָר שאַרף און קלאָר.
וועלט-באַזאָרגער, פרעדיקער פון וואָס
מען מעג און וואָס מען טאָר.
זעץ זיך אַריין אין דיין לימאָזין,
און אין וועלכן וואָכעדיקן פרימאָרגן
צו אַכטאײנאונדרייסיק בראָדווײ פאָרפאָר.
איך וויים אַז דו האָסט ליב דעם מענטש.

איך ווייס אַז דו האָסט ליב מצוות צו טאָן.
האָסטו דאָך אַוועקגעגעבן אַזויפיל
פון דיין פאַרמעג מיליאָנען און ביליאָנען
צו ראַטעווען רוים, סועל, פּאַרמאַזאַ,
מאַדריד, בערלין, און ווין.
האָסטו דאָך געשיקט דיין אייגענעם זון,
דיין ברודער, קיין קאָרייע, קיין לבנון,
קיין טאַיפּעי, זייערע טייכן זייערע ימען
זייערע ערדן אָפּצוהיטן פאַר זיי.
האָסט זיך אַזויפיל געוויטיקט
און געליטן פאַרן אומקום פון יידיש פאָלק.
האָסט דאָך איינגעשטעלט דיין ליבע
און געווויסן: אין טערקיי, אין גוואַטאַמאַלע,
און איצט אין קובאַ און אין דער קאָנגאָ
ווילסט דאָך איינפירן אַ טאָלק.
ס'איז ניט קיין חלום —
ס'איז די וואָר שאַרף און קלאָר.

ליבער גאָט-מענטש דו האַרציקער פאָטער:
דו קאָנסט דאָך ניט באַליידיקן קיין פערד,
קיין הונט, קיין קאָטער.
קום אַרויס פון דיין פּאַלאַצן-מויער,
קום אַרויס פון דיין אייזערנעם אַנטיק-געקאָוועטן טויער,
קום מיט מיר צו אַכטאיינאונדרייסיק בראָדווייער טיר —
און בלוט, וואַרעם בלוט דערשפּיר.
בלוט — פאַר אַ קאַלדרע דאָס מידע לייב איינצודעקן.
בלוט — פאַר אַ ביסל אָפּיום צו שמעקן.
בלוט — פאַר אַ קישן דעם שווערן קאָפּ צו פאַרזינקען.
בלוט פאַר אַ ביסל סם-וויין אויסצוטרינקען.
אַזויפיל בלוט מען גיט דאָרט אָפּ —
אפשר בלייבט נאָך עמעצן אַ פאַר גראָשן
פאַר אַ טעלער זופּ.

טייערער מענטש: קלוגער מענטש:
געלערנטער מיט אַזוי פיל וויסן:
שעמען זאָלסטו זיך אין דיין טיפן האַלדז
פאַר די לייט, וואָס פאַר אַ ביסל פרייד,
צי פאַר אַ שטיקל ברויט זייער בלוט
קאָן זיך נאָך אַמאָל צו דיר אַליין אַריבערגיסן.

ס'איז ניט קיין חלום —
ס'איז די וואָר שאַרף און קלאָר.
אַלע פרימאָרגנס פון וואָכעדיקע טעג
מערן זיך די רייען — ענגער און געדיכטער
אַרום די ווענט זיי שטייען.
הענט אויסגעצויגן, קעפּ אַראָפּגעבויגן
וואַרטן פאַרן שטאָך, און דורך אַ נאָדל־לאָך
אויסגיסן דאָס בלוט וואָס האָט אפשר
ביי זיי זיך אָנגעקליבן פאַר אַ גאַנצער וואָך.

שיינער מענטש, באַשיצער פון אייגנס
און פאַרמעגן: זאָלסט אפשר זען
אַז דאָס אָפּגעגעבענע בלוט
זאָל דיין אָפּצאָל ניט איבערוועגן.

באַנייאונג

אַ גאַנצןווינטער איז די ערד געלעגן,
געשלאָפן, געחלומט, און געוואַרט.
און אויף דער וועלט אַזוי פיל זאַכן
האָבן זיך פאַרלאָפן יעדן טאָג און יעדע נאַכט.

אַ בהמה האָט זיך אָפּגעקאַלבט
ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל ביים
פּאַסיפישן ים.
און אַ צעפּעשטשעט אויסגעצאַצקעט טעכטערל
האָט אַ ליבע פאַרפירט מיט אַ מאַן ניט פון
איר אַדל-הויך שטאַם.
אַ מענטש אַ חכם האָט זיך אָנגעבאָטן
די פייגל די זינגענדיקע, די שווישטשענדיקע,
פון לעבן אויסצוראָטן,
און צו געבן די שלאָפנדיקע אַ לאַנגע שטילע נאַכט.

צו אַ פערד איז אַ געדאַנק פאַרקראָכן,
אַז ער האָט די טיר פון שטאַל צעבראָכן.
פון גאַסן אַלע גרינע, רויטע צייכנס אויפגעקליבן:
איבער פרעירים וועט ער לויפן, יאָגן,
און ווי אַ קינד ווידער ווערן פריי.

אַ לאַנד אַ גאַנצס ווי אַ וואולקאַן
האָט אויפגעברויזט און גענומען קאָכן,
אַלע וואָס מיען זיך פאַר זייער ברויט,
האָבן גענומען דאָרט אַראָפּוואַרפן באַהערשערישע יאָכן.

אַ קאַץ איז אויף אַ דאַך אַרויפגעקראָכן,
מיט אירע אויגן אין דער לבנה זיך אַריינגעשטאָכן.
און אַ גאַנצע אייפערזיכטיקע חתונה אויפגעשפילט:
ספּוטניק, לוניק, און אַטלאַס-קאַרדינאַל,
צו די הימלען פליען מיט פויקן-געקלאַפּ
און טרומפּייטן שאַל.

אַ דיפּלאָמאַט אָן אַריסטאָקראַט
האָט געוואָלט פון אַלע האָזן וואָס פּאַשען
זיך אין גראָזן,
פון אַלע פוקסן, וואָס זיינען מיט שיינע
האָר באַוואַקסן,
פון אַלע בערן, וואָס האַלטן זיך אין וועלדער,
פּרוכפּערן און מערן,
אַיין פעלץ פאַר זיך אויפנייען.

אַ ווייסער האָן האָט אין שפּיגל דערזען
אַז זיין קאָם איז ווי אַ רויטע פאָן,
האָט ער פון רעוואָלוציע גענומען קרייען.
זיינען הינער אָן אַן עק און אָן אַ שיר
פאַרשקלאַפטע ביים פּריצישן גביר
געקומען מיט טענות און געשרייען.

אוי, אוי אוי,
און איך אַליין האָב ערשט דערזען,
אַז באַלד וועט די וועלט מיט פרילינג
זיך באַנייען.

צווישן
ערד

זיצט אויף בוים אַ קראָ און קראַקעט,
און דער הימל שלינגט איין די זון אין זיך.
נאַכט נעמט דאָס בעט פאַר זיך אויסבעטן,
און באַלד וועט אַלץ איינשלאָפן,
ווי אַ מיד אָנגעשפּילט קינד.

פינף־און־פערציק יאָר בין איך שוין דאָ
אויף היגער ערד אָפּגעזעסן,
געמאָסטן זי מיט פיס און מיט אייזנבאַן.
נאָר דעם סימן פון מיין געבורט,
האָב איך אין ערגעץ דאָ ניט אָנגעטראָפן.

איך האָב ליב דאָס לאַנד,
איך האָב ליב די ווינטן און די רויכן.
יעדעס ווינקעלע פון ווייטן אַרום און אַרום,
יעדעס וועגעלע פון ברייטן אומעטום.
יעדן בוים און יעדן פעלד,
יעדע פרעירי און יעדן ווילד־געוויקס.
יעדן ברייט־ברעמעדיקן הוט אויף קאָפּ פון רייטער,
דעם פּאַסטעך, וואָס היט די קי,
ווען זי זאַמלט אָן מילך אין איר אייטער.

זיצט אויף בוים אַ קראָ און קראַקעט,
און אויף דער ערד טויטע בלעטער פאַלן.
האַרציק ליד מיינס, ריר ניט אָן דעם טרויער,
וואָס איז שאַרפער פון אַ מעסער,
און זאָל דער האַרבסט־טאָג — די קרוין פון יאָר
זיך אויסלעבן, וואו ס'איז אים שענער און בעסער.

איך האָב ליב דאָס לאַנד
און ס'גייט דאָ ניט מיט וועמען זיך צו וועטן,
וויפל אוגערקעס, צי קווייטן, ווער ס'האָט פאַרזעצט,
און ווער ס'זאָל זיך מיט זיי קוויקן,
און ווער ס'זאָל זיי שמעקן.

איך האָב ליב די האַנט, וואָס גראָבט,
און קלעפּט און ציט שטריק און דראָטן,
און ברענגט ליכט אַרויף צום זיבעציק-שטאָקיקן מויער.
און פון מיילן-ווייטע סימפאָניע-זאַלן
טראָגן זיך מוזיק-טענער צו מיין אויער.

איך האָב ליב דאָס לאַנד,
ווי איך האָב ליב מיין אייגן געוויסן,
איך וויל אָבער קיינמאָל ניט פאַרלייקענען אין זיך,
אַז די ערשטע טריט פון מיינע קינדער-יאָרן
און יענע ערד, וואָס טראָגט אין זיך דעם סימן פון מיין געבוירן,
האָב איך ניט פאַרגעסן און ניט פאַרלוירן.

פינף-און-פערציק יאָר איז אַ צאָל,
וואָס איז ניט גרינג אַזוי מיט זיך אַרומצוטראָגן,
און אַז דו ביסט אַ יידיש קינד,
און פון אַ פרעמדער ערד זיך אַריבערגעטראָגן,
איז וואָס קאָנסטו און וואָס דאַרפסטו דאָ פאַרמאָגן?

איך האָב ליב דאָס לאַנד,
וואָס האָט מיר דזשעפערסאָן, לינקאָלן,
העבס און וואָלט וויטמאַן געגעבן,
און אויסגעלערנט מיך
מיט אייגענע הענט פאַרן לעבן זיך צו מיען.

היינטיקער טאָג

דער היינטיקער טאָג
איז דאָס טייערסטע וואָס דער מענטש
קלייבט אָן פאַר זיין פאַרמעגן.
דער נעכטן ליגט איינגעלייגט,
און ברענגט אַריין פון זיין ווערט
די אויסגערעכנטע פּראָצענטן.
און דער מאָרגן ווי אַ שיין קאָלירנדיק
זייפנבלאָז, הענגט ציטערדיק
פאַר די זשעדנע אויגן.

דער היינטיקער טאָג
איזביים מענטשן אין האַנט
און גוטסקייט, ליבע, האַס און צאָרן
ביידע איניינעם אין זיך טראָגן.

ברודער מיינער, פריינט מיינער,
פּאָעט.
איך וויל ניט ציילן, איך וויל ניט מעסטן,
איך וויל ניט וועגן
די ביטערע, די זיסע, די אָרעמע די זאַטע,
די טעג פון אונדזערע יאָרן.
איך וויל איבעררוקן דאָס אויסגעטראַכטע
וואָרט,
אַז ס'איז באַשערט, וועסטו גליקלעך
לעבן.

דער היינטיקער טאָג
איז דאָס ליד פון דער זון
אין האַלב טאָן, אין פולן טאָן,
אין סימפּאָנישן צונויפגוס.
און דער מענטש קאָן, דאַרף און זאָל
אין דער סימפּאָניע זיך איינשליסן.

דער היינטיקער טאָג
איז דער אָטעם פון ערשט-אויפגעשפּראָצטן
גראָז,
די פריילעכע פרייד אין די אויגן
פון אַן אויסגעהונגערטן האָז.
און דער מענטש קאָן, דאַרף און זאָל
אַליין דאָס זען און פילן דעם טעם
מיט זיין אייגענער נאָז.

א. ש. בודין

לעבן מיינע לידער

1961

הונדערט יאָר

אַ גוט מאָרגן דיר, אַמעריקע,
גוט מאָרגן, לאַנד, איינגעדעקט
אין ווייסן שניי.
אַ גוט מאָרגן אייך, שטעט און וועלדער,
אַ גוט מאָרגן אייך, מענטש און פעלדער.

איך האָב נעכטן זיך צוגעהערט
צו מיין ברודער דיכטער —
זיין זעקס-און-אַכציק-יאָריק קול
האָט אין וואַשינגטאָן ווי אַ גלאָק געקלונגען,
ווען ער האָט זיין ליד געזונגען:
„דאָס לאַנד איז שוין דאָ געווען,
נאָך איידער מיר האָבן געהערט צום לאַנד,
די ערד איז שוין דאָ געווען,
נאָך איידער אונדזערע אויגן האָבן זי געזען".
געווען איז דאָ דער שניי און דער רעגן,
ווען מיר האָבן נאָך ניט געקאָנט פראַגעס פרעגן.
געווען איז דאָס גרעסטע און טייערסטע פאַרמעגן,
אַן אונדז איז געווען שוין דאָ לעבן!

צייט לעבט לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
נאָר מענטשנס טאָג איז געציילט און אָפּגעוואויגן.
הונדערט יאָר איז אַ זעלטענער פאַרמעגן,
און זייער ווייניק האָבן אַזאַ מתנה
ביז איצט געקראָגן.
איצט, אין מיין צייט, און אין מיינע יאָרן
דאַרף איך ניט קיין האָדזשענוויל —
אין אַמעריקעס קענטאָקי פאָרן.
אין געשיכטע-ביכער איז פאַרשריבן,
אַז אין יענעם שטעטל האָט אַ מאַמע
אייבראַהעם לינקאָלן געבוירן.

גוט מאָרגן דיר, אַמעריקע,
גוט מאָרגן דיר מיט זיינע הונדערט-צוויי-און-פערציק יאָרן.
איך בין פון אַ פרעמדער ערד צו דיר אַריבערגעפאָרן,
און זינט איך בין דאָ
אייבערעהעם לינקאָלן איז ביי מיר דיין שפּיגל.

אַכצן הונדערט איין-און-זעכציק,
הונדערט יאָר צוריק,
אייבערעהעם לינקאָלן האָט געגעבן דיר אַ שבועה,
אַז מיט האַרץ און ליבע
וועט ער דיך פירן אויף פרייע און נייע וועגן.

הונדערט יאָר ווינטן און זאַווערוכעס
האָבן זיך איבערן לאַנד אַרומגעטראָגן,
הונדערט יאָר גאָלד און אייזן,
אויל און קוילן האָסטו פון דער ערד אַרויסגעגראָבן,
הונדערט יאָר האָסטו זיך געריייניקט, געוואַשן און געצוואָגן.
זיך אויסגעלערנט שיינע און קלוגע ווערטער שרייבן,
און מיטן מויל אַרויסצוזאָגן.

נאָר אייבערעהעם לינקאָלנס פּשוטער געדאַנק:
„אַזוי ווי איך וואָלט ניט וועלן זיין אַ שקלאַף,
אַזוי וואָלט איך ניט וועלן זיין קיין האַר!
דאָס איז מיין באַגריף פון דעמאָקראַטיע,
אַלץ וואָס אונטערשיידט זיך פון דעם
צו פאַרקלענערן דעם אונטערשייד,
איז ניט קיין דעמאָקראַטיע!"
אַמעריקע, ביז היינט האָסטו דעם געדאַנק —
קיין פולן תיקון נאָך ניט געגעבן.

גוט מאָרגן דיר, אַמעריקע!
גוט מאָרגן ניינצן הונדערט איין-און-זעכציק!
נעכטן האָבן מיר זיך דערוואָרט,
ווען אַ היינטצייטיקער זון האָט די שבועה
צו אונדז געבראַכט,
און אויב ער האָט ווי אייבערעהעם לינקאָלן,
אויך אַזוי געטראַכט,
זאָל ער אונדזער אַמעריקע אויף לינקאָלן וועגן פירן!

גוטער מענטש

יונגע מאַרגנס קאָכן זיך אין גרויסע ערדענע טעפּן,
און די וועלט שטייט מיט אָפענעם מויל גרייט זיך אָנזעטן.
גוטער מענטש, וואו דו זאָלסט ניט זיין, איך הייב־אויף
אַ גלאָז מיט רויטן וויין און וועל אַ ברכה מאַכן:
„בורא פּרי הגפן".
און זאָלן קיינעמס אויגן היינט זיך ניט פאַרמאַכן
און שטעלן זיך באַוואַכן ס׳לעבן וואו ס׳בליט.

גוטער מענטש, וואו דו זאָלסט ניט זיין, איך שפּיל זיך ניט
מיט טרויער און מיט פּיין. איך פרעג דיך: וואָס קאָן לעבן
אָן זונען־שיין, וואָס קאָן אַ הארץ טאָן מיט זיך אליין,
און ווי קאָן זיך אויסריידן אַ טויטער שטיין?

איך האָב ליב יעדעם גרעזל, יעדעם בלעטל,
יעדע פליג און יעדעם זשקול, אלץ וואָס אָטעמט און לעבט
און וויל דאָ אויף דער וועלט זיין.
איך האָב ליב אַ פערד מיט אַ דין־פאַרריסענעם קאָפּ,
אַ פרוי מיט אַ לאַנג־געפלאָכטענעם צאָפּ.
דעם ברייטן שאָטן פון אַ צעוואָקסענעם בוים,
אַ ווייס־געפאַרבטן גאָרטן־צוים,
הויכן שטאָטישן טורעם־מויער,
צעאַקערטע ערד פון האָרעפּאַשנעם פּויער.

איך האָב ליב דעם ווינט אין וואַלד,
אויף טייכן דעם אויסגעבויגענעם וואַסער־פאַלד.
ביי בהמה דעם אויסגעטאָקטן האָרן,
אויף פעלד דעם רייף־ווערנדיקן קאָרן, —
אַלץ וואָס וואַקסט און בליט,
צו דעם מיינע אויגן ציט.

גוטער מענטש, וואו דו זאָלסט ניט זיין,
איך הייב־אויף אַ גלאָז מיט רויטן וויין
און וועל אַ ברכה מאַכן:
„בורא פּרי הגפן".
און זאָלן קיינעמס אויגן היינט זיך ניט פאַרמאַכן,
און נעמען זיך באַוואַכן די שיינקייטן פון דער ערד.

איך האָב ליב די כוואַליעס אויף ים,
פון געליבטנס ליפּן געשמאַקן קושן־טעם.
קיילעכדיק־אויסגעבאַקטן ברויט,
זון־פאַרגאַנג פּורפּור־רויט.
לאַנגע גלאַטע אַספאַלטענע שליאַכן,
און די אַרומשווימענדיקע פיש אין טייכן.

יונגע מאַרגנס באָדן זיך אין די וואַסערן פון ימען.
און די וועלט וואַרט מיט אָפענע הענט זיי אַרומנעמען.
גוטער מענטש, וואו דו זאָלסט ניט זיין,
קוק טיף אין זיך אַריין:
טו זיך אויס פון טרויער און פון פּיין.

איך האָב ליב דעם פלאַטער פון פייגלס פליגל
די פלינקע האַנט וואָס בויט אַ וואַנט פון האָלץ און ציגל.
דעם גרינגן שפּרונג פון הירש,
און פון פאַלנדיקע בלעטער דעם שורש.
די זון בייטאָג, און די שטערן ביינאַכט,
אַ וויינענדיק קינד ווען אויף מאַמעס ברוסט ס׳וואַרט..
אַ גאָרטן מיט פיל־קאָלירנדיקע קוויטן,
אַ פאַרליבטן ווען ער גייט זיין געליבטע באַגלייטן, —
אַלץ וואָס קומט און ברענגט און גיט,
מיט מיינע אויגן איך היט.

גוטער מענטש, וואו דו זאָלסט ניט זיין,
הער זיך צו מיר איין,
הייב־אויף אַ גלאָז מיט רויטן ווין,
לאָמיר איינינעם די ברכה מאַכן:
„בורא פּרי הגפן".
און זאָלן די יונגע מאָרגנס,
וואָס ברענגען ליכט און שיין,
מיט אונדז דאַ זיין.

אַלע מאָל, און אומעטום

מיט יעדער שעה עלטערט זיך
דער פרילינג,
קירעוועט זיך אָפּ פון זיין
שיינעם בליענדיקן טאָג.
וואָס פאַר אַ ליידן מוז ער אין זיך
טראָגן ;
לאָזן די ווייכע בלעטער
און דאָס גרינע גראָז.
וואָס פאַר אַ בענקשאַפט מוז זיך
אין אים קלייבן,
צו דעם וואָס וועט נאָך אים
בלייבן דאָ . . .
שיינער פרילינג, מעגסט מיר גלויבן.
דער ווייטיק אויך ביי מיר איז דאָ
פאַר דיר, און פאַר צוויי יונגע מענטשן,
וואָס זיינען מער מיט אונדז
ניטאָ.

בלעטער גרינע,
איך גיב אייך אַ שבועה :
אַז איך וועל קוקן אויף אייך
יעדן אינדערפרי.
יעדן אינדערפרי ביז ס׳וועלן
אָנקומען די האַרבסטיקע פראָסטן
און מיט ווינטן טריקענען,
און מיט רעגן אייך פאַרראָסטן.

בלעטר גרינע,
איר זענט אַ צירונג פאַר מיינע
אויגן.
און איך וויל איר זאָלט
מיר גלויבן :
אַז איר דערמאָנט מיר אין
פיר אומפאַרגעסלעכע
אויגן.

האָבן זיך געביטן,
קיילעכיקן און צעוואַקסן זיך
אויף בוים.
אָ, זומער אָנקומענדיקער מיט אַלדאָס גוטס,
דיין יעדער נייער טאָג איז
וואונדערלעך און שיין.

וואונדערלעך און שיין וועלן דיך
צוויי ייִנגלעך באַגריסן,
ווען זיי וועלן פון זייער טיר־שוועל
אַרויס.
זומער ליבער, צי ווייסטו,
אַז מען האָט ביי זיי
טאַטע־מאַמע אָפּגעריסן,
פֿאַראַיאָרן, ווען ס'האָבן זיך
גענומען קיילעכיקן און צעוואַקסן
די פרוכטן אויף בוים?

אין גרינעם גראָז,
די ערד איז איינגעוויקלט,
דער הימל שפּילט
אויף פידל און אויף פלייט.
מאָרגן ליבער, אַז דו
וועסט קומען
צו לעבן מיט די שיינקייטן
אויף אונדזער וועלט, —
איך בעט דיך זאָלסט
ניט פֿאַרגעסן:
צוויי קברים אָן אַ צייכן,
וואו ס'שלאָפן צוויי מענטשן,
וואָס האָבן זיך אַליין
אָן אייביקן מאָנומענט
געשטעלט.

מיין יידיש לשון

אין אַ שיינעם טאָג פון יונג-זומערדיקן אינדערמיטן,
האָב איך מיין האַנט אַ פּען געגעבן אויף פּאַפּיר אויסצוקריצן,
פּאַסיקלעך און רינגעלעך,
מיינע וואונדערלעכע יידישע היעראָגליפן.

מיין איינגעעקשנטע לאַנג-יאָריקע ירושה,
לאַפּעטעס, קאַטשערעס, דורכגעגאַנגען דורך פייערן
און איבערגעטראָגן פאַרפאָלגונג און בושה.

מיין וואונדערלעכער יידיש, מיין טאַטע און מיין טאַטנס טאַטע
האָבן אויסגעקנאָטן דורות, און אויסגעהאָדעוועט גלויבן,
און דיך אָפּגעהיט מיט זייערע פאַרזאָרגטע אויגן.

פון שפּאַניש און און פון רוסיש, פון דייטש און גריכיש,
פון לשון-קודש און אַראַמיש דורכגעשוואומען אַלע שטורעם-
כוואַליעס
און ריין זיך אויסגעוואַשן.

זומערדיקער טאָג, מיט ביימער פול אין בליטן,
איך וויל איצט פאַר דיר זיך מאָלן
מיט מיין יידיש לשון.

ס'איז מיר ניט אָנגעקומען דאָס לעבן גרינג אָנטקעגן,
ס'איז ניט געגאַנגען גליק מיט מיר אין וועג,
מיינע יינגסטע יונגע יאָרן האָב איך אויסגעדאַרט אין הונגער,
און אַרומגעלאָפן מיט זיי אָן שיך.

כ'האָב זיך ניט געהאָדעוועט אויף טייבעלעך און פלאָדן,
זיך ניט געקוויקט מיט זיסע האָניק-מאַנדלעך,
כ'האָב זיך ניט געבאָדן אין פייגל-מילך,
זיך ניט געוואַרעמט אין קישעלעך פון פוך.
מיינע יינגלשע יאָרן האָב איך גיך אַוועקגעשיקט פון זיך.

ס'איז מיר ניט אָנגעקומען גרינג מיין לעבן,
ס'האָט מיך ניט געפירט קיין מזלדיקער שטערן,
מיין לעבן כ'האָב געשלעפּט ווי אַ שווערן פּאַק באַרג אַרויף.

צו דרייצן יאָר האָבן מיינע הענט גענומען פֿאַר מיר זאָרגן,
מיין ברויט און קלייד האָבן זיי מיר געבראַכט,
אַלע טעג און אַלע יאָרן מי פֿון אַרבעט האָבן אויף מיר געוואַרט.

צו דרייצן יאָר האָבן מיינע פֿיס פֿון שטעטלשע בלאָטעס
מיך אַרויסגעצויגן און אויף וועלטישע ערדן מיך אַרויפֿגעפֿירט.
לייד, שרעק און זאָרגן האָבן מיך אומעטום אָפּגעזוכט.

ליכטיקער יונג-זומערדיקער פֿרימאָרגן,
פֿאַר מיין יידיש לשון איך וויל דיך באָרגן
צו באַרייכערן מיין ליד.

איך האָב אָפּגעלעבט צענדליקער יאָרן,
איבער שטעט און ימען אַרומגעפֿאָרן,
קריג און רעוואָלוציעס דורכגעטראָגן.
האַלב פֿון מיין פֿאָלק אין גרויזאַמען טויט פֿאַרלאָרן,
און מיין אייגענעם געבורט-שטאָט ניט געקאָנט איינשפּאָרן,
בלויז מיין יידיש לשון איז געבליבן מיט מיר.

מיין וואונדערלעך יידיש לשון האָט מיך געלערנט
ווי איינצוהערן זיך אין אַ שטערנדיקער נאַכט,
און ווי צו באַגעגענען דעם אויפֿקום פֿון אַ נייעם מאָרגן,
ווי צו שאַצן פֿריינט, און ווי זיך אויסצוהיטן פֿון שונא.

פינף מאָטיוון

.1

מיט מיינע טעג האָב איך אָנגעפירט
גרויסע, סטראַטעגישע געפעכטן.
איך האָב מיט זיי אַרומגערינגלט
העכער פופציק יאָר, און ניט צוגעלאָזט
דעם טויט זיך דורכצוברעכן.

מיט מיינע טעג האָב איך אָפּגעצאָלט
אַלע חובות וואָס די פופציק יאָר
האָבן ביים לעבן אָנגעליען,
מיט געווינסן אויסגעהיט זיי זאָלן
מיט גאָרנישט באַנקראָטירן.

.2

אַך ווי שיין ס׳שטעלן זיך אוים
די שטערן אין הימל,
ווי וואונדערלעך ס׳שלאָפט דאָס וואסער
אויפן האָדסאָן טייך.
אַזאַ נאַכט וועט שוין קיינעם ניט אָפּנאַרן,
און וועט ברענגען צו הערלעכע געליבטע
גליק אַ סך.

אַך ווי גוט ס׳איז מיר איצט צו שפירן
דאָס פריידיקע באַגערן פון ביימער
מיט ערשט צעעפנטן צווייט.
ווי ליב ס׳איז מיר צו קלערן
אַז איך וועל דער נאַכט ניט שטערן
מיט מיינע האָפענונגען וואָס האָבן זיך
אין מיר צעבליט.

.3

געבענטשט און גליקלעך איז די ערד,
אַז אַלץ וואָס קלייבט זיך אָן אין איר
גייט אויף און וואַקסט,
און ברענגט פרייד און פאַרגעניגן
צום לעבן.

געבענטשט און גליקלעך איז די ערד,
און איך קאָן זיך שווערן
אַז מיינע אייגענע טריט ווערן אויף איר
פאַרשריבן.

און וואָס איך וועל ניט קענען מיט זיך
מיטנעמען
וועל איך צוריק צו איר, דער ערד,
אָפּגעבן.

.4

אונדזערע טעג ווי סטרונעס אויף
אַ פידל
צוגעגרייט זיך צו צעשפילן
ביים ערשטן אָנריר פון אונדזער געמיט.
אונדזער געמיט ווי אַ פויגל מיט צעפּאַכעטע
פליגל
איבער אונדזער לעבן פליט.

פליט דער פויגל און ס'שפילן סטרונעס
אויפן פידל,
און מיר טראָגן אין זיך אַ ליד;
יעדן טאָג דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן,
און אויסלעבן אים שיין און קלוג.

.5

דער טאָג איז צעעפֿנט
ווי די צייטונג־בלאַט, וואָס איך לייען,
ברענגט גוטע ניים, ווי אויך
בייזוויליקע און שרעק־געשרייען.

די נאַכט איז ווי אַ סימפֿאָניע־זאַל
וואָס שפּרייט אָרקעסטערשע טענער,
לעשט־אויס איראָניע און צווייפֿל
אין מענטשנס האַרץ און פֿאַרוויקלט
אים אין ליבע וואָס איז
פֿון האַס און שרעק אַ סך שענער.

דער מענטש איז אַ פֿידל, אַ טרובע,
אַ טראָמפּייט.
אַ האַרף, אַ פּויק און אַ פֿלייט,
און רירט די ערד אָן זיינע פֿיס
און ציט דער הימל זיינע אויגן
צו זיך,
צעשפּילט זיך אַ ליד אין זיין אייגענעם
איך.
איך שפּיל מיין לעבן
אויף אַ פֿידל.

הײנטיקע לידער

אַ מענטש טראָגט גלויבן אין זײַנע אויגן,
און זײַן האַרץ איז אָנגעפּילט מיט וואַרעמען פאַרלאַנג.
איז וואָלט כאָטש דער טאָג זײַנע וואונטשן אויפגעקליבן,
און זיי איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייט.
אַ מענטש קלערט פון אַזוי פיל גרויסע גליקן,
און, ווי שײַנע בריוו, וויל ער זיי איבער דער וועלט צעשיקן,
ער וואָלט זיי אויסגעלייגט אויף ימען,
און אויסגעשפּרייט אויף ווינטן,
אײַנגעפלאַנצט אין גראָזן,
און אויפגעהאָנגען אויף מויערן און בריקן.
איז וואָלט כאָטש דער טאָג זיך ניט אָוועקגעשטעלט אין מיטן
און שטערן אים אין וועג.

אַ מענטש וויל קוקן אויף ביימער און יונגע בליטן,
און זען אויף ערד די צייכנס פון טריט.
ער וויל זײַן קאָפּ אויפהייבן און זען,
ווי ס׳פליען פייגל און טויבן,
און ווי ס׳קיילעכדיקט זיך אויס
אין הימל די זון.
איז וואָלט כאָטש דער טאָג לאָזן אים געניסן,
און געבן דער וועלט צו וויסן,
אַז יעדן מענטשן איז דאָס לעבן ליב.

ס׳איז דער טאָג ניט צוגעשניטן פאַר יעדן איינעם
אָנצוטאָן ווי אַ צוגעמאָסטן קלייד,
און דאָס לעבן איז ניט פאַר יעדן איינעם
געוואָקסן ווי אַ שײַנער בוים.

יעדער איינער האָט זיך זײַנע וועגן,
האָט זיך זײַן אייגענעם פאַרשטיין,
נאָר די זון גייט אויף אַלע פרימאָרגן
און פאַרנאַכט זי טוט פאַרגיין.

ס'איז דער טאָג אַזוינס, וואָס מען קאָן
אים ניט אַ צווייטן אַנטלייען,
און מען קאָן אים ניט ביי אַ צווייטן
פאַר זיך לייען.
נאָר די שטערן קומען שיינען יעדן אויפֿדערנאַכט,
און פֿאַרלעשן זיך ביי יעדער מאָרגן-באַנייאונג.

יעדער איינער האָט זיך זיין גלויבן
און זיין חלום,
און אין מיר — יעדעס האַרץ-קלאַפּ
רופט און מאָנט פרייד
און שלום.

די שיינע טעג פון אונדזער לעבן
זיינען איצט אויף ביימער אויפגעהאַנגען,
און די ערד דאַנקט אונדז פאַר אונדזערע לעבעדיקע טריט.
אָ, ברידער מיינע, ביי וועמען ס'גליט בענקשאַפט
אין די אויגן,
ביי וועמען ליבע איז ווי אַ זיסע פרוכט,
טוט אָן דאָס קלייד פון גלויבן,
און קומט ראַטעווען דאָס וואָס ס'קער זיך אָן
מיט אונדז.

ש. בודין

שטילקייט

שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט מיט מיר היינט שלאָפן
אויף אַ בעט צוגעגרייט נאָר פאַר מיר אַליין.
וואָלט כאָטש די לבנה הינטער ערגעץ ביימער זיך פאַרשטעקן,
און די נאַכט וואָלט ניט געווען אַזוי וואונדערלעך און שיין.

גוטער הימל! ווי קאָן אַ מענטש מיט שטילקייט שלאָפן,
ווען יעדער בוים און יעדעס בלעטל
טראָגט אויף זיך אַן עול;
ווען אויף קישן יעדער פאַלנדיקער שאָטן
קלאָגט זיך מיט אַ צאָרנדיק קול.

ווי קאָן אַ מענטש פון שטילקייט לאָזן זיך צערטלען, גלעטן,
און איינשלאָפן ווי אַ קאַלטער שטיין,
ווען טרויער און פאַרדרוסן זיינען אָנגעגאָסן
אין זיין בלוט און אין זיין געביין.

ווי קאָן אַ מענטש נעמען און פאַרגעסן
די גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס,
וואו ס׳איז דערשטיקט און פאַרברענט זיין שטאַם ? !
ווי קאָן ער רו און שטילקייט פאַר זיך אויסקלייבן,
מיט ביימער און לבנה־נאַכט צופרידן בלייבן ? !
ווי קאָן ער שיינע בריוו און עלעגאַנטע לידער צו דער וועלט
שרייבן ? !

פרידן אויף דער ערד

פון קאַלטן ווינטער איז קיין זכר
ניט געבליבן,
ס'האָבן אים יונגע פרילינג-טעג טיף
אונטער ערד פאַרטריבן.

זינגען פייגל און עס ווייזט זיך אויף ביימער
רויט-בלויער צווייט,
אויף גראָזן האָדעווען זיך גאָלדענע פליגן
און ביי קינדער אין די אויגן לויטער פרייד
איצט בליט.

אָ, שיין לעבן, אָ, יונגער פרילינג-טאָג,
איך וואָלט דיך אָפּגעגעבן אַלץ,
וואָס איך פאַרמאָג, —
מיין האַרץ, מיין אויג, מיין ליבע און מיין ליד,
מיין פרייד, מיין גלויבן און מיין אויפגעראַמטע שטוב,
איך וואָלט דיך אַרומגעטראָגן אויף מיינע אַקסלען,
ווען איך זאָל וויסן, אַז דו וועסט דעם מענטש
לאָזן געניסן רו און פרידן —
אויף אונדזער ערד.

פרייד

אַ גראָז האָט פון דער ערד זיך אויפגעהויבן,
און וויל וואַקסן, וואַקסן ביז אַרויף צו דער זון.
די ערד וויל זיך פּוצן און קליידן,
מיט צאַרט פלושענעם גרין.

ביימער זיינען דעם גאַנצן ווינטער אָפּגעשלאָפן,
און אויסגערוט זייער יעדן גליד.
זיינען זיי אויפגעשטאַנען פריילעכע, געזונטע,
און זינגען פאַרן פרילינג אַ פריידיק ליד.

אָ, יאָרן מיינע, אויסגעוואָקסענע יאָרן,
איז וואָס זאָל איך איצט אין פרילינג טאָן?
אַז בענקשאַפט גליט אין מיינע אויגן,
און אומרו טוט מיין האַרץ זויגן,
ווי דעם האָניק פון בליטן אַ הונגעריקע בין.

פרילינג

אַלע זיבן טעג פון וואָך,
אין מיין לעבנס־טאָפּ איך קאָן,
ווי אַ געשמאַקן מאַלצייט גרייט זיי —
פאַר מיין מי;

אַלע מיינע שעהן אויף אַ שנירל,
ווי פיש פון טייך איך צי,
צאַפּל־ציטערדיקע
פאַר מיינע אויגן איך דערזע.

און אין דרויסן גייט אַרום אַ יונגער מאָרגן,
און ס'קימערט אים ניט וואָס דער נעכטן
איז געווען פול מיט זאָרגן.
און די ערד ווערט ווייך און גרין,
און דיביימער איילן זיך, זיי האָבן
אַזוי פיל וואָס צו טאָן;

גאָט מיין ליבער, וואָס איז דאָס
פאַר אַ שפּיל!
אַלע יאָרן אין פרילינג, אַ בענקשאַפט
פאַר אַ ניי לעבן איך דערפיל!

דערמאָנען זיך

זיצט טאָג ביי מיין טיש
און לערנט מיט מיר אַ בלאַט מיט סברות:
אפשר האָב איך ווי אין חלום — ווירקלעכקייט געזען;
אפשר האָב איך אַוועקגעלאָזט מיינע יאָרן
ווי קיילעכדיקע זייפנבלאָזן;
אפשר האָב איך ווי אַ נאַר אויסגעטראַכט,
אַז איך בין דער האַר פון מיין אייגן לעבן.

וויל איך מיטן טאָג איצטער זיך ניט קריגן,
איך וועל אַפילו ביי אים ניט פרעגן,
וואָס האָב איך דען ניט געטאָן,
ווען איך האָב זיך אַליין אַריינגעשטעלט אין קאָן;
וואָס האָב איך ניט צוגעטראָגן
צו פאַרנאַכטן און פאַרטאָגן,
וואָס האָב איך ניט אָפּגעגעבן
צו מיין גלויבן און צו מיין לעבן!

ניין, איך וויל ניט קוקן אין דעם שפּיגל
און צעשפּרייטן מיינע הענט ווי פליגל
און פאַרגלייכן זיך צו אַ פויגל, צו אַ טויב,
וואָס זוכן ברעקלעך צווישן גראָזן, צווישן שטויב.
ניין, איך וויל ניט אויסמעסטן די וועגן
און נעמען ציילן די טריט וואָס הינטער מיר איצט ליגן.
ניין, איך וויל ניט אויפמישן אַ פּנקס,
וואָס ס'איז אין אים וועגן מיר דאַרט גאַרניט
ניט פאַרשריבן;
איך וויל ניט אומקערן זיך צו אַ שטעטל
און צו אַ שטיבל, וואו ס'איז קיין סימן פון מיין
קינדהייט ניט פאַרבליבן.
איך וויל ניט אָנרופן ביים נאָמען יעדן ווידערשטאַנד,
וואָס איז מיר געקראָכן אין פּנים.

ס'זיצט טאָג ביי מיין טיש היינט אין מיינע יאָרן
און וויל איך זאָל דערמאָנען זיך:
וואָס האָב איך געהאַט, און וואָס האָב איך פאַרלאָרן,
אפשר האָב איך געהאַט אַזוי פיל, וויפל איך האָב
געקאָנט פאַרטראָגן,
אפשר וואָלט איך מערער געהאַט ווען איך וואָלט
זיך געוועזן נאָך דעם יאָגן.
ניין, איך וויל דעם טאָג איצט פשוט זאָגן:
איך האָב געהאַט אַ האַרץ און האָב עס
ניט פאַרלאָרן;
איך האָב געהאַט אַ געוויסן און האַלט אים אָי
אין זיך, אַ לויטערן, אַ קלאָרן.

מיין טאַטנס באָרד

מיין טאַטנס נאָמען איז אין קיין פּנקס ניט פֿאַרשריבן,
און זיין קיילעכדיקע געקרייזלטע באָרד איז אויף קיין
בילדער ניט פֿאַרבליבן.
און איך אַליין נאָך פֿופֿציק יאָר, האָב די ברעקלעך
פֿון זיין לעבן ניט אויפֿגעקליבן.
מיין גאַנץ לעבן איך בין אויף דער ערד אַרומגעגאַנגען,
זיך צוגעקוקט צו בליענדיקע ביימער, און צו פֿעלדער
מיט רייפֿע זאַנגען;
זיך צוגעהערט צו רייד פֿון קלוגע און נאַראָנים,
געזען זון־פֿאַרגאַנג און זון־אויפֿגאַנג און אין שפּיגל —
מיין אייגענעם פּנים.

מיין טאַטנס וועלט איז מיר קיינמאָל ניט געקומען
צו חלום,
צי האָט ער זיך קריגעריש קעגן אומרעכט געשטעלט,
צי האָט ער פּאַסיוו געלעבט אין שלום,
אַזוינס צו וויסן האָט מיר קיינמאָל ניט אויסגעפֿעלט,
און נייגעריקע פֿאַרלאַנגען האָבן זיך מיר
פֿאַר די אויגן ניט אַוועקגעשטעלט.
אַ גאַנץ לעבן האָב איך אויסגעקנאָטן,
און פֿאַר זיך געמאַכט געבאָטן,
אַז אַלץ מוז איך אַליין פֿאַר זיך טאָן,
אַפֿילו איך זאָל זיין דעם שענסטנס בעל־יחוס זון.

אויף מיין טאַטנס ניט־געירשנטער ירושה
האָב איך קיינמאָל קיין טרערן ניט פֿאַרגאָסן,
מיין אויפֿוואַקסן אָן זיין וויסן האָט ניט פֿאַרשאַפֿט
מיר קיין פֿאַרדראָסן.
אַלעמאָל פֿון דעם לאַנגן קינדערשן אַמאָל
פֿאַר מיין טרייסט און טרויער, פֿאַר מיינע האָפֿענונגען
און באַדויער, פֿון מיין אייגענעם פֿאַרמעגן
איך צאָל.

מיין טאַטנס נאָמען איז אין קיין פּנקס ניט פֿאַרשריבן,
און זיין קיילעכדיקע געקרייזלטע באָרד איז אויף קיין
בילדער ניט געבליבן.
און איך, זיין זון, וויל איצט פֿאַר אים
אויז פֿאַר דעם וואָס ער איז געווען
דעם מענטשן באַגערטע לידער געבן.

וועלט אין מיר

די וועלט וויל קיינעם ניט אָפּנאַרן,
וויל ביי קיינעם ניט אָפּנעמען דאָס געגאַרטע פון זיין האַרץ.
די וועלט איז טאָג און נאַכט, און ערד און הימל,
וואַלד און ים, ברויט און פיש,
ביימער מיט פרוכט געלאָדן
און פון געליבטע ליפּן נאָכגעבנדיקער קוש.

די וועלט איז פרילינג און זומער,
האַרבסט און ווינטער מיט אַלע שיינקייטן
אויף לאַנדשאַפטן פאַרשריבן.
שאָטנס־ניואַנסן, עכאָס און לידער,
ווינטן, גראָזן און גרויסע אוצרות
פון מיענדיקע הענט געקליבן.

די וועלט איז משה רבינו און שפּינאָזע,
רמב"ם און אַריסטאָטל,
קאַרל מאַרקס און דזשעפערסאָן,
לינקאָלן און וולאַדימיר לענין,
רוזוועלט און איינשטיין
און דער ערשטער אויסגעשריי פון אַ ניי־געבוירן קינד.

די וועלט איז בירושה אונדז איבערגעגעבן,
פון אָדם, נח און אברהם אָבינו,
פון יאָרן און צייטן, פון נאַטור איבערבייטן,
פון וואונדער פאַרבליבענע ביז היינטיקן טאָג.

איז ווער דאַרף די כוואַליעס פון ים אָפּשניידן,
די שטראַלן פון דער זון פאַרטרייבן,
די וואַלקנס־הערהאָגליפן פון הימל אָפּרייבן,
פון דער לבנה דעם זילבערנעם שיין פאַרווישן,
און איינזאַם מאַכן די וועלט.

איז צו וואָס די פרוכט אויף ביימער פאַרדאַרן,
די זאַמדן ביי ברעג טייכן פאַרשאַרן,
די גראָזן פון דער ערד אָפּפּליקן,
די לופט פון אָפענע ספערן דערשטיקן
און אויסליידיקן די וועלט?

די וועלט איז געוואַקסן קיינעם אויף צו להכעיס
טויזנטער אָפּגעגאַנגענע יאָרן,
אַלץ וואָס אָטעמט מיט לעבן געגעבן אַ היים,
יעדן בוים אַ נאָמען, יעדן ברעג — אַ טייך.
יעדן פֿרימאָרגן געגעבן כּוח און גלויבן,
יעדן פֿאַרנאַכט רו און האָפֿענונג אַ סך.

איז צו וואָס די מילך אין בהמהשע אייטערס פֿאַרסמען,
חיות און עופֿות פֿאַרניכטן אין פֿלאַמען,
דאָס ברויט אין פֿעלד פֿאַרדאַרבן,
פֿיש אין וואַסערן אומברענגען
און פֿאַרוויסטן די וועלט.
און צו וואָס שטערן די פֿייגל צו זינגען,
און ניט לאָזן די הירשן אין וועלדער זיך מערן.
ביי בינען ראַבעווען דאָס האָניק,
און ביי מוראַשקעס זייערע היימען.

די וועלט האָט מיט אונדז זיך ניט אָנגעהויבן,
מיר אַליין האָבן גרענעצן און צוימען פֿאַר זיך געמאַכט.
מיר אַליין האָבן זי צעמאָסטן און צעשניטן,
די ערד און דעם ים אויף שטיקער צעריסן,
באַגריפֿן און פֿאַרלאַנגען געשאַפֿן,
און מזל און גליק געטיילט.

איז צו וואָס ניט לאָזן די נאַכט זיך אויסשלאָפֿן
און דעם טאָג אויסלעבן זיך אין זיין אימפּעטדיקן דראַנג,
דעם רעגנבויגן בלענדן אין אונדזערע אויגן
און העל מאַכן די וועלט.

די וועלט האָט ניט פֿאַרזייט
קיין הערשער און קיין האַרן,
ניט פֿאַרפֿלאַנצט קיין קלוגע און קיין נאַרן,
ניט איינגעטיילט איינעם ביטער מזל,
און איינעם זיס גליק.
מיר אַליין מיט אונדזערע טעג און יאָרן,
פֿירן אַוועק די וועלט
אויף קרומע וועגן.

לומומבאַ

וויפל נעכט האָבן אויף דער ערד זיך אויסגעשלאָפן,
און וויפל טעג האָבן אָפּגעהאַרעוועט אויף דער וועלט,
וויפל פייגל האָבן אין ביימער נעסטן אויסגעקנאָטן,
און וויפל מענטשן האָבן נאַרישע טריט געשטעלט, —
אָ, חלום געגאַרטער, חלום אויסגעוואַרטער,
ווי וואונדערלעך ס'האָט זיך אויפגעוועקט דער אַצינד!

אַט קוקט אויף אַפריקע, אַט זעט די קאָנגאָ —
ווי לאַנג האָט די וועלט מיט זיי זיך אָנגעקערט?
הונדערטער און הונדערטער יאָרן!
וואָס האָט דער מענטש אין געשיכטע-ביכער פון זיי געהערט?
נאַקעטע שוואַרצע לייבער, שווער-ברוסטיקע גלוסטיקע ווייבער
און פאַר די כוואַטן ווייסע אַריסטאָקראַטן:
אין געיעג ווילדע פלינקע הינט.

מיט וואָס האָט אַפריקע די קאָנגאָ, מיט זייערע אוראַלטע זיטן,
מיט דער ווייסער וועלט זיך געביטן?
די דימענטן בריליאַנטן, קופּער, גאָלד, וואָס איז געוואַקסן
אין זייער מיטן,
מיט פּולווער און מיט קייטן, מיט ליגן און האַס-פאַרשפּרייטן,
אַז אַפריקע, די קאָנגאָ, איז אַ טיפע שוואַרצע גרוב.

אָ, חלום ליכטיקער און וואָר,
דער אמת מוז דאָך אַרויפשווימען,
ווי וואַסער ריין און קלאָר.

הונדערטער און הונדערטער יאָרן
ווער איז קיין אַפריקע און קאָנגאָ געפאָרן?
קלוגע געשולטע מיסיאָנערן, בראַווע אויסגעפּוצטע הערן
צו פאַנגען עלפאַנטן און בערן, און צו פאַרשליסן
פאַר דער וועלט אַפריקעס טיר.

לייבן, לעמפּערטן און זשיראַפן פון לאַנד צו לאַנד
האָבן אַרומגעפּירט שיינע פּריצטעס און הויך־געווייילטע גראַפן
געלערנט זיי ווי צו שטיין און ווי צו טאַנצן,
נאָר אַפריקעס מיליאָנענדיקע מאַסן, זיי פאַרגעסן
האָט מען אינגאַנצן.

וויפל נעכט האָבן אויף דער וועלט זיך אויסגעשלאָפן,
און וויפל טעג האָבן אָפּגעהאָרעוועט אויף דער וועלט?
וויפל האָט אַפריקע, די קאָנגאָ, שוידער־אַנגסטן
דורכגעליטן, און איצט, מיט אונדזער לעבן —
איז אין דער מיט?

אָ, חלום, ס'וועט שוין אייביק ניט פאַרגעסן ווערן
לומומבאַס פּנים,
ס'וועט שוין קיינמאָל ניט אָוועקגיין פון דער ערד
זיין טרוים, —
דער אָטעם פון זיין מויל האָט אָנגעפילט
דעם גאַנצן רוים.

דאָ־הי

איך האָב ליב דאָס לאַנד
מיט אַלע וועגן און אַלע שליאַכן,
דעם הימל אין דער הויך, און די ערד
צעלייגט אויף בערג און פלאַכן.
איך האָב ליב די וואונדערלעכע יאָרן
ווען פון גאָר דער קיילעכדיקער ערד,
פרייהייט־זוכנדיקע מענטשן זיינען
אַהער געפאָרן.

איך האָב ליב די נעמען פון שטעט,
די פאַרבליבענע צייכנס פון יענע מענטשנס טריט —
זיי האָבן דעם לאַנד אַ האַרץ געגעבן.
איך שפּיגל זיך אין ווירדזשיניעס מאָנטיסעלאָ
און אין קענטאַקיס האַדזשענוויל,
און אין מיינע אויגן, אַנגעקוועלטע טרערן
איך דערפיל.

איך האָב ליב דאָס לאַנד,
דאָס לאַנד דאָ־הי,
און וויל עס ניט איבער ימען אַריבערפירן,
איך וויל מיט מיין בלוט און לעבן אָפּהיטן,
דזשעפערסאָנס און לינקאָלנס גאָלדענע שפּורן.
איך פיר חשבונות און צי־אונטער סך־הכלען,
איך זוך נאָך וועמענס זיידעס זיידע
האָט צום ערשטן זיך דאָ פאַרקנסט,
און ווער ס'האָט וועמען דאָ געהאַסט,
נאָר איך וויל איצט דאָס שיינע לאַנד
מיט גאָרניט ניט פאַרשעמען.

איך האָב ליב דאָס לאַנד,
די צעגאָסענע טיפע טייכן און טומלדיקע
גאַסן.
ווינטער מיט שניי פאַרווייעט,
און אַלע פּשוטע טעג
פון אַ מיטן אינדערוואָכן.

יאָרן, מיינע יאָרן!

איך האָב היינט געקריגט זיך
מיט מיינע יאָרן,
זיך דורכגערעדט מיט זיי שאַרף
און היציק.
אויסגערעכנט די צוגעזאָגטע גליקן,
וואָס געגעבן זיי האָבן מיר גאָר ווינציק.

אויפגעמישט זיי בלאַט נאָך בלאַט
פון מיינע פאַרגאַנגענע טעג און שעהן.
שוואַרץ אויף ווייס געצוואונגען
זיי זאָלן זיך דערמאָנען.

וויפל בין איך אַלט געווען,
ווען פיר יידן האָבן מיין טאַטן
צום אייביקן אָרט אַוועקגעטראָגן?
וויפל בין איך אַלט געווען,
ווען מיין מאַמע האָט פאַרן שטיקל ברויט
צווישן מאַרק־פורן זיך גענומען אַרומיאָגן?
וויפל בין איך אַלט געווען,
ווען אויף וואָגן, אויף באַן און אויף שיף
איז מיין קינדהייט פון מיר אַוועקגעפאָרן?

אָ, יאָרן, מיינע יאָרן!
וויפל בין איך אַלט געווען,
ווען איך האָב אייך אויף מיינע אַקסל
אַרויפגענומען און איבער שטעט און ערדן
זיך געלאָזט גיין?
וויפל בין איך אַלט געווען
ווען מיט מי, מיט געדולד,
און זינגענדיקע האָפענונגען,
איך האָב אייך איבער ים אַריבערגעפירט?
איך האָב געקריגט זיך מיט מיינע יאָרן,
קלאָר און שאַרף זיי אָנגעוויזן,
אַז געצאָלט האָבן זיי מיר
דעם קאַרגסטן אָפּצאָל
און אויף לאַנג פאַרשפעטיקט,
ווען איך האָב זיי מיט ליבע
און צערטלעכקייט געזעטיקט.

ש. בודין

לעבן מיינע לידער

1963

דער וואונדער איז אין גלויבן

(געווידמעט דעם היסטארישן מארש קיין וואשינגטאָן פאר פול
נעגער־רעכט, דעם 28טן אויגוסט, 1963)

.1

ווען האָט וואַשינגטאָן אין זיין לעבן
געזען אַזויפיל אויגן?
ווען האָבן אַזויפיל הענט — צו לינקאָלן
זיך געצויגן?
ווי אַזוי האָבן זייערע שטיינערנע מאָנומענטן
זיך געקאָנט גלויבן?
אַז נאָך אַזויפיל פאַרגאַנגענע יאָרן — ווען אַמעריקע
האָט זיי פאַר אַנפירער אויסגעקליבן,
זאָל אַ טאָג אַזוינער זיין — אַז אַ פאָלק קומען זאָל צו זיי
מיט ווי און פיין, און דערמאָנען פאַרוואָס זיי שווייגן!

וואַשינגטאָן האָט זיך זייער נאָענט אָנגעקערט,
ווען אַמעריקע האָט זיך קעגן הערשאַפט אויפגעהויבן,
לינקאָלן האָט זיך צו הויכקייט אויפגעשטעלט,
ווען ער האָט אויסגערופן: גענוג דאָס נעגער־פאָלק
באַ'עוולה'ן און באַרויבן;
און אַלע מענטשן זיינען גלייך,
און אַלעמען האָט גאָט געגעבן די אייגענע ברכה
צו לעבן און געניסן, צו אַרבעטן און האָפן,
צו חלומען און זייער בלוט פאַרגיסן
פאַר לאַנד, אין דעם לאַנד וואָס האָט
צו פרייהייט זיך אַרויסגעריסן.

וואַשינגטאָנס און לינקאָלנס מאָנומענט
האָט היינט מיט אַ גרויסן טאָג זיך באַקענט
און צו דער וועלט אַוועקגעשיקט פון זיך גרוסן.
כוואַליעס, כוואַליעס פיס און הענט,
שטראָמען, שטראָמען קעפּ און אויגן,
שוואַרצע, ווייסע אין ברידערשאַפט,
ווי אַ ים האָבן זיך אויסגעצויגן
און זיך אויסגעמישט אין איין גלויבן —
אַז פאַר לייקענען אַ איין-און-איינציקן זיין רעכט
וועט ניט טויגן.

2.

די זון איז אונדזערע,
און זיכער ליגט דאָ די ערד אונטער אונדזערע פיס.
די זון איז אונדזערע,
און די לבנה איז שוין אויך גאָרניט אַזוי ווייט
פון אונדז.
די זון איז אונדזערע און דער ים און דער טייך,
דער וואַלד און דער הימל, און אין פרילינג —
אויף ביימער דער צווייט.
מעגן שרייען וועלף און רעווען אַלע ווילדע ברואים.
מעגן שטורעמס בושעווען און וויכערן,
מעגן קלוגע אונדזער אומקום אונדז פאַרזיכערן.
מעגן די וואָס פון זיך אַליין נאָר קלערן,
מעגן די וואָס ווילן אונדזער לעבן צעשטערן;
מיר זיינען דאָ, מיר פילן-אָן יעדע
לעבעדיקע שעה.

די זון איז אונדזערע,
און ליב איז אונדז געוואָרן אונדזער לעבן
הונדערטער יאָרן. און וואולקאַנען שלעק
מיר האָבן אויף זיך געטראָגן,
און דורך שרעק מיר האָבן אויסגעקליבן
אונדזער וועג, און גייען צו פריי
און גליק.

די זון איז אונדזערע!
און דאָס ברויט אין פעלד,
דער טויט פון אַ ביקס, און דער אויפטו
און אומקום פון אַ העלד.
דער זיסער חלום, און ביטערע וואָר,
דער איינזאַמער טרויער, און די שיינקייט
פון אַ געליבטער פּאָר.
דאָס גרינע גראָז, און וויין אין געשליפענער
גלאָז.
דער טאָג צו געבן אים אַרבעט און מי,
די נאַכט צו געבן אונדז שטילקייט און רו.
אונדזערס איז די בעט און אַ שפּיגל,
דער האָנען־קריי, און דער פלאַטער פון פויגלס
פליגל.
פון געקאָוועטן אייזן דער קלאַנג,
און פון אַ מויל צאַרט געזאַנג.
דאָס רוישן פון וואַסערפאַלן,
און די אינטימע געבעטן פון האַרץ־קוואַלן.
קעפּ און הענט, פיס און אויגן,
לעבן און קראַפט, וואָס קינדער פון מאַמעס ברוסט
זויגן.
בלוט און פליייש, הויט און ביין,
טאָגס אויפגאַנג, און טאָגס פאַרגיין.

די זון איז אונדזערע,
און מיר זיינען איינגעוועבטע פעדעם
אין אַ לאַנגען זיגזאַגן־שנור.

ווער ס׳האָט די וועלט באַשאַפן — פרעגן איצט
איז שוין צו־שווער.
אַזויפיל וואונדער זיינען זיך פאַרלאָפן
אויף יעדן ריר און קער.
ימען האָבן זיך אויסגעגאָסן,
און טיילן ערד האָבן זיך אָפּגעשלאָסן,
און פאַרפרעמדט איז געוואָרן מענטש
פון זיין אָנקער.

די זון איז אונדזערע!
אונדזערס איז דער ווייטיק און די פּיין,
דאָס האָפן, און אָפּצאָל פאַר דאָ זיין.
זיין אַן אַפריקאַנער, זיין אַ נעגער־זון,
זיין אַ טונקל־הויטיקער מיט אַ שטאָלץ־
געהויבענעם קין!

3.

איך גיי קיין וואַשינגטאָן, איך גיי.
איך גיי מיט אַן אָנגעלאָדן האַרץ,
מיט אויגן אָפענע און געדאַנקען קלאָרע,
ווי די זון אין הימל איצטער שטייט.

איך גיי קיין וואַשינגטאָן, איך גיי.
איך גיי אויף קבר־אָבות צו דער הויפּט־שטאָט
פון מיין לאַנד,
איך גיי פון מיסיסיפּי און אַלאַבאַמאַ,
פון טענעסי און קאָלאָראַדאָ,
פאַר קיין הינט איך האָב ניט מורא,
שרעק און דראָאונגען זיינען פאַר מיר ניט מער
קיין גאַנגבאַרע סחורה.

איך גיי קיין וואַשינגטאָן, איך גיי.
איך גיי מיט אַ טונקל־הויטיקער אויסגעשטרעקטער
האַנט.
דער נאָמען „ניגער" איז פאַר מיר
אַ טויבע וואַנט.
איך גיי קיין וואַשינגטאָן, איך גיי —
און טראָג אַ הונדערט לאַנגע יאָרן:
פון באַוול־פעלדער, פון געדיכטע וועלדער,
פון דזשאָרדזשיא און לואיזיאַנאַ, פון ליטל ראָק,
דזשעקסאָנוויל און סאַוואַנאַ.
איך גיי פון האַרלעם־געטאָ אין ניו־יאָרק,
פון שיקאַגאָס סאַוט־סאַידער ראַסיסטישע פּאָגראָמען.

איך גיי קיין וואַשינגטאָן, איך גיי,
און ווייס וואָס איך טו,
די געשיכטע פון מיין פאָלק, אויף שטעט און וועגן
איך צי.

„גאָ דאַון, מאָזעס, גאָ דאַון ענד טעל אים טו לעט
מאַי פּיפּל גאָ, לעט מאַי פּיפּל פרי".
וואו ? דאָ —
אויף בערג און אויף טאָלן, אויף זאַמד
און אויף גראָזן, אויף טייכן און אויף באַנען,
אויף שיפן און אויף עראָפּלאַנען,
אויף שליאַכן און אויף גאַסן,
אויף בירגערשאַפט און רעכט —
אינייִנעם מיט די מיליאָניקע מאַסן.

איך גיי קיין וואַשינגטאָן, איך גיי.
איבער גאַנצן לאַנד אַ נייִעם יונגן מאָרגן
איך פאַרזיי.
מײַן זיידנס ביינער און מײַן טאַטנס
בלוט און שווייס,
דאָס לאַנד מיט מי און ווי באַפרוכפּערט
האָבן זיי.
דאָס האָב איך אויפגעהאַנגען
אויף מײַן מוח און אויף מײַן פאַרשטאַנד
און קום אויפמאָנען דעם חוב וואָס שולדיק איז
זיי דאָס לאַנד.

דזשעפערסאָן און לינקאָלן,
ווענדל פיליפּס און דזשאָן בראַון,
מיר שווערן זיך, פרוי און קינד,
יונג און אַלטער מאַן —
אַז מיר זײַנען דערגאַנגען צום לעצטן שפּאַן.

איך האָב אַ חלום : ווי אַ גלאָק האָט זיך צעקלונגען
מײַן נעגערשער קול,
איך האָב אַ חלום : ווי אַ טרומפּייט האָט אויסגעזונגען
מײַן ברודערס מויל.
איך האָב אַ חלום, אַז ס׳קומט־אָן דער טאָג,
ווען אַלע טאָלן וועלן אָנפילן זיך מיט פרייד
אַ סך,
ווען אַלע בערגלעך און בערג וועלן ווערן
פלאַך,
ווען אַלע ניט־גלייכע ערטער וועלן ווערן
גלייך,
ווען אַלע קרומע וועגן וועלן ווערן
אַ ברייטער שליאַך.

איז זאָל פרייהייט קלינגען פון די שיינע בערג
אין ניוהעמשיר,
איז זאָל פרייהייט קלינגען פון די גראַציעזע בערג
אין ניו־יאָרק,
איז זאָל פרייהייט קלינגען פון די הויכע
אַלעגעיני בערג אין פּענסילוויינע,
איז זאָל פרייהייט קלינגען פון די שניי־באַדעקטע
שטיינער־בערג אין קאָלאָראַדאָ,
איז זאָל פרייהייט קלינגען פון די רונד־געטאָקטע
בערג אין קאַליפאָרניע.
און ניט נאָר זיי אַליין — זאָל פרייהייט קלינגען
פון האַרט־שטיינערנעם באַרג אין דזשאָרדזשיאַ,
זאָל פרייהייט קלינגען פון אויסקוק־באַרג
אין טענעסי.
זאָל פרייהייט קלינגען פון אַלע בערג און
בערגלעך אין מיסיסיפּי.
פון אומעטום, און פון אַלע זייטן, און אַלע נאָענטן
און אַלע ווייטן.
זאָל פרייהייט קלינגען איצט און באַלד
פון יעדער שטאָט, פון יעדן דאָרף,
פון יעדן שטאָט, פון יעדן ווינקל אין לאַנד,
און פאַריאָגן אויף שטענדיק די שרעקנדיקע שאַנד —
אַז ווימן זאָלן אַלע גאָטס קינדער,
ווייס און שוואַרץ, ייד און קריסט,
אַלע, אַלע אין זייער גלויבן,
אַז זיי האָבן איניינעם מיט אונדז
צו פולער פרייהייט און רעכט
זיך דערהויבן.
וועט דער וואונדער און גלויבן
ווערן דאָס געזאַנג פון לאַנד.

דריי לידער

.1

דער ערשטער טאָג פון נייעם יאָר
ביי די ברעגן פון דער וועלט
האָט די וואַקלדיקע פיס אַוועקגעשטעלט,
און דער הימל און די ערד אַן וואונדער
האָט אים צום לעבן אַוועקגעפירט.
אָ, גוטער הימל, אָ, ליבע ערד,
היינט האָב איך דערשפּירט,
אַז אויב צו זיין דאָ איז מיר באַשערט,
זאָל איך ניט פאַרשווענדן קיין שעה און קיין מינוט,
און ניט פאַרגעסן וואָס איז שיין און וואָס איז גוט.
איז זאָל איך וואָרענען און רופן,
מאָנען און שטראָפן מיין ברודער-מענטש,
וואָס איז פאַרחלומט און פאַרשלאָפן
און זעט ניט די שטערער און פאַרשווערער
פון אונדזער פרייד און גליק.

.2

ס'וואַרט ביים טיר פאַר מיר דער דרויסן,
און דער הימל איז אָנגעגאָסן מיט אַלץ
וואָס איז שיין און ליב.
פיס מיינע, פאַרטרויטע און באַגלויבטע,
איך וועל מיט אייך דעם טאָג אַנטקעגן גיין.
דעם טאָג אַנטקעגן גייען איבער דער קיילעכדיקער ערד
אַלע די, וואָס לעבן און האָפן,
וואָס טראָגן מיט זיך פרייד און לייד.
ווייסע, געלע, שוואַרץ און ברוינע,
אַלע, אַלע, אָן אונטערשייד,
וועמען דער טויט האָט ניט אָנגעטראָפן,
אַלע, אַלע, צווישן וועמען איך בין איינגעשלאָסן,
טאָרן ניט פאַרגעבן און פאַרגעסן,
די ביטערע שונאים פון אונדזער לעבן,
וואָס פאַרטייעט האָבן זיך
און אין אונדז איינגעגעסן.

.3

טאָג גייט אַראָפּ, גייט אַראָפּ
פון יעדן מענטשנס יאָרן,
נעמט צו מיט זיך דעם שאָטן,
און דעם חלום פון זיין לעבן.
און יעדן מענטשנס יאָר איז ווי פריש
אויפגעשפּראָצטע גראָזן,
און יעדן מענטשנס שאָטן איז אָנזאָג,
אַז די ערד וויל אים פאַרטראָגן.
און יעדן מענטשנס חלום איז אַ סימן,
פון לעבעדיקן פאַרמעגן.
און יעדן מענטשנס לעבן איז אים אייגן
אויף דעם קאָן איך עדות זאָגן.
עדות קאָן איך זאָגן, אַז מיר זיינען אייגן
די פאַרנאַכטן און פאַרטאָגן,
די ריטמישע טיק-טאַקן אין מיין האַרץ שלאָגן.
און יעדן מענטשנס פאַרנאַכטן
זיינען זייד-געוועבטע טיולן,
און יעדן מענטשנס פאַרטאָגן,
זיינען ווי איידעלע וואָגשאָלן.

ווערטער גליען אויף מיינע ליפּן

ווערטער גליִען אויף מיינע ליפּן,
און געדאַנקען גיסן זיך אָן ביי מיר אין האַרץ, —
ווי לאַנג קאָן די וועלט באַהאַלטן
די טיפע וואונדן, וואָס זי האָט אונדזער פאָלק געמאַכט.
אין מצרים האָבן מיר מיט הוילע הענט און פיס
פון ליים ציגל אויסגעקנאָטן,
אין שפּאַניע אויף שייטער־פייער האָט מען אונדז געברענט
און אַלם פאָלק אונדז געוואָלט אויסראָטן.
אין רוים, אין אַטענס, האָט מען אונדזערע צונגען אויסגעשניטן,
און אונדזערע אויגן אויסגעשטאָכן.
אין ירושלים האָט מען אונדזער בית־המקדש
צעשטערט, צעבראָכן,
אין פיל לענדער האָט מען עלילת־דם־בילבולים
אויף אונדז געמאַכט אַלע ערב־פּסח־וואָכן,
די דייטשן האָבן פון אונדזער לייב און ביינער
זייף געגומען קאָכן.
אין אַלע ווינקלען פון דער ערד
האָבן זאַוועריכעס און בייזע שלעק
מיט אונדזער לעבן
זיך אַנגעפּרעסן.

ווערטער גליִען אויף מיינע ליפּן,
און געדאַנקען גיסן זיך אָן אין מיין האַרץ,
ווי קאָן איך, מענטש, פאַרמאַכן מיינע אויגן
און נעמען גלויבן,
אַז ס'איז פאַרפאַלן, אַז קיין אַנדער וועג איז ניטאָ, —
אַז אויב איך לעב און אויב איך בין דאָ,
איז שוין גוט פאַר מיר דער איצטיקער טאָג, די איצטיקע שעה,
און געשיכטע־פאַרגאַנגענע דאַרף מען לאָזן צו רו.
ווי קאָן איך, מענטש און ייד דערצו,
פאַרשווייגן, אויסמיידן, און שטילערהייט פאַרליידן,
און דער וועלט ניט געבן צו וויסן און צו עגבערן איר געוויסן,
אַז מיר זיינען ניט קיין טשערעדע מעלקנדיקע קי,
אַז מיר זיינען ניט קיין פאַרוואַרלאָזטע שטומע פי.
ווי קאָן איך טרויער און צער אין זיך דערשטיקן,
און מיט פריינטלעכע אויגן אויף וועלט קוקן
און טראַכטן, אַז ס'לויערט שוין אויף מיר
מער קיין שום געפאַר.

אַלע יאָרן, ווען לענדער האָבן פֿאַר אויבער־הערשאַפֿט
זיך גענומען שלאָגן,
האָט מיין שטאָם דער ערשטער געליטן,
און די שווערסטע קלעפּ אויף זיך געטראָגן.
זיין האָב און גוטס פֿאַרלאָרן,
און געוואָרן אַ וואַנדערער אָן אַ היים און אָן אַ דאַך.

ווערטער גליען אויף מיינע ליפּן,
און געדאַנקען גיסן זיך אָן אין מיין האַרץ,
ווי קאָן איך אַרומגיין מיט מיין לעבן —
איבער ערד און וועגן, און ניט מאָנען, און ניט פֿרעגן
וועמענס איז דער הימל און די שטערן,
וועמענס איז דער געבאָט פֿון וואַקסן און ווערן,
וועמענס איז דער געדאַנק, פֿון שאַפֿן, און קלערן,
וועמענס איז די פֿרייד פֿון זינגען, און שפּילן,
וועמענס איז דער גנאַד פֿון באַנעמען און דערפֿילן.
ווער האָט וועמען אויסגעקליבן און רעכט געגעבן
צו פּלאָגן און משפּטן מיך,
אַז אַלע, אַלע שטאַמען מיר פֿון אָדם הראשון?
ווען האָב איך פֿון אַ ר ע וו אָ ל ו צ י ע אָפּגעשפּאָט
און אָפּגעלאַכט?
ווען האָב איך אין אַ שלאַכטפֿעלד זיך אויסבאַהאַלטן?
ווען האָב איך ניט צוגעטראָגן מיין מאַרך און אויסדויער,
אָנגעשריבן ביכער עטישע און טראַקטאַטן עסטעטישע
און געהאָלפֿן בויען דעם אייביק־לעבעדיקן
קולטור־מויער?

ווערטער גליען אויף מיינע ליפּן,
און געדאַנקען גיסן זיך אָן אין מיין האַרץ,
ווי קאָן איך, אַ ייד, פֿאַרגעבן און פֿאַרגעסן,
אַז פֿאַר די צוואַנציק יאָר בין איך נאָך די גאַנצע שבעה
ניט אָפּגעזעסן נאָך די זעקס מיליאָן מתים פֿון מיין שטאַם —
אַז איך האָב נאָך דעם גאַנצן שטייער ניט אָפּגעצאָלט
און ערלעך ניט אָפּגעדינט
די העלדן־מאַרטירער פֿון געטאָ תהום,
וואָס האָבן פֿאַר אונדז אויפֿגעבליט,
ווי אין פֿרילינג, אַ בליענדיקער בוים.

נאָענט און ניט נאָענט

וואָס איז מיר נאָענט ?
ניט דער הימל מיט אַלע זיבעציק גליקן,
ניט די לבנה וואָס מיר קלייבן זיך צו איר
שליחים שיקן ;
ניט די שטערן מאַרס, יופּיטער און וועגוס.
נאָענט איז מיר די ערד וואו ס'וואוינט מיין גאַס,
מענטש אַטעמדיקער, טומל און רעש,
דער בוים און דאָס גראָז,
אַ פערד, אַ פויגל, אַ מוראַשקע און אַ האָז.

וואָס איז מיר נאָענט ?
ניט דער צעשוימטער צעווייעטער רוימען־הויך,
ניט דער שרעקנדיקער שטראָם פון דזשעטן־רויך,
ניט דער אַטאָמישער יחוסדיקער מיסיל,
וואָס איז גרייט צו צעקנאַקן די גאַנצע וועלט
ווי אַ קיילעכדיק ניסל.
נאָענט איז מיר אַ שטוב און אַ טיר,
אַ שטאָט, אַ דאָרף, אַ וואַלד, אַ פעלד,
וואו לעבעדיק לעבן איך שפּיר.

אָנגעקליבן

ס׳איז מיר שווער
אַריינצונעמען אַלץ וואָס קומט-פֿאַר מיטן טאָג
צו מיר אין האַרצן,
ס׳איז מיר שווער
פֿאַרבייצוגיין אַלץ וואָס לעבט מיטן לעבן
אַרום מיר.
איך בין אַ מענטש וואָס האָט זיך אָנגעהאַדעוועט
מיט אַזוי פֿיל אויפֿגעוואַכטע פֿרילינגען,
און בייז-אָנלויפֿנדיקע זאַווערוכעס.
איך בין אַ מענטש וואָס זשאַלעוועט ניט
זיינע שעהן, טעג און וואָכן,
רוקט זיך ניט אָפּ פֿון פּאַסירונגען
און שווערע יאָכן.

איך בין אַ מענטש וואָס קלייבט ניט אויס
דעם וועג דעם טרוקענעם, דעם גלאַט-אויסגעבעטן,
איך שטעל ניט איין דעם שיקזאַל פֿון מיין מיט-מענטש
אין שפּעקולירנדיקע וועטן.
איך טראָג-אַרום מיינע אויגן,
און וויל זיי קיינמאָל ניט אָפּנויגן
פֿון די שיינקייטן און בייזקייטן,
וואָס האָבן זיך צווישן אונדז
אָנגעקליבן.

די גוטע ערד

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל
אויףביימער וועט וואַקסן יונגער פרילינג,
און פייגל פריילעך וועלן זינגען אויפסניי,
און אין אַ מאָרגן איינעם אַזאַ שיינעם,
מענטשן וועלן דערזען, אַז פון ווינטער
זיי זיינען פריי.

פריי וועלן זיין אויגן צו קוקן
אויף די שטראַלן וואָס די זון וועט
צו זיי שיקן,
פון די הויכן, פון די וייטן,
און אומגעשטערט לאָזן זיי זאָלן
זיך בייטן
מיט די פריידן וואָס די ערד וועט
טראָגן אויף זיך.

און די ערד וועט טראָגן וואָס זי וועט פאַרמאָגן,
און דעם מענטש וועט זי גאָרניט אָפּזאָגן.
זאָל ער גיין און די גרינסטע גראָזן אויסקלייבן,
זאָל ער די שענסטע לאַנדשאַפטן ביי זיך
אין הארצן פאַרשרייבן,
זאָל ער זיך אָנזעטיקן מיט אַ פולער מאָס.

מיט אַ פולער מאָס זיך צו זעטיקן,
זאָל קיינער קיינעם ניט איבערשלאָגן.
און זיך ניט נעמען לויפן און איבעריאָגן,
און פאַרכאַפּן וואָס פאַר אַלעמען גלייך
אויף דער ערד דאָ.

דאָס געזאַנג פאַרן מאָרגן

אַך, ווי גוט די וועלט איז איצט געוואָרן,
כאָטש נעם און קוש זיך מיטן ווינט,
און מיט אַ טראָפּן טוי,
כאָטש נעם און צעהענג אַ פאָן אַ ווייסע,
פון די ראָקים ביז אַלטאַי.
כאָטש נעם און עפן טויערן און טירן,
באַפריי פון שטייגן לייבן און בערן,
און אויף דער פריילעכער חתונה
זאָלן מיר אַלע זיין.

און דער הימל איז ווי אַ זיידענע טוך צעוויקלט
און די זון, ווי אַ פאַרשייטער אַקראָבאַט,
טאַנצט אַרום אינמיטן.
איז וואו איז דאָס ברויט און זאַלץ?
וואו איז דער שפּילנדיקער אָרקעסטער?
וואו איז דער חתן אין צילענדער הוט?
וואו איז די כלה אין חופּה־קלייד?
וואו איז דער לעקעך און בראָנפן?

אַך, ווי ס'האָט היינט דער טאָג זיך צעפּרייט,
פוןביימער און פון גראָזן אַ זיסער ריח
איבער ערד איז אויסגעשפּרייט.
איז כאָטש נעם און צעשפּיל זיך ווי אַ פלייט,
באַגרים זיך האַרציק מיט יעדן,
וואָס דיר אַנטקעגן גייט.
די האַרעפּאַשניקעס, וואָס זייער מי
אין די אויגן טראָגן,
די קליינע קינדער וואָס נאָך טויבן זיך יאָגן.
די מאַמעס אין זייערע בליענדיקע יאָרן,
און די דערשלאָגענע וואָס האָבן זייערע האָפענונגען פאַרלאָרן,
אַלעמען, אַלעמען „אַ גוט מאָרגן” איז גוט צו זאָגן.

אַ גוט מאָרגן דיר, וועלט!

מיין לעבן אין דיין קאָן איז איינגעשטעלט,
און איך בעט דיך זאָלסט מיך ניט אָפּנאַרן.
זע, ווי שיין איז אַ בלום,
ווען זי צעעפֿנט אירע ליפּן.
זע, ווי וואונדערלעך ליכט דורך בלעטער
שיט זיך ווי פֿון זיפּן.
זע, ווי פֿייגל ליבן זיך
און קאָקעטירן מיט די פֿליגל.
זע, ווי וועווערקעס קלייבן זייער שפּייז
און פֿאַרבאַהאַלטן עס אין אַ גריבל.
זע, ווי מוראַשקעס פּראַצעווען ביי בויען
זייערע היימען.
זע, ווי בינען ציען אַרויס פֿון געוויקסן
האָניק קלאָרן, ריינעם.
הער, ווי ס׳שושקען זיך די גראָזן,
ווי ס׳צעקייען דאָס אָנגעגנבעט עסן
די מיילער פֿון האָזן.
הער, ווי ס׳פּלושקען זיך זשאַבעס אין וואַסער.
ווי ס׳סאָפּעט אַ קריכנדיקער וואָרעם
אויף אַ בלאַט אַ נאַסער.
הער דאָס אָטעמען פֿון קי און פֿערד,
דאָס לירישע געזאַנג פֿון ערד.

אָך, ווי גוט די וועלט איז איצט געוואָרן,
כאָטש נעם און וועב אַריין דיינע אייגענע יאָרן
און וואָס דו האָסט, און וואָס דו פֿאַרמאָגסט
זאָלסטו פֿאַרן נייעם מאָרגן אָפּשפּאָרן!

ש ט אָ ט
ניו־יאָרק

איך האָב ליב די שטאָט וואו איך וואוין.
איך האָב זי ליב פון מיינע אויגן ניט ניט אַרויסצולאָזן,
די
יונגע
מיט
פ אַ ר ר י ס ע נ ע ם
קאָפּ,
די
שטאָט
נ י ו ־ י אָ ר ק.
איך האָב ליב
די הויכע
פ ע נ צ ט ע ר ד י ק ע
גאַסן,
איך בין פאַרליבט אין די זאַנג־זינגענדיקע
ט ע כ ט ע ר,
וואָס וואַקסן אין זיי.

ניו־יאָרק,
איבער מיין קאָפּ געטראָגענע צו די הימלען אַרויף —
איך האָב זי ליב מיט מיין לעצטן אָטעם,
איך בין פאַרליבט אין איר אַקראָבאַטישן כוח.
ניו־יאָרק
איז די שטאָט פון ניט שווייגן און שלאָפן,
פון וואַרטן און פאַרעלטערט ווערן ביזן גרויען צאָפּ.
זי איז די שטאָט פון הילכן און רוישן,
פון ליכטיקן פרימאָרגן ביז אין פינצטערער נאַכט.
זי איז די שטאָט מיט אויפגעריסענע אויגן,
פון דער שוואַרצער ערד ביז אַרויף צו איר גאָלדענעם קאָפּ.
זי איז די שטאָט וואָס פוצט זיך און גרויסט זיך,
פאַר גאָט און דער גאַרער וועלט.

איך האָב ליב די שטאָט וואו איך לעב,
איך האָב זי ליב מיט מיינע הענט אַרומצונעמען,
די שלאַנקע,

די „ראָק־און־ראָל"־
טאַנצנדיקע

ניו־יאָרק.
איך האָב ליב די טאַימס־ און יוניאָן־סקווערן,
איך בין פאַרליבט אין די שטראָמען רייד
וואָס טראָגן זיך איבער זיי, ווי כוואַליעס
אין ימען.

ניו־יאָרק איז די שטאָט פון גלוסטן און שטייגן,
אירע טורעם־מויערן און בראָנדזענע טויערן יעדן גאַסט
מיט שטאָלץ טוט זי צייגן.
ניו־יאָרק איז די שטאָט פון זאַטקייט און גלאַטקייט,
פון פּליושן און זיידן, בריליאַנטן און קונסט־ווערק —
ווי שטויבן טוט זי קלייבן.
ניו־יאָרק איז די שטאָט וואָס שפּילט זיך אין ליבע,
אירע לאַנגע פרייִלעכע עוועניוס זיצן קיינמאָל ניט
קיין שבעה.

ניו־יאָרק, איר ברויזנדיקן אימפּעט ביי מיין טיר
גלייך איך דערשפּיר,
צווישן איר אַכט־מיליאָניקן לעבן־קאַראַהאָד מיין אייגן
לעבן איך פיר.

איך האָב ליב די שטאָט וואו איך בין
איך קאָן זי אויך אַביסל אַנדערש זען,
איך קאָן זען דורך די לאַנגע עוועניוס די
זייטיקע גאַסן,
וואו ס'איז ניטאָ קיין פרייד און קיין שפּאַסן,
וואו דער טאָג הייבט זיך אָן אינמיטן דער נאַכט
און וואו דער אומעט זיצט און וואַכט.

איך קאָן זען באַוערים פאַרוואַרלאָזטע מאַסן,
וואָס באַלאַנגען שוין ניט צו קיין שום קלאַסן,
טראָגן שוין ניט קיין מי אין זייערע הענט,
און זייער לעבן איז פאַרלאָשן און אויסגעברענט.
איך קאָן זען די אונטערערדישע באַנען,
וואָס שטאָפּן זיך אָן מיט פרויען און מאַנען,
פירן זיי אין טויזנטער און טויזנטער —
צו פראַצע זיי איינשפּאַנען.

איך קאָן זען די איסט סאַיד און וועסט סאַיד,
וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָרט פאַראַנען,
אינדרויסן יונג־יאָריקע ליבע צווישן שטינקענדיקע
מיסט־קאַנען.
אין שטיבער טאַטע־מאַמע און אַ פּאָר קינדער
אין איין בעט,
שטשורעס און מייז אַרומלויפנדיק ווי אין אַ געוועט.

איך קאָן זען האַרלעם מיט רינענדיקע דעכער
און לעכער אין די ווענט,
פּאַרק־ און פיפט עוועניוס דינסטן און גרעט־וועשערינס
מיט שווער־פאַרהאָרעוועטע הענט.

איך קאָן זען פּאָרטאָ־ריקאָס זין און טעכטער
מיט אָפּגעגנאַרטע גליקן,
זייער היים־זוניק לעבן אין קעלערן דערשטיקן.

איך קאָן זען אַפריקעס שוואַרץ־הויטיקע קינדער
אָפּגעטיילט און באַזונדער,
כאָטש זיי זינגען און פאַרדינגען טאַלאַנט און מי
צו ברענגען פרייד און רו.

איך קאָן זען די בעטלער און אָפּיום־פאַרקויפער.
די לומפּן און זויפער, און די בלוט־פאַרקויפער.
די קויפנדיקע וואויל־ליבנדיקע הונגעריקע דאַמען,
וואָס שפּאַצירן איבער די סקווערן ווי פיש אין ימען.

איך האָב ליב די שטאָט וואו איך לעב,
האָב זי ליב פון מיינע אויגן ניט אַרויסצולאָזן.
זען זי שווימען אין האָדסאָן טייך,
זען זי ווי אַ חלום פון עמפּאַיר־טורעם דאַך.

אינטימע לידער

.1

טעג וואַקסן, יאָרן פאַרגייען,
און אינצווישן — מענטשנס לעבן שטייט.
מענטשנס לעבן — אַ דועט פון פידל און טרומפייט.
אַן אַדאַזשיאָ, וואָס זינגט און וויינט,
אַן אַלעגראָ — ווי שטורעם צעווייט.
מענטשנס לעבן — ווי לאַנג ס׳לעבט,
איז ווי אַ פאָדעם, וואָס פאַרנייט די טעג און די יאָרן,
נאָר אויף אייביק קאָן זיי ניט אָפּשפּאָרן.

.2

דער טאָג האָט היינט מיר גאָרניט געגעבן;
ניט געמאָנט, און ניט דערמאָנט וועגן זין פון לעבן;
ניט אויפגערעגט און ניט אויפגעוועקט
דעם דראַנג און דעם ווילן.
פוסט, ווי אַן אויסגעדראָשענע זאַנג,
בין איך היינט געבליבן.

אָ, האַרץ מיינס, פאַרלאָז זיך ניט אויף מיר,
און הער זיך ניט צו וואָס מיינע געפילן זאָגן.
אַ מענטש קאָן אויך אַמאָל ליידיקע טעג פאַרמאָגן!

.3

אַ באַן פירט מיך און מיינע גליקן,
זעכציק אָפּגעלעבטע יאָרן —
אַ זאַק מיט פלייש און ביינער אויסגעדאַרט און טרוקן.
און פאַרביי פענצטער פון לויפנדיקער באַן,
אַנטלויפן מיינע איצטיקע שעהן און מינוטן.
אָ, זוניקער טאָג, איך וויל זיך ניט אויסשליסן
פון דיין מיטן.
איך וויל, ווי אַ יונג-יאָריק קינד, שפּילן זיך
מיט דיינע שיין-קאָלירנדיקע בליטן.

.4

דער וועג פון מיר צום אָרט פון מיין געבוירן, —
ווי דער אַטלאַנטישער ים איז אויסגעצויגן.
און יענער טאָג וועט מער שוין ניט לעבן,
ווען יידיש יינגל האָט זיין ערשטן אָטעם געגעבן.
און אַז דער הימל, ווי אַ דאַך איבער וועלט,
וועט נאָך אַלץ אַ זיכערער ליגן,
וועט קיינער אויף מיר זיך ניט נאָכפרעגן.
איז וואָס איז דאָס פאַר אַ גוטסקייט,
און וואו איז דער גרויסער פאַרגעניגן,
אַז אַ מענטשנס לבען ווערט פאַרגעסן און פאַרשוויגן?
איז וואָס איז דאָס פאַר אַ גליק?
אַז מענטש ווערט געבוירן, —
און ווי אַ שפּילקע אין אַ וואָגן היי,
ער ווערט פאַרלוירן.

מענטש און לעבן

אַ לעבן לאַנג — ווי לאַנג עס לעבט,
מענטש אינמיטן — זיין חלום וועבט; וועבט־איין זיין טאָג
אין יעדער נאַכט,
און פּאַר אַ נייעם מאָרגן וואַרט.
וואַרט פּאַר מאָרגן, און אין געדאַנקען טראַכט,
טראַכט פון אַ טרוים, וואָס האָט אויפגעוואַכט,
אויפגעוואַכט אין האַרצן, און אַ גוט געפיל געבראַכט.
אַ גוט געפיל איז ווי דאָס אייגן לעבן,
און אַזויפיל האָפענונגען פאַר די אויגן שוועבן.
שוועבן גיך, און אין פילפאַרביקע קאָלירן,
און ווי אויף וואונדער הייבן אָן דיך אַרומצופירן,
הייבן אָן אַרומפירן פון וויגעלע מיט ווייס־ציגעלע,
פון קינדערעשע יאָרן, פון שטעטעלע וואו געבאָרן.
פון מאַמעס גאָט־בעטן וואָס נאָר אין אים וויל זי גלייבן,
פון אירע מעלאַנכאָלישע טענער, וואָס טוליען זיך
צו ווענט און צו שויבן.
פון גאַסן און בלאָטעס, פון שטיבעלעך מיט
שטרויענעם דאַך,
פון גרין־גראַזיקע אויסגעשפּרייטע לאָנקעס,
פון גאָלד־זילבערנעם פאַרכישופטן טייך.
פון גיין אין חדר מיט צעלעכערטע שטיוול,
פון דערלעבן מיט אייגענע הענט אָנצושרייבן
אַ בריוול — צו גרויסע, צו דערוואַקסענע —
איך בין געקומען.
איך בין דאָ.

אַ לעבן לאַנג — ווי לאַנג עס לעבט —
מענטש זיין געשטאַלט ווי אַ סטאַטוע קלעפּט,
קלעפּט און פורעמט און שטעלט זיך אויס
מיט זיין גאַנצקייט, מיט זיין גרויס.
גרויס איז גאָר די גאַנצע וועלט,
און מענטש — בלויז זיך אַליין אין קאָן ער שטעלט.
שטעלט זיך מיט זיין ווערט און מיט זיין רעכט,
און אַ שפּילצייג אין די הענט פון צייט ער ווערט.
ווערט פון קינד, פון ייִנגל — אַ מאַן אין יאָרן,

און דער חלום אין נעפּלען ווערט פאַרלאָרן.
פאַרלאָרן ווערט אַ פאָדעם אַז מען וויל אים
איבער ערד און ימען ציען,
און די אָנקניפּן ווי פייגל נעמען זיך צעפליען:
פליען פאַר די אויגן פונקען און זיי גליען;
גליען איז דער אָנהאַלט וואָס קאָן זיך צעפלאַקערן
אין פריידן,
און אָנרירן די פאַרגאַנגענהייט, וואָס מיט איר
טאָר מען זיך ניט שיידן.

אַ לעבן לאַנג — ווי לאַנג עס לעבט —
מענטש אין מיטן פון דער וועלט ער שוועבט.
שוועבט און וועבט, קלייבט און קלעפּט.
קלעפּט פון שטיקלעך, ברעקלעך וואָס באַגעגנט,
וואָס דערזעט
אין זיין גאַנג דורך וועגן און דורך שטעט.
שטעט פאַרשלינגען און פאַרגעסן
ווער ס'איז אַן ערשט-געקומענער און ווער שוין
לאַנג איינגעזעסן.
איינגעזעסן איז גאָר די גאַנצע וועלט,
און אַ מענטש די ערשטע טריט אויף אייגענער ערד
האָט אַוועקגעשטעלט.
אַוועקגעשטעלט און ווי אַ קינד פריידיק זיך צעקוועלט:
„מאַמע-ערד: אַלע גוטע זאַכן אין זיך דו טראָגסט,
און צו אַ קינד, אַ ייִנגל, — גיי און ליב מיך —
זאָגסט".

אַ לעבן לאַנג — ווי לאַנג עס לעבט —
מענטש צו אינהאַלט און צו ווערן שטרעבט.
שטרעבט צו וואַקסן און צו בליען,
און צו לעבן ברענגען זיינע אינערלעכע געפילן.
געפילן זיינען ווי יונגע פּרוכטן וואָס פון שעה צו שעה
זייער אויסזען בייטן.
בייטן קאָן זיך אויך ביים מענטשן פרייד צי טרויער
אין פאַרשיידענע צייטן.
צייטן טוען-אָפּ אַזויפיל ניט-דערוואַרטע שפּיצלעך,
און קאָנען ברענגען שאָדן, און קאָנען ווערן נוצלעך.

נוצלעך איז צו וועגן, און צו מעסטן,
און אָפּקלייבן פֿון בעסטן.
פֿון בעסטן איז זיך איינצוהערן אין דעם שטילסטן קלאַנג,
צו דערקענען ווער ס'איז אמת, און ווער — פֿאַרשטעלטע שלאַנג,
און זיך ניט דערשרעקן ווען דער שטרייט וועט זיין שווער און לאַנג.

אַ לעבן לאַנג — ווי לאַנג עס לעבט,
מענטש איז ווי אַ בוים וואָס בליט.
בליט פֿון קינד אַרויף צו יאָרן,
און מיט יעדן טראָט, מיט יעדן שפּאַן —
היטן מוז ער זיין איך —
זאָל ניט גיין פֿאַרלאָרן.

נאָכן טויט
פון דיכטער
אהרן קורץ

זאַרגלאָז שפּילן זיך אויף דעכער טויבן,
אונ זון־שטראַלן
פאַלן
אויף הויכמויערדיקע פענצטער־שויבן.

אַ, יונגער ליבער נייער מאָרגן,
נעכטן איז ביי אַ מענטשן דאָס האַרץ
געשטאָרבן,
דאָס האַרץ וואָס האָט אַזוי פיל גוטע זאַכן
אָנגעקליבן,
און שיין, און צערטלעך, מיט זיין האַנט אויף פּאַפּיר
פאַרשריבן,
אַז וויסן זאָלן אַלע, אַז ער האָט געליבט
די וועלט.

אַ, יונגער ליבער נייער מאָרגן,
נעכטן
איז ביי אונדז
אַ פּאָעט
געשטאָרבן,
און זיין האַרץ וועט ניט שלאָגן, ציטערן,
און זיך מער ניט זאָרגן,
וואָס וועלן מיר טאָן
מיט זיין געליבטער וועלט
מאָרגן?

נעכטן איז ער געשלאָפן שטיל, רואיק,
אויסגעצויגן,
און מיר זיינען אַרום אים געשטאַנען
מיט קעפּ געבויגן,
און זיין טויט
האָט געלעבט
אין אונדזערע אויגן . . .

ערד
איבערן
פּאָעט

צו אהרן קורץ,
אין אָנדענק

די ערד האָט צוגעדעקט מיין חברס קלוגן
פּנים,
און צוגענומען די לעבנס פון קינסטלער און פּאָעטן
באַקאַנטע מיר גאָר אַ סך.
איז וואָלטן מיינע אויגן ניט געדאַרפט זיך
אויף איר אומקוקן און באַוואונדערן
די גראָזן און וואוקסן וואָס לעבן אויף איר
אונטער איין דאַך.

די ערד האָט איינגעשלונגען דאָס קול
פון זינגער,
וואָס האָט באַזונגען זי פאַר איר ברענגען
פרוכט און ברויט דער וועלט.
און דערשטיקט האָט זי דעם אָטעם וואָס האָט
ווי אַ גלאָק געקלונגען ביי איר אייגענעם
אין איר פאַרליבט קינד.
איז וואָלטן מיינע טריט געדאַרפט זיך שרעקן
און מורא האָבן זיך אָנצורירן אין איר,
כאָטש אירע ביימער און בלומען גרוים פרייד
גיבן מיר.

די ערד האָט באַהאַלטן און פאַרשלאָסן
די חלומות און האָפענונגען פון גאָטס געניאַלע
דיכטער, נביאים און ווירטואָזן,
און אויפגעגעסן אַ ים מיט מענטשלעך גליק.
איז וואָלט מיין האַרץ געדאַרפט ווערן
ווי אַן אייזערנער טויער,
פאַרשפאַרן און זי ניט צולאָזן צו זיך.

אָ, ברידער מיינע!
לעבעדיקע מיט מיר, און מיינע יאָרן,
ס׳איז ביטער און ס׳איז שווער צו זאָגן,
אַז די ערד גנבעט צו ביי אונדז
דאָס בעסטע וואָס מיר פֿאַרמאָגן,
און אָן חרטה און אָן פֿאַרדראָס
פֿירט אָן די וועלט מיט איר אייגענער
מאָס.

דו פּאָעט, דו

לעבעדיק און וואַרעם זיצט די זון אין הימל
און אויף יענער וועלט מיין טאַטנס ביינער
ליגן טויט פאַרפרוירן.
חבר איינער, פּאָעט דו שיינער!
איז ווערט פאַר אַ וואָרט אַ קלוגן און פאַרשייטן,
אַ טאָג פאַרבייטן?
איז בעסער אַוועקטרייבן די מאַראַנירטע פריידן,
און אָנגעבלאָזענע גליקן,
פאַר די גרוסן וואָס די יוגנט טוט אונדז שיקן.
טו אַ קוק און צייל אָפּ אויף דיינע פינגער,
וויפל זיינען נאָך געבליבן פון יענע, יענע זינגער
וואָס האָבן אונדז געהאַדעוועט מיט זייערע געזאַנגען,
וואָס האָבן אונדז פאַרשיכורט, פאַרוויגט,
מיט זייערע זילבן און קלאַנגען.
טו אַ קוק אויף זיך אַליין אַז דו האָסט די קראָפּיווע
געריסן;
האָסט דיינע הענט זיך אָפּגעברענט,
און דיין האַרץ צעביסן.
גיב אַ נישטער מיט דיינע אויגן,
צי קאָנסטו דערקענען דעם שנור וואָס פאַר לאַנגע יאָרן
האָט זיך געצויגן.
זע ווי פאַרדרייט ער איז און אויסגעבויגן,
און דער בלויער פויגל איז שוין פון אים
אַוועקגעפלויגן.

לעבעדיק גרין-גראָזיק די ערד איז אויפגעלייגט
און מוטיק
און אויף יענער וועלט אַזויפיל פּאָעטן
אונדז אייגן בלוטיק.
איז גוט וואָס מיר זיינען דאָ נאָך דאָ
און היטן אָפּ דאָס ליד ס'זאָל ניט וועלקן, דאַרן,
אַפילו ווייסנדיק אַז די טויערן פון יענער וועלט
וועט קיינער פאַר אונדז ניט פאַרשפּאַרן.

חבר מיינער, פּאָעט דו פיינער —
וויפל האָסטו דורכגעליטן אויסצוקלייבן אַ וואָרט,
און אַוועק צו שטעלן עס אויף אַ פעסטן אָרט.
אויף כוואַליעדיקן ים אַ מאָנומעט אין דער מיטן.
איז ווער'ט פאַרטרייבן די שאָטנס וואָס דיין אָנבליק
אונטער דיר פאַרשרייבן,
און פון לעבעדיקן שטורעם די קלענסטע ברוכשטיקלעך
קלייבן,
און אויספאָרמען דיין וועלט אויף ניי.

האַרבסט

1.

דהאַרבסט אויף ביימער האָט איצט געגומען בליען,
און פייגל פון אַלע מינים צו נייע וואַרעמע היימען פליען.
אָ, זיסער חלום, וויינענדיקער טרוים, דער שיינער זומער איז
אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן אומדערגרייכבאַרן תהום.
דער שיינער זומער וואָס האָט געהאַרעוועט, געבלוטיקט,
געטראָגן פרוכט, געזאַמלט ברויט,
געגלעט און געהאָדעוועט יעדער וואוקס
אויף ערד און בייט — אַן אויסגעלאָשענער חלום
אין מיינע אויגן פאַרגייט.

2.

אַ רעגן פאַלט און ס׳פאַלן בלעטער טויטע
אַראָפּ צו דער ערד,
האַרבסט איז פלוצלונג אָנגעלאָפן ווי אַ ווילד
גאַלאָפּירנדיקער פערד.
אָ, זיסער חלום, אוממיטלבאַרע פרייד,
דער שיינער זומער איז איינגעשלאָפן
שטילערהייט.
דער שיינער זומער וואָס האָט מיט אַזויפיל
וואַרעמקייט אָנגעגאָסן מענטשנס האַרץ,
מענטשנס אויגן, ליגט איצט מיט שווערער
שוואַרצער טוך איבערגעצויגן.

3.

ווינט, ווי אַ געליימטער מענטש
שלעפּט זיך איבער גאַסן,
און יעדער בוים ציטערט פון שרעק.
האַרבסט האָט אַזוי אומרחמנותדיק
די זון אויפגעגעסן און פאַרוואַרלאָזט
איז די ערד, וואו ערשט ניט לאַנג
איז דער זומער געזעסן.
אָ, זיסער חלום, אויפגעבלאָזענער שוים,
דעם שיינעם זומער האָט איינגעשלונגען
דער מעלאַנכאָלישער שוימענדיקער רוים.
דער שיינער זומער וואָס האָט זיין גוטס,
רייכטום, גאָלד און זילבער ניט באַהאַלטן,
און פאַרשלאָסן, איז איצט מיט האַרבסט —
קאַלטן טרויער באַגאָסן.

אָ, טאָג, דו טאָג

אָ, טאָג, דו טאָג,
דריי הונדערט פינף־און־זעכציק מאָל אין יאָר,
אַז דו ווערסט אויפסניי געבוירן,
אָ, טאָג, דו טאָג,
מענטשן טראָגן דיך אויף זיך אַלע זייערע
לעבעדיקע יאָרן.
מענטשן חלומען מיט דיר און גיבן דיר אָפּ
אַלע שיינקייטן וואָס זיי פאַרמאָגן.
איז וואָס זאָל איך, אַ מענטש, איינער אַזוינער
פון זיך דיר זאָגן?
מיינע פרייַדן, מיינע ליידן, מיינע האָפענונגען
און גלויבן,
זיינען דאָך ניט ווי אַרומפליענדיקע טויבן.
מיין יעדער שפאַן וואָס איך גיי דורך,
מיין יעדער אָנהאַלט וואָס אַזוי האָפערדיק איך זוך,
אין אינטימער פריינטשאַפט מיט דיר —
פאַרבינדן מיך.

אָ, טאָג, דו טאָג,
אַט נעם כאַטש היינט,
די זון ברייט־האַרציק מיט ריינער ליבע
האָט זיך צעשיינט,
דער הימל ווי קרישטאָל־דורכזיכטיקער דאָך
הענגט איבער שטאָט און טייך,
די ערד ווי ערשט־געבאַקענער ברויט זיס־זויערן טעם
שפּרייט,
און יונגע וועווערקעס שפּרינגען פאַרשיכורטע
דערפרייט.

איז וואָס זאָל איך, אַ מענטש איינער אַזוינער,
פֿאַר דיר זיך קלאָגן ?
אַז איך דאַרף זיך איינשפּאַנען, האָרעווען,
און זיך יאָגן,
אַז איך זאָל מיין ברויט, שיך און קלייד
פֿאַרמאָגן,
אַז איך זאָל דעם גאָלדענעם חלום —
צו זיין מיט דיר אַ פּאָר,
פֿון מיין קאָפּ אַרויסשלאָגן ;

אָ, טאָג, דו טאָג,
אונדז ביידע קאָן מען ניט אָוועקלייגן
אויף גלייכע וואָגשאָלן.
דו ווערסט דריי הונדערט פינף־און־זעכציק מאָל
יעדן יאָר אויפסניי געבוירן,
און מיר בלייבט אַפילו ניט דער
פֿאַראַיאָרן !

איך גיי מיט טאָג

איך גיי מיט טאָג,
איך גיי מיט לעבן,
שעהן וואַקסן־אָן מיט מיר,
ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.
אַלע רגעס, אַלע מינוטן קאָכן זיך אין מיר
ווי וויין אין פאַרשלאָגענע ביטן.
דער אָטעם, וואָס איך אָטעם־אויס,
איז ווי אויף ים־כוואַליעס אין געברויז.
יעדן קער אין מיין באַוועג,
אַ באַשטימטן ציל איך גיב.

אָ, לעבן מיינס, וואָס קאָסט מיר אַזוי טייער,
איך האָב אָפּגעצאָלט מיט אַלע גוטסקייטן,
וואָס מענטש פאַרמאָגט אין זיין שייער.

אָ, לעבן מיינס, וואָס ביסט מיר אַזוי נאָענט־אייגן,
איך האָב זיך מיט דיר ניט אַרומגעוואָרפן
ווי אַ קאָרטנשפּילער ווען ס׳ווערט זיין שפּיל פאַרצויגן.
אָ, לעבן מיינס, וואָס איך האָב דיך אויסגעלערנט
און קאָן דיך ביזן מינדסטן שאָטן;
אַלע מיינע מינעס, אַלע מיינע ניואַנסן, זיינען
איינס־און־איינס אין דיר געראָטן.

איך גיי מיט טאָג, איך גיי מיט טריט געניטע,
יאָרן מיינע האָבן איינגעזאַפּט הארבסטן
און פרילינגן צעבליטע.

יאָרן מיינע האָבן אָנגעקלאַפּט אין זומערן
היים־צעגליטע,
און אין ווינטערן — פראָסטיק־צעבריטע.

יאָרן מיינע זיינען מיט מיר געגאַן שפּאַן נאָך שפּאַן.
דורכגעגאַנגען פון קינד ביז דערוואַקסענעם מאַן,
און אָנגעצייכנט פאַר מיין לעבן אַ קלאָרן פּלאַן.

אָ, לעבן מיינס,
מיט מזל און מיט ברכה
דאַנקען דאַרף איך דיר, וואָס איך שטאַם
פון אָרעם־אַרבעטער־פאָלק משפחה.
אָ, לעבן מיינס,
מיין גוטער ברודער, אָן קאַרגשאַפט
טראָגסט מיר צו נייע לעבעדיקע
לידער.

דער טויט פון אַ פערד

איך האָב געזען גאַנץ וואונדער
אויף טויט דערשראָקן,
אינמיטן העלן טאָג ס'האָט זיך פאַרלאָפן:
אַ פערד, וואָס האָט אַרומגעשלעפט די גאַנצע וועלט —
אין אַלע פיר עקן,
שניי און פראָסט, רעגן, בלאָטעס, זיינען קיינמאָל
ניט געווען פאַר אים קיין שרעקן.
ער האָט געפירט אַ וואָגן האָלץ, צו אַ שליטן איינגעשפּאַנט,
האָט ער גאַלאָפּירט שיין און שטאָלץ.
שטיינער, קלעצער, ברויט און היי, געפירט האָט ער, —
אַז מענטשן באַנוצן זאָלן זיך מיט זיי.
פעלדער זיינען פאַרבייגעלאָפן זיינע פיס, און גרינע גראָזן
זיינען אים אַנטקעגן געקומען שמעקנדיק־זיס.
פויערים האָבן מיט אים אין פרילינג־טעג
די ערד געאַקערט,
און געשניטן תבואה אין זומערדיקע טעג.
ווען ס'האָט געברענט, געפלאַקערט.
שטעט און גאַסן האָבן אין אים געגלויבט,
אַז ברענגען וועט ער פון די דערפער עפּל, באַרן,
בוראַקעס און קרויט.
פון פוילן זיך האָט ער קיינמאָל ניט געקלערט,
און צו רייטן אויף אים ער האָט קיינעם ניט געשטערט.
געדינט האָט ער אַלעמען צוגלייך,
געקלעטערט אויף בערג, און געשוואומען איבער טייך.
מיט פריצים אַרומגעלאָפן אין אויסגעפּוצטער בריטשקע,
און צופרידן געווען צו קריגן אַ טאָרבע סיטשקע.
אַזוי האָט ער געלעבט ווי ס'לעבט גאַנץ וואונדער,
מיט זיינע טעג, מיט זיינע יאָרן —
ווען מען האָט געוואָלט, און ווען מען האָט געדאַרפט,
איז ער אַרומגעפאָרן.
קיינעם ניט אָפּגענאַרט, און אַליין גאָרניט געטראַכט,
אַז מען זאָל אים פון דער ערד פאַריאָגן.

פלוצלינג, אַט אַזוי גאָר אומגעריכט,
ווי ס'וואָלט דער הימל אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד,
ווי ס'וואָלטן ווינטן וועלדער מיט די וואָרצלען
אויסגעריסן,
ווי ס'וואָלטן הונדערט-פודיקע קאַנאָנען גענומען
שיסן.
ווי ס'וואָלטן פאַרשוואונדן אַלע פלאַכן,
ווי ס'וואָלט אַ טיפער תהום זיך אויפגעמאַכט,
ווי ס'וואָלט די זון זיך צעפלאַקערן אין פלאַם-פייער,
ווי ס'וואָלט געברענט אַלץ וואָס איז אים ליב און טייער.
און ער אַליין, ווי שווערער שטיין,
קאָן קיין טראָט ניט נעמען!

אָ, לעבן איז אַזוי ניט גוט,
ווען אויף דער וועלט פרילינג בליט,
ווען ביימער הייבן-אָן מיט בלעטער זיך
אויספוצן,
נאָר דו אַליין, גאָטס וואונדער, קאָנסט זיך
ניט באַשיצן.

אָ, לעבן איז אַזוי ניט זיכער,
ווען די וועלט דאַרף לויפן, יאָגן, איילן גיכער,
נאָר דו אַליין, גאָטס וואונדער, ווערסט —
אַ קריכער.

אָ, לעבן איז אַזוי ניט צוגעפּאַסט
און צוגעשניטן,
אַז אויב דו ווילסט, קלייבסטו-אויס דיין וועג —
און טאַקע אינדערמיטן.

אָ, לעבן איז אַזוי ניט צוגעקלערט,
אַז דו קאָנסט אויסלעבן דיין לעבן אומגעשטערט.
אַז דו קאָנסט חלומען פון וואָס דו ווילסט,
אַז ניצלעך פאַר דער וועלט דו ביסט.

אַ, לעבן איז אַזוי ניט אויסגעטיילט,
אַז די גאַנצע וועלט אויף דיינע פּלייצעס שטייט.
אַז דו ביסט דער גאַנצער יחוסדיקער מחותן,
אַז אַן דיר ס׳וועט זיך קיין ריר ניט טאָן —
ניט קיין וואָגן, און ניט קיין שליטן.

אַ, לעבן איז אַזוי ווייטיקדיק און ביטער,
אַז פֿאַרגעסן האָבן דיך די שליאַכן,
און די פֿעלדער, די גאַסן און די שטעט,
און דיינע אייגענע זיכערע טריט.

אַ, לעבן איז אַזוי ווי לעגענדע ניט־אויסגעטראַכט,
ס׳קומט פֿרימאָרגן און ס׳קומט פֿאַרנאַכט..
און יעדער אָנפֿאַנג, און ענד, איז ניט —
ווי אין אַ שפּיל געמאַכט . . .

איך האָב געזען גאָטס וואונדער
אויף טויט דערשראָקן, אינמיטן גאַס ס׳האָט
זיך געטראָפֿן,
אַ פֿערד אין אַנגסטן האָט זיך
אויסגעלאָשן.

לידער און לעבן

.1

יעדער טאָג קומט צו אונדז
מיט זיין אייגענעם מזל,
ברענגט זיין לעבן צו דער ערד
פאַר אונדזערטוועגן.

יעדער טאָג קומט צו אונדז
מיט זיינע אייגענע ברכות,
ברענגט זיין לעבן צו דער ערד,
קיינעם ניט אויף צו־להכעיס.

.2

דער הימל האָט אַזוי פיל וואונדער אָנגעקליבן,
און דער ערד אַוועקגעגעבן אַזוי פיל גליק און פרייד.
איז פאַרוואָס האָבן מענטשן גענומען קלערן,
צו געבן דער וועלט אַזוי פיל פיין און לייד.
אָ, טייערער הימל, אָ, גוטע ערד,
שטעלט זיך איין פאַר אונדזער לעבן,
נעמט זיך אָן פאַר יעדן נאָך־ניט־געבוירן
קינד,
הערט זיך צו צו וויינענדיקע מאַמעס —
פון מאָרגן און אַצינד.

.3

דער הימל איז מיט ליכט, מיט זון,
און מיט וואַסער־פאַרבן אָנגעגאָסן,
אויףביימער פאַרליבטע פייגל זינגען־אויס
זייער פרייד און זייערע פאַרדרוסן.
אָ, טייערע ערד,
שפייזערין פון מוראַשקע און וואָרעם,
בהמה און פערד,
איך האָב זיך שיער פאַרגעסן,
אַז אויך ביטערע טרויבן האָב איך
ביי דיר געגעסן.

.4

אָ, לעבעדיקער מאָרגן, זיין זאָלסטו מיר געזונט,
די נאַכט האָט זיך אַזוי שווער געצויגן,
ווי וואַסער — ווען פון אַ פאַרזשאַווערטן קראַן ס'רינט,
און אַלע קרומע זאַכן שטעלן זיך אין אַזאַ נאַכט
פאַר די אויגן צו,
און אַלע בייזע חלומות לאָזן דיך ניט צורו.
אָ, לעבעדיקער מאָרגן, עפּעס איז ניט גלאַטיק
אויף דער וועלט דאָ־הי,
עפּעס שרעקט מיין האַרץ זיך פאַר יעדן
נייעם אינדערפרי.

.5

יונגער טאָג האָט ערשט פון הימל
זיך אויסגעוויקלט,
און אַ ים מיט וואַסער ליגט צעלייגט
און וואַרט אויף אים.
מיליאָנען מענטשן אין דער פאַרגאַנגענער
שיינער נאַכט האָבן פאַרגעסן,
און שלאָפן נאָך מיט פאַרכישופטע חלומות
אין זייערע הענט.
אָ, נייער טאָג, איך וויל זיך מיט פייגל
און כוואַליעס וועטן,
אַז מיט די גוטע גאָבן וואָס דו טראָגסט
מיט זיך,
וועל איך זיך אויך אָנזעטן.

.6

אָט איז דער מאָרגן,
אָט איז ער דאָ ;
אויפגעשטאַנען איז ער נאָך פריער
פון מיין ניט אויסגערוטער רו.
און וואָס טוט מען,
וואָס טוט מען,
אַז מידקייט אויף די אויגן קלעפּט זיך
נאָך צו ?
וואָס טוט מען,
וואָס טוט מען,
מיט אַזאַ לעבן וואָס איילט זיך,
וואָס יאָגט זיך, און לאָזט ניט צורו ?

אָ, דו מאָרגן, אָ, דו מאָרגן,
קוק זיך אין מיר גוט אָן ;
וואו זאָל איך נעמען כוחות, זיך
אַריינצושטעלן אין דיין אימפּעטיקן קאָן ?

אָן פּרצן

פּופּציק לאַנגע יאָר —
און דער פּאַדעם האַלט זיך אין איין ציען.
פּופּציק אָפּגעלעבטע יאָר, און חלום הערט ניט
אויף צו גליען.
קינדער יאָרן, מײַנע יאָרן —
פּופּציק יאָר צוריק,
ווי דורך אַ פֿאַררויכערטער גלאָז אויף יענער זײַט —
איצט איך קוק.
ניינצן הונדערט צוועלף, ניינצן הונדערט דרײַצן,
נײַגיר טרײַבט אַ יוגנט ווי מיט שאַרפֿע בײַטשן.
וואָס איז „מאָניש"? וואָס איז באָנטשע"? וואָס איז
„אויב ניט נאָך העכער"?
ווי אַזוי זאָל ייִנגל פּערצן־יאָריקער עס אויסטײַטשן.
און פּרץ, פּרץ — איז אַ פּנים מיט צוויי
גרויסע שוואַרצע אויגן,
פֿון קאַראַסטישעוו ביז וואַרשע אויסגעצויגן.
און צופֿוסנס, און אויף פֿערד און וואָגן,
וועסטו די ווערטער, די געדאַנקען, פּרצעס פֿײַערפֿויגל,
אויף שטעטלס בלאָטיקע וועגן ניט דעריאָגן.
און איך, דאָס ייִנגל פֿון יענע יאָרן,
בין צו פּרצן קיין וואַרשע קיינמאָל ניט פֿאַרפֿאָרן.
בײַ פּרצעס טיש בין איך ניט געזעסן,
קיין מאָלצײַטן אין כּבֿוד מיט אים ניט געגעסן.
נאָר דעם פּנים און זײַנע אויגן
אויף קאַרטלעך און שער־בלעטער איך האָב
ניט פֿאַרגעסן.

פופציק לאַנגע יאָר אָן פּרצן,
וואָס האָט זיך מיט מאַנישן, מיט באַנטשען,
מיט זיינע העלדן און מאַרטירער פאַרלאָפן,
וואָס פאַר אַ גרויסע אומגליקן זיין, און מיין
יידיש פאָלק ס'האָט געטראָפן.
אָפּגעווישט און צעבראָכן פּרצעס שבת, יום־טובדיקע
וואָכן —
און זיינע יידן פון לאַנד פוילן,
פאַרברענט, פאַרשרפעט אין אַש און קוילן.
ניינצן הונדערט צוועלף, ניינצן הונדערט דרייצן,
זינט יענע יאָרן, פּצרן קאָן איך שוין פאַרטייטשן.
מיט מיינע געלעבטע יאָרן
— איך האָב געהאַלטן אין קלייבן, און אָפּשפּאָרן
פּרצעס טיף־מענטשלעכע געזאַנגען,
און בין מיט זיי ביז היינט אַרומגעגאַנגען.

האַרבסט בײַם האָדסאָן

דער האָדסאָן-טײַך איז אױפגעברױזט
און אָנגעצױגן,
װי ס׳װאָלט פֿון אים אַ שײנער חלום
אַװעקגעפֿלױגן.
שטײ איך דאָ און איך טראַכט,
װי װאָלט זײַן װען איך זאָל װערן
װי דער האָדסאָן אָנגעפֿנאַרט.
װאָלט איך געװײנט, צי איך װאָלט געלאַכט,
צי װי אַ נאַר אױף אַ נס געװאַרט?
װי אַ נאַר אױף אַ נס איך װאַרט,
אין אָנגעקומענעם האַרבסט פֿאַרנאַכט.
און דער האָדסאָן איז צעקאָכט און אױפגעבראַכט,
װײַל די זון האָט זיך פֿאַר אים פֿאַרמאַכט.
און אַ קעלט האָט אַרומגענומען אַלע זײַנע גלידער,
װײַל די פֿײגל װעלן ניט זינגען פֿאַר אים
זײערע לידער,
קינדער װעלן זיך ניט שפּילן מיט טומל
און גערודער,
און דער אײַז-קאַלטער װינטער אָט, אָט,
קומט שױן װידער.
דער װינטער אָט, אָט, קומט ער באַלד
און אױף האָדסאָן װעט דער פֿראָסט אױסגלעטן
יעדן װאַסער פֿאַלד.
קײן פֿרײלעכע שיפֿלעך װעלן איבער אים
זיך ניט אַרומיאָגן,
און אַן אײַנגעגעסענער אומעט אין זײַנע ברעגן
װעט זיך אָנשלאָגן.
די טױבן זײַנען קלײן געװאָרן,
און די בלעטער האָבן זיך פֿאַרבױגן.
אױפֿן הימל איז אַ יאַריד —
פֿון דער גאַנצער װעלט אַלערלײ װאָלקנס
האָבן זיך צונױפֿגעקליבן.

שיינער האָדסאָן, וואו זיינען דיינע גוטע פריינט?
וואו זיינען זונס-גאָלדענע זאַנגען?
וואו זיינען די זיס-שמעקנדיקע טעג,
וואָס זיינען אויף דיינע וואַסערן אַרומגעגאַנגען?
אַלע טאָג אין זומערדיקע פאַרנאַכטן —
ווער האָט עס געוואָלט, שפּאַצירנדיק לעם דיר, —
פון איינגעגעסענעם אומעט טראַכטן.
ווער האָט עס געוואָלט שיידן זיך מיט דיר,
און אויף די שטראָמען פאַרליבטע, ניט וואַרטן.
אַזוי פיל וואַרעמע ליבע האָט זיך דאָ געשפּילט,
אַזוי פיל צערטלעכע פרייד האָט זיך דאָ געפילט,
הערצער האָבן זיך צעעפנט, און אָרעמס האָבן
זיך פאַרשלאָסן,
גוטסקייט, ווי פון קוואַלן צו דיינע ברעגן
האָט זיך געגאָסן.
האָדסאָן שיינער, מיין באַליבטער טייך,
איך טראָג איצט דעם האַרבסט
מיט דיר צוגלייך.

לידער פון מענטש און טעג

.1

מיינע טעג ביקסן אָנגעלאָדענע —
אָפּצוהיטן דאָס לעבן אין מיר,
מיינע שעהן וואַכן און שפּירן
איבער די מלחמות וואָס איך פיר.
און אַלע מאָל דער שונא ליגט פאַרטאַיעט,
און וואַרט אויף אַ געגעבענער מינוט,
ס'זאָל דאָס אויג פון אָנשטרענגונג ווערן מיד.
און אַלעמאָל דער שונא זוכט און לויערט —
צו דערזען דעם מינדסטן אָפּקער,
ווען ס'וועט ווערן לעבן שווער.

.2

דער שיינער טאָג איז ווי אַן אויסגעפּוצטע כלה,
און צו זיין אַ פאַרבעטענער גאַסט צופרידן
זיינען אַלע.
ערד אין לעבן אונטער חופּה שטייט,
זון דער חתן, די כלה צו באַדעקן גייט.
שפּילן פריילעך די באַבלעטערטע ביימער,
טאַנצן מוראַשקעס, און פליגן אויף די שטיינער.
גראָזן געשמאַקע געטראַנקען גרייטן,
פייגל וואונדערלעך פייפן אויף ביינערנע
פלייטן,
און וועוורקעס שפּרינגען אויף פלויטן.

.3

מיט טאָג וואָס וואוינט מיט מיר דאָ
אויף דער גאַס,
געקליבן האָבן מיר פעק מיט האָס.
אַלע גליקן, גרויס און קליין,
אַלע ליידן, ווייטיקן און פּיין,
אַלע קללות, אַלע ברכות,
אַלע טרויערן געקלעמטע, אַלע האָפענונגען —
פאַרשעמטע, אַלע זאָרגן און פאַרדרוסן,

אין אונדזער לעבן זיך איינגעביסן.
מיט טאָג, וואָס וואוינט מיט מיר דאָ
אויף דער גאַס,
האָט לעבן זיך אויפגעקאָכט ווי ווייַן
אין אַ פאַס.
אַלע חתונות און בריתן,
פון טיר און פענצטער האָבן זיך
אַרויסגעריסן.
רייד און שפּראַכן, קלאַנג און געזאַנג,
ווי וואונדערלעכע סימפאָניעס —
דערוואַכן.

.4

אַט זייַנען מייַנע טעג,
אַט זייַנען זיי אויף טיש צעלייגט —
איינגעשרומפּענע און בלאַסע,
און וואָס בין איך פאַר זיי געווען ?
אַ פאַרזיכערונגס-באַנק —
אַ פאַרטרויעטע אָפּשפּאָר-קאַסע.
אַט זייַנען מייַנע יאָרן,
אַט, ווי ווייט זיי זייַנען פון מייַן וויגל
אוועקגעפאָרן!
און קלער איך אויס אַ חידוש,
און טראַכט איך אויס אַ חלום,
און אַזוי איניינעם האָבן מיר אָפּגעלעבט
אין קריגערייַ און אין שלום.
טעג און יאָרן מייַנע, ניט איך וויל
פרעגן אייַך,
און ניט איך וויל האָבן צו אייַך
אַ טענה ;
אויב ס'איז אונדז עפּעס אָפּגעגאַן —
איז די שולד געווים געווען
אויך מייַנע.

.5

אַלע מיינע טעג —
מיט מיין לעבן זיינען פריינטלעכע שכנים,
נאָר קיינמאָל ווערן זיי ניט צו־אינטים —
צו אויסטרינקען אַ „לחיים" איניינעם.
מיט „גוט מאָרגן" באַגעגנט מען זיך —
יעדעס מאָל איבערטרעטנדיק לעבנסשוועלן,
נאָר קיינמאָל, אינסטינקטיוו, צי באַוואוסטזיניק —
ועט מען זיך ניט אָפּשטעלן.

.6

ביי מיר אין גאַס איז דער הימל
צעלעכערט,
און דער פרילינג שיט זיך ווי מעליץ
אַראָפּ צו דער ערד.
אַ, לעבעדיקער וואונדער, ווי גוט ס'איז
אַצינדערט זען דאָס בליען פון אַ ליד.
און ליד איז ניט בלויז מיין אייגן לשון,
און ליד איז ניט נאָר אַ קלאַנג פון וואָרט.
ליד איז אויףביימער אַנקוועלנדיקע בליטן,
ליד איז יעדעס גרעזל, וואָס פאַרנעמט אויף ערד
אַן אָרט.

.7

אַלע טאָג גייט די ערד אַרום דער זון,
און מיר זיצן דאָ און מיינען אויספירן
באַשלוסן.
מאָרגן וועלן מיר אַזוינס־און־אַזוינס טאָן
און מיט שיינע ווערטער פריינט און מענטש
באַגריסן.

אַלע טאָג פאַרגייט די זון,
און מיט ערד טוט זיך צעקושן.
און מיר בלייבן דאָ פאַרטראַכט —
מיט נאַכט —
און גייען ווידער שלאָפן.

אַלע טאָג שטעלן מיר איין אין קאָן
דאָס אייגנס, וואָס מיר פאַרמאָגן.
און סיי דער הימל, און סיי די זון,
אַן אונדז, וועלן צו דער ערד גליק
טראָגן.

אַז איך טראַכט וועגן
דזשאָן פיצדזשעראַלד קענעדיס שטאַרבן

ס׳טוט אַ מענטשן ווי זיין קאָפּ,
ס׳טוט אים ווי אין האַלדז,
און ס׳טוט אים ווי די אויגן.
אַ מענטשן טוט ווי די ציין,
ס׳טוט אים ווי דאָס האַרץ,
און ס׳טוט אים ווי זיין הויט און ביינער;
און נאָך וואָס אַזוינס ס׳טוט אַ מענטשן ווי —
ווייסט נאָר ער אַליין,
און וועגן דעם דאַרף ניט וויסן קיינער.
ווען ס׳טוט ווי אַ לאַנד,
שפּרייט דער ווייטיק אויס זיך —
ווי אַ בראַנד,
און עסט זיך איין טיף און שאַרף —
אין גאַנצן גוף פון לאַנדס שטייגער.

ווייטיקט איצט דאָס לאַנד ביי אונדז,
ווייטיקט פון קאָפּ אַראָפּ, צו די שפּיץ
פינגער,
און ווייטיקדיק וואָלט איצט געווען וואָלט וויטמאַנען
פון לאַנד דעם גרויסן זינגער.
ווייטיקט איצט דאָס לאַנד ביי אונדז,
ווייטיקט פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק,
און ווייטיקדיק וואָלט איצט געווען אייב לינקאָלן,
וואָס ער אַליין האָט פאַרן לאַנד געבלוטיקט.

דאָס לאַנד וועט דיך קיינמאָל
ניט פאַרגעסן,
און מיט קיין ליבע דיך ניט צוטוליען צו זיך,
טאָג, דו אומגעראַטענער,
הלוואַי וואָלטן ווינטן דיך געווען אויפגעגעסן,
און אַ שטורעם רעגן וואָלט געווען דערטרונקען דיך.
דאָס לאַנד וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
ווי אונטער ליכטיקן הימל און צעעפנטער זון —
דו ביסט אַ פאַרטייעטער געזעסן
און געוואַרט ווי אַ הונגעריקע שפּין.

טאָג אומגליקלעכער אַזוינער,
עס וועט שוין ניט וועלן אָנקערן זיך
מיט דיר קיינער,
און בלייבן וועסטו עלנט ווי אַ שטיין.

ס׳טרעפט, עס קאָן אַ מענטש ניט אומגיין אויף זיינע פיס,
אַ מענטש קאָן ניט הערן מיט זיין אויער,
קאָן דאָס אַוודאי מעגלעך זיין,
אַז ער טראָגט אין זיך גרויס טרויער.
נאָר אַז ס׳איז אַ לאַנד ניט אימשטאַנד
אויף אייגענע פיס אַרומגיין,
און איינצוהערן זיך מיט אייגענעם אויער —
ווערט דאָס לאַנד איינגעוויקלט אין אַ ים
פון טרויער.

איז טרויערט איצט ביי אונדז דאָס לאַנד,
טרויערט ווי אַ אויפגעשטורעמטער טויב־שטומער,
און טרויעריק וואָלט איצט געווען דזשעפערסאָן,
ווען ער וואָלט פון מאָנטיסעלאָ קבר אויפגעשטאַנען.
און טרויעריק איז מיר אַליין און איך קאָן
עס גוט פאַרשטיין,
ווייל ס׳ברענט דער האָס אין לאַנד,
ווי אַ פלאָם־פלאַמענדיק פייער.

דאָס לאַנד האָט שטעט,
און אַ שטאָט האָט סקווערן.
אַ טייך האָט פיש,
און אַ וואַלד האָט טכוירן,
און מענטשן ווייסן זייער גוט,
אַז צו לעבן טאָר מען קיינעם
ניט פאַרווערן.
איז ווי אַזוי האָט עס זיך געטראָפן,
אינמיטן העלן טאָג, אין גאָלדענעם האַרבסט
האָט עס זיך פאַרלאָפן,
דער הימל רויט,
די זון בליט,
און אַ יונג האַרץ —
אין האָפענונגען גליט.

וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן, לינקאָלן, רוזוועלט,
ווי טויזנטיעריקע אויסגעוואַקסענעביימער,
ווי מאָנומענטן אויסגעטעסעטע פון שטיינער,
ווי נביאים אויסגעשניצטע פון העלפאַנט-ביינער,
ווי גאָט אַליין איינס, און איינער,
אָ, חלום, חלום, צי דעם פּאָדעם,
צי די גאָלדענע שנור.
מיך אַ פאַרליבטן אין זייערע ווענן
פיר.
אַ מענטש קאָן ניט וויסן
ווען זיין חלום וועט ווערן איבערגעריסן,
אַ מענטש קאָן ניט זען,
וואָס פאַר אַ אומזין ס׳וואָלט געווען,
דאָס ליכט פון זיינע אויגן —
אויסלעשן.

מיט היינט

ניט מיט נעכטן,
ניט מיט אַמאָל,
ניט מיט הויכן באַרג,
ניט מיט גרינעם טאָל,
ניט מיט וואָס ס'האָט זיך געטראָפן,
ניט מיט וואָס ס'האָט זיך פאַרלאָפן,
ניט מיט חלומען און האָפן,
ניט פון געשיכטע וואָס איז
אין פאַרגאַנגענהייט אַנטלאָפן, —
מיט היינט,
מיט אונדזער טאָג,
וואָס לויטערט און שיינט,
איך וויל זיך טיילן מיט גוטן מענטש,
מיט גוטע פריינט.

גלויבן

פרימאָרגן שפּילט פאַר מיר
אויף פידל,
און דער הימל קוקט זיך איין אין מיר
ווי אין אַ שפּיגל.
אַלע גראָזן פרייען זיך מיט מיר,
און אַ גאָלדענע זון הענגט אויף מיין טיר.
גוט־מאָרגן, גוט־מאָרגן, וועלט!
אָ, ווי ליב דו ביסט מיר,
ווי גוט מיר איז צו זיין דאָ מיט דיר,
האַלטן דיך אין מיינע אויגן,
און מיט פולן האַרצן אין דיר גלויבן.

ליבע

דער יונגער מאָרגן איז פאַרליבט אין אַלע
שיינע מיידלעך,
האָט ער גענומען און האָט פאַרקלערט ווי צו מאַכן
די וועלט שיין און פריילעך.
שפּילט די זון אויף אַ טרומפּייט, און דער מאָרגן־שטערן
אויף אַ פלייט, און די ערד גרייט זיך אָן,
און ציט זיך אָן, ווי אַ סימפאָנישער אָרקעסטער.
ביימער זיינען אויסגעגלייכט און שטעלן זיך
אוים אין רייען. מיט צאַרטע בליטן זייער לעבן
הייבט זיך אָן באַנייען.
פייגל פליען־אום פאַרשיכורט און פאַרשייט,
דער הימל ווי אַ שווימענדיקע שיף —
רופט און שרייט, און דאָס גראָז אין מענטשנס
אויגן דעם קאָליר פאַרבייט . . .

טרויער

אויף גרינע בלעטער שפּילט זיך אום דער טאָג :
מענטשן, קוקט און זעט וואָס איך פאַרמאָג.
אַ שטאָט צעשטעלט אינמיטן דרויסן, דעם האָדסאָן —
אַ שווימענדיקן, אַ טיפן, גרויסן.
אַ הימל אַ לויטערן, אַ קלאָרן, און פייגל, מוראַשקעס,
זשוקעס וואָס ליבן זיך און האַלטן זיך
אין פּאָרן.
אַ גאַס, אַ וועג, אַ טיר, און אַ מויער, אַ גאָלד שטראַל
פון דער זון, אַ פליטער־ציטער־זשום פון אַ בין,
און אָן א איינגעגעסענעם טרויער.
טרויער, זאָג איך, איז פאַראַנען אומעטום,
סיי אין בליענדיקן בוים, סיי אין אויפגעבלאָזטן רוים.
אַלע זאַכן, וואָס לעבן און פאַרגייען,
אין זיך אַליין טרויער פלאַנצן און פאַרזייען.

היינט, נעכטן, מאָרגן

זיצט דער טאָג מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און מיד זיינען זיינע פּיס.
נעכטן איז ער די גאַנצע וועלט אויסגעגאַנגען,
און שלאָפן איצט איז ווי צוקער זיס.

נעכטן זיינען מענטשן אויך געגאַנגען,
און צוגעדעקט אַ שטיק פון דער ערד.
פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעגלאַנצט דאָס זאָרגן,
ווי אַ שאַרפע שווערד.

אָ, טאָג פאַרהאַרעוועטער, אויסגעמאַטערטער,
טראָגער פון שווערע לאַסטן, פון אָנגעשטאָפּטן
קאַסטן, — מיט אָנגעבלאָזטע גליקן,
מיט אַפּנאַרנדיקע אַנטיקן —
פאַרלאָז זיך ניט אין גאַנצן אויף מיר.

אָ, טאָג, מידער, טאָג פאַרמאַרעטער,
מיינסט אַז מיר, מענטש, איז דאָ עפּעס גרינג!
פון שיינעם הימל, און זון־צעבליטער,
פון ערד, און גרינע גראָזן — אַזאַ ליד
איך זינג.

אָט אַ לעבן, אָט אַזוינס, ווי אַ צאַצקע —
איך מאָל פאַר זיך אויס.
מאָל אַ חלום, מאָל אַ טרוים, און וואָס צו טאָן
מיט דיר, איך וויים וואָס קוים?

האָסטו דאָך נעכטן געהערט פון טויזנטער
מיילער רופן.
דער וואונדער פון לעבן זאָל אונדז
בייז באַשטראָפן,
אויב מיר וועלן דעם מאָרגן טאָג
ניט געבן קיין רו.

האָסטו דאָך נעכטן געזען הענט און פיס
ווי טויבן זיך אויפהויבן,
און הערצער פול מיט ליבע אָנגעגאָסענע,
ווי צייטיק־וויין אין טרויבן.

האָבן דאָך נעכטן טראָט פון פיס געשריבן
און געצייכנט אויף גאַסן, און אויף שטעט,
אַ בילד פון גרויסן ווילן, און ערלעכן געוויסן,
וואָס מענטש אַמאָל אין זיך דערזעט.

האָסטו דאָך נעכטן זיך אין מיר געוואָרעמט,
ווען איך בין מיט נעגער און יאַפּאַנעזער,
מיט גריך און טשעך, מיט לאַטין און אַמעריקאַנער —
מיט מיין ברודער־מענטש אומגעגאַן האַנט אין האַנט
געאָרעמט.

האָסטו דאָך נעכטן זייער שטאַרק
געקענט דערפילן,
אַז ניט אין צאַצקעס ווילן מיר זיך שפּילן,
אַז ניט קיין חלום פלאַנטערט זיך אונדז
פאַר די פיס.
אַז ניט אויפצוקלייבן זיינען מיר געגאַנגען
זעק מיט בראָוואָס און פּעק מיט בים.

אַז מיר ווילן דו זאָלסט אָן זאָרגן
קאָנען רויען,
אַזביימער זאָלן לאַנגע יאָרן
מיט זייערע פרוכטן בליען,
אַז דער הימל זאָל אונדז ברענגען
ליכט און שאָטן, שניי און רעגן,
און די ערד אַ לעבעדיקע צוטראָגן
זאָל אונדז איר פאַרמעגן.

אָ, טאָג, מיין גוטער ברודער,
ניט נאָר זינגען וויל איך פון דיר לידער,
איך וויל, אַז מאָרגן, און מאָרגן און מאָרגן
זיין זאָלן מיר איניינעם ווידער.

אויפגעגאַנגען איז די זון
און אַ יונגער מאָרגן אַ פרישער
אויף אייגענע פים האָט זיך דערזען.
דערזעען די ערד אויף גאַנצער וועלט —
צעשפרייט.
און דעם רוים, צעהאַנגען איבער לענג
און ברייט.
אָ, גאָט אין הימל, קוק זיך צו,
ווי די ביימער זיינען פול אין בלי,
ווי די טייכן זיינען פול מיט וואַסער,
ווי דער מאָרגן־שטערן ווערט בלאַס און בלאַסער.
ווי די פייגל צעפּאַכען די פליגל,
ווי דער טוי אויף בלעטער גלאַנצט ווי שפּיגל.
ווי די גראָזן טרייסלען אַראָפּ פון זיך
דעם שלאָף,
ווי לעבן נעמט זיך ריכטן ווי אַן אויסגערוטע
טשערעדע שאָף.

אָ, גאָט אין הימל, הער זיך איין,
איך וויל אויף דער וועלט דאָ אומזיסט
ניט זיין.
איך וויל מיין פולן טאָג דעם מענטש
אָפּגעבן,
זאָל ער אים און טרוים אין זיינע
האָפענונגען איינוועבן.

נחמן מייזיל

דער הימל איז ניט דערגאַנגען
צו די ברעגן פון דיין לעבן,
און די לבנה ניט חלומען וועט
פון שיינער נאַכט.
מענטש טייערער און ליבער!
דיין לעבן ווי דער מאָרגן-שטערן
האָט געלייכט.

איך האָב דיך ניט געהאַלטן
פאַר קיין נביא,
איך האָב אין דיר ניט געגלויבט
ווי מיין טאַטע אין גוטן ייד.
איך האָב מיט דיר גערעדט ווי מיט
אַ מענטש אַ קלוגן,
און אַלע מאָל געוואָלט אָנשרייבן
פאַר דיר מיין בעסט ליד.

די ערד האָט ליב געהאַט דיך אויף זיך
אַרומפירן,
צו דיין אימפּעט-ענערגישן ריטם זיך איינהערן
און שטאָלץ זיין מיט דיר.
איצט ביסטו איינער פון די געהייבנסטע
געסט ביי איר,
און פאַר אונדז איז פאַרשלאָסן געוואָרן
צו דיר די טיר.

די זון וועט ניט פאַרגעסן ווי אַזוי דו
ביסט אַלע טאָג, אַלע טאָג, אַלע טאָג,
ווי וואַכזאַמער היטער געזעסן,
געשניצט און געשליפן, געפורעמט
און געשניטן דאָס יידישע וואָרט —
דאָס יידישע לשון —
און מיט דעם אַ וועלט אויפגעשטעלט.

מענטש טייערער און ליבער,
אַז ס׳שטאַרבט דער טאָג
ווערן די שענסטע שיינקייטן איבערגעריסן
און די זון קאָן שוין דאָ גאָרניט טאָן.

אויגן האָבן אַזוי פיל טרערן שוין פאַרגאָסן,
טיפע ווייטיקן האָט געטראָגן אונדזער
יידיש פאָלק,
און אַלעמאָל ווען איך האָב זיך
מיט דיין געבענטשט וואָרט אָנגעטראָפן,
איינגעשטעלט האָט זיך אין מיינע געדאַנקען
אַ טאָלק.

מענטש טייערער און ליבער,
מיר וועט מיין לעבן מער דאָס פאַרגעניגן
ניט געבן
צו הערן דעם קלאַנג: „נו, נו, טאַקע,
שרייבט־אָן וועגן דעם אַ ליד".

דיסאָנאַנסן

מיינע לידער ווילן זיך מיט מיר
ניט אויסגלייכן:
איך וויל טראַכטן פון ליבע, פון פרייד,
פון וועלדער, פון טייכן;
מיינע לידער צעבייסן מיר דאָס האַרץ
און איראָניש, פון אַזוינע נאַרישקייטן —
לאַכן.
איך וויל מענטש מיט אָפענער פריינטשאַפט
באַגריסן.
מיינע לידער שטעכן מיר די אויגן —
מיט אַ וועלט אויף שטיקלעך צעריסן.
מיינע לידער שטעלן זיך קעגן מיר,
און ווילן מיר אָנווייזן — וואָס איך פאַרליר,
ווען איך וויל שלעכטס און גוטסקייט אויסגלייכן.
מיינע לידער מאַכן שווער פאַר מיר מיין וועג,
אין שאָטנס פאַרוויקלען מיינע נעכט און טעג,
און גיבן מיר האַרב צו וויסן,
אַז נאָכצוגעבן און אָנצונעמען לויטערט זיך
מיט דעם ניט אוים דער געוויסן.
אָ, גאָט אין הימל, זע אַליין,
ווי דער מענטש איז וואונדער־שיין.
ווי זיין גאַנג, זיין באַוועג —
איז פול מיט חן,
ווי ער אַרבעט, ווי ער מידט,
צו געבן לעבן, צו געבן אינהאַלט
צו אַלץ וואָס ער טוט.

וואָס בין איך?

אין מיין שטוב די שטילקייט רוט אויף פענצטער
און אויף טירן.
אין דרויסן, ווייט-ווייט אין דער הויך, ס'גייט-אויף
דער מאָרגן-שטערן.
ס'שלאָפט די ערד, ס'שלאָפט דער הימל,
ביימער זיינען איינגעדעקט מיט שווער-אָטעמדיקן דרימל,
מענטשן שלאָפן אויך אַצינד אויסגעטאָן פון
רעש און טומל,
נאָר מיין האַרץ רעדט אין מיר און צווינגט
אַלע מיינע גלידער זיך איינצוהערן.
ביסטו ווינט, ביסטו שוים,
ביסטו רויך, ביסטו טרוים,
ביסטו לעבעדיק מיט מויל און אויער,
ביסטו מענטש, ביסטו צושויער.
זעען דיינע אויגן, קאָנען דיינע פיס אומגיין,
ביסטו אויסגעלאָשן, ביסטו טויטער שטיין?
בין איך טאַקע? וואָס בין איך?
און טאַקע באַלד דערמאָן איך זיך:
איך האָב ניט ליב קיין ביקס,
איך האָב ניט ליב קיין שווערד,
איך האָב ניט ליב צו הערן
ווען מען נעמט זיך מיט קלוגשאַפט דערקלערן,
אַז מען דאַרף אָנהייבן באַוואַכן די פעלדער,
און די טייכן, די שטעט און אַלע נוצלעכע זאַכן.
בויען פליענדיקע האַרמאַטן, און די גרעסטע
אַטאָם-באָמבעס מאַכן.
איך האָב ניט ליב צו טראַכטן אַז די קינדער
וואָס וועלן היינט געבוירן ווערן זאָלן מיר פאַרווערן
זען די וואונדערלעכע שטערן לייכטן.

איך וויל ניט וואַרטן

פּאַרנאַכט קלעפּט זיך צו די פֿענצטער
און די טירן.
און נאַכט צעשיט זיך ווי אַ טשערעדע ראַבע קי.
אָ, שטערן, שטערן, לעכערט־דורך דעם הימל,
און גיסט־אויס אייער גנאָד אויף מיר.
איך בין אַ ייִד, און וואו איך בין דאָ,
האָט מיין מאַמע מיך ניט געבוירן . . .
די ערד וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען
מיט מיינע אייגענע אויגן —
אַך, וויפל ווינטן, וויפל יאָרן, וויפל וואַסערן,
וויפל פייגל,
געווייעט, געוואַקסן, געשוואומען, און זיך צעפלויגן.
און אַליין בין איך איצט, אין מיינע אייגענע הענט
אָט דאָ,
איך בין אַ ייִד און איך קאָן ווי אַ מענטש
זינגען, זינגען מיין ליד וועגן דער גאַנצער וועלט,
וועגן איטאַליע, בריטאַניע, וויעטנאַם, שפּאַניע, ישראל,
און רוסלאַנד, וואָס איך בין איר קליין קינד געווען.
איך בין אַ ייִד נאָר ווי מיינע אורעלטערן
איך קאָן ניט טראַכטן און אויף משיחן וואַרטן,
אַז אויסלייזן וועט ער מיין פאָלק פון ווייי־
און־ווינד.
איך וויל פאַרפעלקערן מיין פאָלקס גליק
א י צ ט , אַ צ י נ ד !

האַרבסט ביים האָדסאָן

פון בענקענדיקן פאַרנאַכט
דער הימל האָט דעם לעצטן פאָדעם
אַרויסגעצויגן,
איז דער ערשט-געשטאַנענער טאָג
צעפאַלן געוואָרן אויף פּראָך;
אָ,ביימער, גוטע ביימער,
נעמט מיך אונטער אייער וואַך.
איך בין געקומען דאָ זיך אָנצוקוקן
ווי די זון וועט זיך אויסבאָדן
אין האָדסאָן טייך.

איך בין געקומען מיט ליכט
אין מיינע אויגן,
און האָב געוואָלט אַזויפיל גלויבן
אַז איך וועל זיך אָנטרינקען מיט פרייד
אַ סך.

אָ, ביימער, שיינע ביימער,
איך ווייס ניט ווי אַזוי ס׳האָט זיך געטראָפן
אַזאַ מאָדנע זאַך.
איך שטיי דאָ איצט ווי אַ בלינדער
ביי אַ ברעג פון אַ דאַך.
איך שטיי דאָ ווי אָן אַ נאָמען,
ווי ס׳וואָלט מיין מאַמעס האַנט מיך קיינמאָל
ניט געגלעט,
ווי אַ מענטש מיט אָפּגעשטאָרבענעם לשון,
וואָס האָט פון קיין ליבע קיינמאָל
ניט גערעדט.

אין האָדסאָן טייך האָבן זיך גריבער
אויסגעגראָבן,
און מעוועס זיצן אין זייער מיט.
אַ גאַנצן זומער די זון אַ נאַקעטע האָט זיך
דאָ געבאָדן,
איצטער זיצט זי אויפן הימל צוגעקילט
און איז ניט געזונט.

האַרבסט פֿאַרעקשנטער קומט־אָן פֿון אַלע וועגן
און אַפּצוראַטעווען כאָטש נאָך איין טאָג פֿון זומער
איז שוין צו־שפּעט.
אָ, ווי נעם איך איצט אין מיין האַרצן גלויבן,
כאָטש ווי די בורטשענדיקע פֿליענדיקע טויבן,
ווי די גראָזן טרוקענע און אויסגעבויגן,
ווי די פּוסטע ביימער־צווייגן אויסגעצויגן,
אַז ס'וועט דער האַרבסט
ניט פֿאַרשניידן מיינע טריט.

פֿאַרליבטע באַחנען דעם האָדסאָן,
ווי ביימער באַשיינען די ערד.
האַרבסטיקע שעהן די גראָזן פֿאַרוויגן
מיט אַ ציטער־צאַפּלדיק מעלאָדיש ליד.
אָ, מאַנצביל, טוליע צו זיך צו נעענטער
דיין געליבטע, און אויפֿן הימל ניט קוק,
דאָס שענסטע וואָס דו קאָנסט דערזען
איז דיין אייגן גליק.
דיין אייגן גליק איז ווי פֿלאַטער פֿון פֿייגלס
פֿליגל,
און קאָנסט עס ניט באַהאַלטן אונטער שלאָס
און ריגל,
מוזט זיך מיט דעם טיילן העלפֿט אויף העלפֿט,
וועט ערלעכע ליבע ווערן איינגעשטעלט.
ערלעכע ליבע איז ווי אין פֿרילינג
נאָך ניט קיין צעעפֿנט צווייט.
היט זיך, פֿאַרליבטע ביים האָדסאָן,
דער האַרבסט איצטער בליט.

בריוו פון וויעטנאַם

אַט אַדאָ וואו איך שטיי
איז דער הימל אין וואָלקנס פאַרוויקלט,
די ערד איז צעקנאָטן און מיינע פיס
זיינען מיד.
אָ, ברידער פון וועלטן!
פאַרגעסט ניט מיינע לידער,
פאַרגעסט ניט מיינע אויגן,
מיין לאַנד איז מיר ליב, מיין לאַנד איז מיר שיין,
ווי זיבן גאָלדענע זונען.
אַט דאָ וואו איך שטיי
איז געוואַקסן אַ בוים, געוואַקסן מיט יאָרן,
געוואַקסן מיט זומער, מיט ווינטן, מיט רעגן,
מיט בלעטער מיט גרינע, מיט שאָטנס
מיט קילע.
אָ, ברידער פון וועלטן, אָ, ברידער פון ערדן,
געדענקט מיינע געזאַנגען, געדענקט מיין האַרץ.
מיין לאַנד איז מיר טייער, מיין לאַנד איז
מיר נאָענט — ווי דאָס וואַרעמע בלוט
אין מיין לייב.

אַט דאָ וואו איך גיי
האָט פרילינג און פריידן געפלאַטערט,
און פייגל האָבן ליבעס געפירט.
אָ, ברידער, ווי שווער מיר איז צו וואַרטן
ביז ס׳וועט מיין פלאַמיקער וויי אין אייך
אויפלייכטן,
און וועט אויפשטורעמען אין געשריי.
אַט דאָ וואו איך גיי האָבן מיינע זיידעס
טויזנטער יאָרן זייערע טריט
אויסגעמאָסטן,
און מיינע טאַטעס זייער לעבן האָבן דאָ
איינגעפלאַנצט.
קינדער מיינע, ווי יונגע שעפעלעך שיינע
אויף וואַרעמער ערד, האָבן זיך געשפילט
און געטאַנצט.

אָ, ברידער פון וועלטן, אָ. ברידער פון ערדן,
געדענקט מיינע זאָרגן, געדענקט אייער אייגענעם
מאָרגן.
געדענקט, אַז טויט ווערט ניט געהאָדעוועט
מיט ברויט.
אָט דאָ וואו איך בין
בין איך וויעטנאַמס זון.
און אין יעדן בוים, און אין יעדן ווילדגראָז
מיין פריינט איך געפין.
מיין פריינט איז אַ פעדער, אַרויסגעפאַלן
פון אַ פויגלס פליגל,
מיין פריינט איז אַ דערשראָקן וואַלד־ציגל.
מיין פריינט איז שטאָק־פינצטערע נאַכט
און מיין ציל — מיר באַלייכט.
אָ, ברידער, ווי אַ מענטש איך טראַכט —
פון אַ וואונדער:
ווי אַזוי צענעמט מען און מען צעטיילט
אונדזער היינטיקן טאָג
אויף שטיקלעך און באַזונדער
און מען באַהאַלט דעם אמת
פאַרן האַס.

אָט דאָ וואו איך זע
איז דער הימל פאַרוואונדעט,
און די ערד גיסט זיך אָפּ מיט מיין
וויעטנאַמיש פאָלקס בלוט.
אָ, ברידער פון וועלטן, פון ערד־קיילעך
אַרום און אַרום,
פאַר אייך אָנקלאָגן דעם ביטערן אומרעכט
איצט איך קום.

מענטש און לידער

.1

וואו גייט אוועק א מענטשנס טאג,
און וואס נעמען־צו ביי אים זיינע יארן?
אלע ברכות פון זיין מאמעס מויל,
אלע האפענונגען וואס זי האט געוויקלט,
ווי אויף א קנויל —
וואס איז פון זיי געווארן?
קוקט זיך צו, ווען די זון פארגייט,
וואס פארא וואונדערלעכע שיינקייט אויפן הימל
און אויף ערד ס'שטייט.
קוקט זיך צו, ווען א רעגן גייט, ס'דערקוויקן זיך
אויף ביימער — בלעטער, און געוויקסן אויף בייט.
קוקט זיך צו, ווען ס'פאלט א שניי,
וואס פארא פרייד אין קינדערשע אויגן
ס'איז ביי זיי.
קוקט זיך צו, ווען די לבנה איז פול,
און ווי זילבער אויסגעשליפן,
מיט צערטלעכסטע נעמען געליבטע
הייבן זיך אן אנרופן.
קוקט זיך צו, ווען א מענטש פארלאזט
די וועלט, —
א טויטער שטיין ווערט איבער אים
אוועקגעשטעלט.

2.

דאָס האַרץ ביי מענטשן ווערט פאַרעלטערט,
די אויגן גיסן זיך אָן מיט מוטנעם וויין,
אָך, ווי די יונגע טריט שיין און פריילעך
פלעגן זיין.
און געווען איז אויך דער הימל ווי אַ ליילעך,
און די ערד ווי אַ ווייכע אויסגעבעטע בעט.
יעדער אבר פון שפרודלדיק לעבן אָנגעהאָדעוועט
האָט זיך אין פולער זעט.
דער שפּאַן ביי מענטשן ווערט פאַרקלענערט,
דער אָטעם פאַרקירצט און איינגעקלעמט,
אָך, ווי ראַשיק און שטורעם-בליציק
דאָרשטיקע יונגקייט אַרומגענומען האָט אַלץ
מיט אָפענע הענט.
און געווען זיינען אויך בליענדיקעביימער,
און גראָזן אַזוי ווייך און גרין.
יעדע שעה און טאָג פון וואַקסנדיק לעבן
אָנגעטרונקען האָט זיך מיט זיסן האָניק —
ווי אַ הונגעריקע בין.

3.

אַ מענטש היט זיין לעבן
ווי דאָס איינציקע וואָס האָט ניט
צו זיך קיין פאַרגלייך,
און די ערד קלייבט ניט איבער,
ביי וועמען דאָס לעבן איז טייער אַ סך.
אַ מענטש זשאַלעוועט זיינע יאָרן,
וויל זיי פאַר עלטער אָפּשפּאָרן,
און די ערד זעט ניט קיין שום חסרון,
אַז די עלטער וועט פאַרלירן אַ מענטשנס
האָב-און-גוטס.

.4

זיי וואַקסן,
זיי וואַקסן,
די יונגינקע מיידלעך,
אַט אַזוי
ווי פון
זיך אַליין.
און ביטער איז דעם מענטשן זיין לעבן,
ווען צו איינגעדאַרטע קאָרעניעס —
זיינע יאָרן הייבן אָן
צו גיין.
די יונגינקע מיידעלעך,
שפּילן אין חנדעלעך,
פירן זייער לעבן אַרום ביי דער נאָז;
און שעמען דאַרף אַ מענטש זיך,
ווען ס׳ווילט זיך אים פאָרן,
מיט יאָרן
דורכזיכטיק ווי גלאָז...

מיין פריינט ל. מילער

און ס׳האָט זיך געטראָפן,
אַז פון אַ מענטשן איז זיין לעבן
אַנטלאָפן,
און איינעם אַליין אים איבערגעלאָזט —
אויף יענער וועלט.
און אַז די פייגל האָבן געזונגען,
האָט ער פון דעם שוין ניט געוואוסט.
און אַז דיביימער האָבן אָנגעהויבן מיט
פרוכטן בליען,
האָט ער שוין דאָס ניט געזען.
און אַזוי איז שוין אָן אים אַלץ אויף
דער וועלט געשען.
און וואונדערלעך האָט ער געזען
מיט צוויי פאַרליבטע אויגן,
מענטשנס טרויער, מענטשנס פרייד,
און אויסגערעדט האָט ער זיך זיין האַרץ
מיט צאַרטע קלוגע רייד.
אַלע טעג פון אָפּגעשפּאַרטע וואָכן
אָנגעטאָן האָט ער זיך מיט אינהאַלט,
און מיט יאָכן.

פרילינג 1967

האָט אונדז גאָט געשטראָפט,
און דער פרילינג האָט זיך פאַרשפּעטיקט.
וויינען טויבן אויף פאַרפרוירענער ערד,
און די קראָקוסן יונגערהייט זיינען אויסגעשטאָרבן.
אָ, זינדיקע וועלט,
ווי וועסטו אָפּוואַשן דיין בלוט-פאַרפלעקטן
פּנים?
ווי וועסטו דעם זומער באַגעגענען —
מיט אויגן פאַרברענטע פון נאַפּאַלם-
פיבער?
ווי וועסטו זיך ניט שעמען אויספּוצן זיך
אין בלעטער און אין גראָזן?
ווי וועסטו קאָנען די ליכטיקע זון
אָן שאַנד אויף זיך אומטראָגן?
ווי וועסטו קאָנען מיט אַ ריין האַרץ
אין געבעט-טעמפּלען דיינע תפילות אָפּזאָגן?
ווי וועסטו קאָנען אָפּגעברענטע קינדער
פון דיין געוויסן פאַריאָגן?

ערגעץ־וואו

צוואַנציק יאָר דער האָדסאָן קוקט אַריין מיר
אין די אויגן יעדן מאָרגן פֿון מיין מיעַנדיקן
טאָג,
און איך מיט שמייכל בעט ביי אים — זאָל ער
זיך ניט זאָרגן, אַבי מיין ווילן איך
פֿאַרמאָג.
צוואַנציק יאָר אַזויפֿיל וואַסער
דער האָדסאָן האָט געקאָנט אָפּשפּאָרן,
ווען ער זאָל פֿון זיך אַליין ניט אַוועקשווימען
גלייך צום טיפֿן ים.
און מיינע טעג און יאָרן האָב איך ניט
געקאָנט אַריינפּאַסן אין אַ צוגעגרייטער
ראַם.
קוקט דער האָדסאָן צו מיר זיך צו
שוין צוואַנציק לאַנגע יאָרן,
און פֿרעגט מיך ניט, און וויל ניט וויסן,
צי בין איך געבוירן דאָ.
און אַז אַ פֿויגל איז גרין, בלוי צי גרוי,
איז ווער וועט אים ניט גלויבן,
אַז פֿון נחס קאַסטן זיין שטאַם איז
דער ערשטער אַרויסגעפֿלויגן צו זוכן
די ערד ערגעץ־וואו.

אַ רעגנבויגן

די גרינע בלעטער אויף די ביימער
איך וויל איצט אויסקושן,
די ערד אַרומנעמען וויל איך אויף דער ברייט
און לענג.
אַזאַ שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט
האָט זיך דאָ געטראָפן,
אַ מענטשנס האַרץ האָט זיך ווי אַ רייכער
רעגנבויגן צעגליט.

אַ ליד

דער הימל איז פריילעך,
און גוט איז דער ערד,
די זון האָט אָנגעשריבן אַ וואונדער-ליד.
אַ, מענטש פאַרטראָגענער, פאַריאָגטער
מיט אַרבעט און מי,
עפן-אויף דיינע אויגן,
און זע די ביימער אין בלי.

דער טאָג איז אַ שיינער

ס׳ברענט דער הימל אין וויעטנאַם
און ס׳קאָכט די ערד זיך אָפּ אין פאַרסמטע גאַזן
אַלע טעג, און אַלע נעכט זיינען דאָרט
אָנגעצונדענע פלאַמען.
אַ, אַמעריקע, ליב דו ביסט מיר טייער לאַנד,
ווייל איך ניט אַז ס׳זאָל פאַלן אויף דיר די שאַנד,
אַז אָנגעטאָן דו האָסט זיך אין האַקנקרייצער באַנד,
און פאַר דער וועלט, ווי היטלער, זיך אַוועקשטעלן.

אין לאַנד ביי אונדז, אויף ביימער דער האַרבסט
איצט גליט,
די ערד נאָך שניט אַ צופרידענע איצט רוט.
יונגע מיידלעך גייען אום און טראָגן זייערע קעפּ
שיין און ניט איבערטריבן.
און אין די צייטונגען מיט שרייענדיקע ווערטער
איז אָנגעשריבן :
מיר האָבן געהרגעט וויעטנאַמער, צוויי הונדערט
מיט זיבן.

און היינט איז דאָך אַזאַ טאָג אַ שיינער,
און דער הימל איז אויסגעשפּרייט ביי אונדז —
אַ לויטערער, אַ ריינער.
אַמעריקע, ס׳הענגט דזשעפערסאָנס פּאָרטרעט
אויף מיליאָנען פון דיינע שטיבער וועגט,
און דאָס ניט אויסלעשנדיקע פייער אויף קענעדיס
יונגן קבר ברענט.
ווייל איך ניט אַז דו זאָלסט פאַרגעסן
אַז אַ וועלט איז ערשט שבעה געזעסן
נאָך די פערציק מיליאָן וואָס היטלערס חיות
האָבן אויפגעגעסן.

ס׳ברענט דער הימל אין וויעטנאַם,
און איך אַליין פון יידיש פאָלק איך שטאַם.
און אויב אין די קרעמאַטאָריעס בין איך ניט געווען —
איז דערפאַר וואָס מיט צענער יאָר צוריק,
איך האָב דיך אַמעריקע דערזען.
לינקאָלנס חלום איך האָב מיט צעעפנטע הענט
צו זיך אין האַרצן פאַרבענטן,
וויטמאַנס לידער — ווי גאָלד־רייפע זאַנגען
נאָך היינט מיינע אויגן צערטלען און גלעטן.
יעדע גאַס פון דיינע שטעט מיט ליבע איך באַטרעט,
און אַ שיין רואיק לעבן פאַר זיי טיף אין זיך איך בעט.
וויל איך ניט פאַרלירן אין דיר דעם גלויבן,
אַז דו ווילסט טאַקע ביי דער וועלט דעם שלום רויבן.
אויסשיטן בערג מיט פאַלשע רייד,
צונעמען מענטשנס פרייד.

אַמעריקע, טייער דו ביסט מיר שיין לאַנד,
גייט מיר שטאַרק אָן דיין וואוילטיק,
און דיין באַשטאַנד.
איך מעסט מיט מיינע אויגן, און וועג מיט מיין געמיט,
דיין מזל־ברכהדיק לעבן וואָס וואַקסט און בליט.
וויל איך ניט אַז ווער ניט איז זאָל פאַרשרייבן,
אַז דו האָסט ניט געקאָנט אָפּקלייבן
וואָס איז יושר, און וואָס איז זיג.

אין וויעטנאַם דער הימל ברענט,
דיינע יונגע זין טוען עס מיט זייערע הענט,
הרגענען און מאָרדן אַ פאָלק וואָס זיי האָבן
ניט געוואוסט, און ניט געקענט.
גיסן פעך און שוועבל אויף שטיבער, און אויף מעבל,
אויף ברויט, אויף פרוכט, אויף מענטש און ווענט, —
אויף אַלץ וואָס קאָן זיך אָנצינדן און קאָן ווערן
פאַרברענט.

האָבן זיך דאָך היינט ביי אונדז אין לאַנד
פייגל און טויבן אויפגעהויבן און צו הויכן געפלויגן.
בהמות און אָקסן, שאָף און פערד,
געזעטיקט האָבן זיך אויף אונדזער פעלדישער ערד.
קינדער אין שטעט האָבן שפּילן געשפּילט,
און דערוואַקסענע האָבן קיין שרעק ניט געפילט.
מאַן פון ווייב האָט זיך ניט אָפּגעקערט
און נויטיקע ליבע האָט קיינער קיינעם ניט געשטערט.

אַמעריקע, חלום פון אַ גאַנצער וועלט!
אַלע פאַרפאָלגטע, אַלע פאַרוואָגלטע —
פון קיילעכדיקער ערד זייער לעבן אין דיין קאָן
האָבן איינגעשטעלט.
וויל איך ניט אַז דו זאָלסט דערלויבן
דיין וואונדערלעך געירשנטע געשיכטע
איינדעקן מיט אַש און שטויבן,
וואָס דיינע יונגע זין
שיקן דיר פון וויעטנאַם . . .

פאַרוואָס?

און ס׳איז געווען —
אַז דער הימל האָט זיך פאַרקוקט
אויף טאָג,
איז קוואַן־טראַמס לעבן אויף דער וועלט
שוין ניט געווען.
און דאָס געזאַנג פון פייגל איז שוין
אויך געווען פאַרשוויגן,
און די שטענגלעך מיט רייז זיינען שוין
טויטע געלעגן.

אַלע ווינטן פון דער וועלט,
אַלע רעגנס פון אָנגעלאָדענע ספערן,
אַלע קרענק, אַלע טריקענישן, אַלע פאַרדאָרבענע
שלעק, — אַנטקעגן דעם קוואַן־טראַם האָט זיך
געקענט אָוועקשטעלן.
אַלע טעג, אַלע יאָרן, ער האָט געהיט,
און קיין מינוט פון זיי ניט געוואָלט פאַרלירן,
פאַרן מאָרגן, פאַרן מאַנישן פאַרלאַנג
אין אויגן פאַרבאָרגן.

און ס׳איז געווען —
אין אַמעריקעס יאָנגסטאָון, אָהייאָ,
צען טויזנט מייל פון קוואַן־טראַמס
פאַרוואָרלאָזטער לוויה,
פון שמעלץ־אויוונס פייערדיקע לאַווען
זיינען געפלאָסן,
און אין האַקענסאַק, ניו־דזשוירזי — נאַפאַלם —
אין שטאָלענע פלעשער האָט מען אָנגעגאָסן.

אָ, בייזער טאָג פון מענטשנס לעבן,
ווי אַזוי זאָל עס ווערן אין ביכער פאַרשריבן,
אַז צו הרגענען קוואַן־טראַמען האָט אַמעריקע
אויסגעקליבן.
פאַרוואָס, פאַרוואָס, אַמעריקע,
איז אַזוי ווייך און גרין דיין גראָז?
פאַרוואָס זינגען דיינעביימער אַזוינע
לירישע געזאַנגען?
פאַרוואָס צייטיקן זיך די מיליאָנען טאָנען
ברויט אין דיינע שטאַנגען?
פאַרוואָס זיינען אַזוי צערטלעך שיין
דיינע זון־אויפגאַנגען און זון־פאַרגאַנגען?
און פאַרוואָס זיינען דיינע זין אומברענגען
קוואַן־טראַמס לאַנד אַהין אַוועקגעגאַנגען?

און ס'איז געווען,
אַז קוואַן־טראַם האָט אַמעריקע מיט זיינע אויגן
קיינמאָל ניט געזען,
און ניט געטראַכט פון שלעכטס וואָס ער
זאָל וועלן אַזאַ ווייט לאַנד טאָן.
יאָרן לאַנג איז ער אין זיין וויעטנאַם
אַרומגעגאַנגען,
און זיך געזעטיקט מיט אירע פריידן,
מיט איר פיין.
אַמעריקע,
אַמעריקע,
פאַרוואָס האָסטו צוגענומען פון זיינע אויגן
די ליכטיקע שיין?

פרידלעכע נייעס

איך לייען, איך לייען,
איך לייען,
אַלע טאָג די זעלבע נייעס,
אונדזערע באָמבערס האָבן בריקן צעריסן,
אונדזערע פלאַמען האָבן פאַרצערט
פעלדער מיט רייז.
אָ, טייערע אויגן, אָ, וואונדערלעכע אויערן,
אָ, טאַקע מיר, מיר אַליין
האָבן מיר געזען, קאָנען מיר פאַרשטיין
וואָס ס׳מיינט אַלע טאָג, אַלע טאָג, מיט טויט אַרומגיין.
די הענט וואָס שרייבן אויף מאַשין —
צי מיט טינט און פעדער — די נייעס אַז מיר
הרגענען און ברענען וויעטנאַמער — טאַטעס,
מאַמעס, קינדער, ברידער, אַז אַ פרעמד לאַנד
מיר צעגראָבן אין גריבער.
אַזוינע הענט וואָס ציילן די מינוטן, די שעהן,
און דאָס קאַלטע געלט, וואָס זיי וועלן
דערפאַר באַקומען,
אַזוינע הענט וועלן זיך ניט שעמען און מיט
פאַלשע אויסרופן זיך באַרימען
טאָג און טאָג, נאָכאַנאַנד, מיט שאַנד
באַפלעקן אונדזער לאַנד.

איך לייען,
איך לייען,
און לייען,
אַז אונדזערע טאַנקען, אונדזערע זין,
אין וויעטנאַמער וועלדער און דזשאָנגל-בלאַטעס
ווי די יעגער גייען.
זוכן פליגן, אָקסן, הינט און בינען —
אַלץ, אַלץ וואָס אין דעם קאָן לעבן זיך געפינען,
סמען אָפּ די וואָרצלען פון די ביימער
און צערייסן אויף פיצלעך טיף
אין דער ערד די שטיינער.

אָ, טייערע אויגן, אָ, וואונדערלעכע אויערן,
צי האָט איר געזען, צי האָט איר פאַרנומען
קינדערשן וויי, מאַמעס טרויער —
זיצנדיק דאָ אין אַ ווייך פּליושענעם שטול,
רואיק, צופרידן, און אַ האַרץ מיט גוטסקייט פול,
אַ האַרץ אָנגעשטאָפּט מיט גליקלעכע פּלענער,
ווי צו מאַכן דאָס ווייטע לאַנד וויעטנאַם
פריי דעמאָקראַטיש און שענער.

איך לייען, איך לייען, איך לייען,
אַז וויעטנאַם מיר וועלן צעאַקערן
און פאַרזייען מיט נייע מאָדערנע זוימען,
אַז פאַרגעסן זאָל זיי די אַלטמאָדישע
טרוימען פון רייז, זייער שפּייז,
פון גערטנער מיט בלומען, פון פאַרדרייטע
פאַנטאַסטישע זינגענדיקע נעמען.
אָ, טייערע אויגן, אָ, וואונדערלעכע אויערן,
צי האָט איר געזען, צי קאָנט איר דערהערן,
דאָס שורשען פון אָפּגעבראָטן פלייש,
דאָס זידן פון נאַפּאַלם אָפּגעקאָכטן פּנים
זיצנדיק דאָ אין אַוואַנגאַרד־אויסגעפּוצטן צימער
און אויסרעכענען, און אויסרעכענען
וואָס צו טאָן אין דעם באַלד אָנקומענדיקן
זומער?

אַז שעמען זאָלן מיר זיך

די זון איז אויפגעשטאַנען זייער פרי
און גענומען גרייטן זיך צו ברענגען
צו דער וועלט וואַרעמקייט און רו.
פייגל האָבן זיך פון נעסטן אויפגעהויבן,
און פריילעכע איבער גאַסן זיך צעפלויגן.
ביימער האָבן אויף זיך גרינע בלעטער דערזען,
און די ערד מיט יונגע גראָזן באַדעקט איז געווען.
פרילינג,
פרילינג,
פרילינג,
האָט געזונגען אויף שויבן,
פרילינג, פרילינג, פרילינג
האָט געפלאַטערט אויף פליגל פון טויבן.

איז נעכטן דער טאָג אַזאַ געווען
און וואָס האָבן מיר מיט אים געטאָן?
אין וויַיטן לאַנד, אין פרעמדן לאַנד,
אין לאַנד וויעטנאַם,
צי האָבן מיר גערטנער געצירט,
צי האָבן מיר פאַרזייט אויף פעלדער תבואה,
צי האָבן מיר שטיבער אויסגעפאַרבט
צי האָבן מיר פאַר טישן בלומען געבראַכט,
צי האָבן מיר קינדער אין שולן געפירט,
צי האָבן מיר מאַמעשע פרייד געזוכט?

און אין אייגן לאַנד, פאַר אייגן אויג,
פאַר אייגן טיר, געטאָן וואָס האָבן מיר?
האָבן מיר אין שיינקייטן זיך געשפיגלט?
האָבן מיר גוטע געבאָטן אויף פאַפירן
פאַרזיגלט?
האָבן מיר געטראַכט פון לידער און פון פאָעטן,
האָבן מיר געטרייסט קראַנקע אין זייערע בעטן!
האָבן מיר צעוויקלט פריינטלעכע געשפּרעכן,
האָבן מיר פון הארצן אַרויסגעטריבן דעם ליגן
דעם וויַיכן?

אין ווייטן לאַנד, אין פרעמדן לאַנד,
אין לאַנד וויעטנאַם,
די גערטנער האָבן מיר צעטראָטן,
אויף תבואה-פעלדער, ווי היישעריקן,
מיר האָבן זיך אויסגעשאָטן.
פאַרברענט מיר האָבן שטיבער,
אויף בלומען האָבן מיר געגאָסן פליסנדיקן
פלאַמען-פיבער,
קינדער האָבן מיר אויף שטיקלעך צעבראָכן
און מאַמעס האָבן מיר מיט קאַלטע אייזנס
דורכגעשטאָכן.

אין אייגן לאַנד, פאַר אייגן אויג,
פאַר אייגן טיר,
שיינקייטן מיט שוואַרצע פאָרהאַנגען
האָבן מיר פאַרהאַנגען,
געבאָטן האָבן מיר אָפּגעזוכט פאַרשימלטע —
פון אַלט-צייטיקע פאַרגאַנגען.
אויף קיין לידער האָבן מיר ניט געוואַרט,
ביי פאָעטן האָבן מיר די מיילער צוגעמאַכט,
פון קראַנקע האָבן מיר זיך אויסגעלאַכט,
פריינטלעכע געשפּרעכן האָבן מיר פאַרוועררט,
ליגנס קאָלירנדיקע האָבן מיר אויף גאַסן
און איבער שטעט צעשמירט.

פרילינג,
פרילינג,
פרילינג,
האָט נעכטן געזונגען אויף שויבן.
פרילינג,
פרילינג,
פרילינג,
האָט נעכטן געפלאַטערט אויף פליגל
פון טויבן,
און מיר האָבן טויט געוויגט
אויף אונדזערע אויגן.

אויף די שפּיץ פינגער

ס'וועלט אַ טאָג אַמאָל פאַרפאַלן,
און גיין אים זוכן איז אַ שווערע זאַך.
מיינע טעג אַרומגעשלעפּט האָבן זיך
אין שניי און אין רעגן, און דורכגעלעבט
גאָר אַ סך.
איצט שטייט יונגער מאָרגן אויף שפּיץ פינגער,
און ציט דעם הימל צו צו זיך,
שטעל איך אָן מיין לעבן ווי דער פידלער
דעם פידל פאַרן סימפאָנישן אָרקעסטער
גרייט בין איך.

גרייט בין איך צו הערן און צו שפּירן,
צו זען און צו פילן דעם אומעט,
און דעם טרויער, דעם צער און דעם
באַדויער, פרייד און ליבע,
צאַרטע רייד.

אין דער מיט

איך שטעל מיין טאָג אַרויס אין דרויסן,
און מיין לעבן איך פיר־אַרום מיט זיך
ווי אַ געטרייען הונט.
חרוב זיינען שוין געוואָרן אַזוי פיל
גאָלד־בלישטשענדיקע גליקן,
און פאַרפלייצט מיט שטורעם־ברוכן —
אַ יוגנט איז געוואָרן ווי אַ צעגאָסענער,
ריזלדיקער טייך.
חלומות, ווי ליכטיקע זומער־בליצן,
אויפגעלייזט זיך אין דונערדיקן
געוואַלד־געשריי.
אַ גרייז־גרויער אין דער מיט, אין זיך,
איך שטיי.

מיר איז נייטיק

וואָס קוקט דער טאָג אַריין מיר אין די אויגן,
און וואָס זוכט ער אין האַרץ ביי מיר,
אַז אַלע מאָל איך האָב פון אים גאָרניט
ניט באַהאַלטן, געטיילט מיין לעבן גלייך־
אויף גלייך מיט אים.
איך האָב ניט צוגעגנבעט די זון,
און אין אַ קעלער זי פאַרשלאָסן.
איך האָב דעם הימל ניט אָפּגענאַרט,
און נאָר אויף וואַרעמקייט און ליכט געוואַרט.
איך האָב אָנגענומען און אויפגעקליבן
יעדעס ברעקל, יעדעס ציטער־צאַפּלדיקן שטיקל
וואָס ער האָט צוגעטראַכט.
איך האָב מיט רגעס זיך געצייטיקט,
איך האָב מיט רעגנס זיך געלייטערט,
איך האָב מיט שנייען זיך איינגעוויקלט,
איך האָב מיט פראָסט זיך אָנגעגורט,
און אַלעמאָל איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט
מיט טאָג צו באַגעגענען זיך.

וואָס קוקט דער טאָג אַריין מיר אין די אויגן,
וואָס אַזוינס וויל ער איצט פון מיר?
בין איך שולדיק, בין איך זינדיק,
בין איך אַראָפּגעגאַן פון גלייכן וועג,
האָט מיין לעבן דערקלערט דעם טאָג
אַ בייזן קריג?
איך האָב בלוט קיינעמס ניט פאַרגאָסן,
איך האָב קיינעם ניט צום טויט דערשאָסן.
העגעמאָנישע זיגן האָב איך ניט געזוכט.
איך האָב געטראָגן ווייטיקן, פּיין, פאַרדרוס,
איך האָב געהאָדעוועט פאַרשטאַנד, באַנאַנד,
אַנטשלאָסן.

איך האָב געאַטעמט ליבע; טרייסט, שיינקייט,
ניט פאַרגעסן.
און אַלעמאָל מיט טאָג געטיילט דאָס ניי־געבוירענע
אין מיר.
איז וואָס קוקט דער טאָג אַריין מיר
אין די אויגן?
איז וואָס לאָזט ער מיך ניט צורו?
איך דאַרף, און ס'איז מיר אַזוי נויטיק,
אַז מיין לעבן ניט געשטערט זאָל זיין,
אַפילו ניט קיין מינדסטע שעה.

פינף־און־צוואַנציק יאָר

דער זומער שטייט און קוקט זיך אוים די אויגן,
און דער פרילינג שפּילט זיך ווי אַ יונגע שיינע פרוי.
פייגל האָבן שוין נעסטן אָנגעהויבן,
און די ערד זיך באַפרוכפּערן איז גרייט.
טאָג מיינער פאַר פינף און צוואַנציק יאָרן —
אַ ברענענדיקער געטאָ־ייד מיט מיין לעבן גייט.
ס'גייט מיט מיר אַ וועלט מיט בלינדע אויגן,
און מיט אַ מויל פאַרקלעמט ווי שטיין,
גאָט מיינער, ווי לאַנג וועט דער פאַרברענטער
געטאָ־ייד אַן עלנטער ארומגיין ?!

דער זומער שטייט און קוקט זיך אוים די אויגן
פאַר יונגע צוויטן,
און דער פרילינג אויף ביימער וועט זיך
באַלד צעשיטן.
דער הימל נאַקעט וועט זיך אויסטאָן,
און די זון אויפהענגען וועט זיך ווי
אַ רויטע פאָן.
טאָג מיינער, פאַר פינף און צוואַנציק יאָר —
דער פאַרברענטער געטאָ־ייד מיין ירושה אָפּשפּאָר.

אָפּגעשפּאָרט איך האָב זיין וויטיק —
און זיין ציטער,
דעם פייער־פלאַם, און זיין פאַרגאָסן בלוט,
זיין אויפגעוואַכטע געוואַגטקייט,
זיין אויפגעברויזטן העלדן מוט.

דער זומער שטייט און קוקט זיך אוים די אויגן,
אַז ס׳זאָל די ערד מיט אַלע שיינקייטן
זיך צעבליען,
און פון גאָרער וועלט זינגענדיקע פייגל
קומען זאָלן צופליען,
טאָג מיינער פאַר פינף און צוואַנציק יאָר,
מיין האַרץ און מיין אויג קאָן ניט רוען,
אַ פאַרברענטער געטאָ-ייד ווי אַ זון-פאַרגאַנג
קאָן ניט בליען,
און ווי אַ פויגל קאָן ניט פליען.
אַ פאַרברענטער געטאָ-ייד ווי אַ זון-פאַרגאַנג
קאָן ניט גליען,
און ווי די ערד קיין געוויקסן קאָן פון זיך
ניט אַרויסציען.
אַ פאַרברענטער געטאָ-ייד קאָן נאָר
אונדזער געווייסן מיט זיין פריסיק בריען.

לידער פון מיינע טעג

.1

אַ מענטש פירט אַ ליבע מיט יונגן מאָרגן,
פרייען זיך אַלע גראָזן אויף דער ערד.
און די זון יאָגט אַרום די וואָלקנס אין הימל,
ווי וואונדערלעך־טרענירטע פערד.
אָ, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ, מיין גרויער קאָפּ,
וויפל שיינקייטן האָבן זיך אָנגעקליבן
אין דיינע אויגן,
און וויפל קאַלירנדיקע חלומות פאַרביי דיר
זיינען דורכגעפלויגן,
און איצט ביסטו ווי אַן אַלטער גוטער פריינט
אַליין מיט מיר געבליבן.
איז לאָמיר ביידע זיך ניט נאַרן:
אין האַרבסט בליען ניט די עפּל און די באַרן,
אין האַרבסט פוןביימער טויטע בלעטער
פאַלן.
און אויף עלטער,
זייער ווינציק
זיינען אַ בעלן.

.2

ווי שיין דער טאָג איז אָנגעקומען,
און ווי וואונדערלעך ס'זינגען די פייגל —
פאַר דאָ זיין.
איך האָב אויפגעהויבן מיינע הענט
צום הימל,
און מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט
קלאָרן לויטערן וויין.
גאָט מיינער, פאַרוואָס זיינען מענטשן
אַזוי פאַרביטערט,
פאַרוואָס איז דאָס האַרץ ביי זיי אָנגעגאָסן
מיט פאַר'סמ'ט גאַל,
אַז לעבן שלאָגט־אַרויס איצט ווי פריש וואַסער
פון אַ קוואַל.

איך האָב אָנגערירט די ערד מיט מיינע
נאַקעטע פּיס און נעגל,
דערפילט אַ קלינגען ווי פון אַ גלאָק —
אויף וועקן מיין בלוט,
און אַ קוויקענדיקע וואַרעמקייט האָט זיך
צוגעקלעפּט צו מיינע טריט.
גאָט מיינער, פאַרוואָס ווילן מענטשן
מיט פיינטשאַפט זיך דערשטיקן,
מיט האַס פאַרדאַרבן ניט־רייף־ווערנדיקע גליק,
אַז לעבן אַלע שיינקייטן האָט אין זיך אָנגעקליבן,
און גיט זיי אָפּ דעם טאָג צוריק.

.3

איך וויל, אַז מיינע טעג זאָלן איצט וויסן,
אַז ברויט מיט פּוטער איז ניט קיין אויסגעטראַכטע
זאַך.
און ביים טיש צו זיצן און עסן פון שיסל
קאָסט טייער, און באַצאָלן פאַר דעם —
דאַרף מען אַ סך.
איך וויל איצט, אַז מיינע טעג זאָלן אָננעמען
מיינע באַשלוסן,
און פאַרשפּאָרן מיר ביטערע פאַרדרוסן,
אַז זיי זאָלן זיך ניט שטעלן מיר
אין וועג.
יאָרן־לאַנג איך האָב אויסגעמיטן
מיט מיינע טעג זיך דורכשמועסן,
אָנפירן מיט זיי דיאַלאָגן און דעבאַטן,
וועגן זאַכלעכקייטן, מיספאַרשטענדענישן
און רעזולטאַטן,
און זיי האָבן מיך אומגעפירט ביי דער נאָז.
וויל איך איצט זיי זאָגן,
אַז קיין שטראָפן, קיין קלאָגן,
און על־חטא אין האַרצן וועל איך זיך ניט
שלאָגן.
איך וויל ווי אַ קלוגער דערוואַקסענער
מענטש, עפענען פאַר זיי די טיר . . .

מאַרטין לוטער קינג

מאָרגן ניט פאַר אַלעמען ווערט געבוירן,
און ניט פאַר אַלעמען גייט אויף די זון.
מענטש זיין גוטן ווילן פאַר זיך אליין
קאָן ניט אָפּשפּאָרן,
און ווי אַ מיזאַמער קמצן אַרומגיין מיט אים.
מאַרטין לוטער, איצט איז מאָרגן, מאָרגן
פון אַ נייעם טאָג.
און דו אויף אונדזער ערד ביסט מער ניטאָ.
דיין האַרץ, דיין קול, דערשטיקט האָט אַמעריקעס
אַן אומגליקלעכע שעה.

אַלע קאָנען מיר, ווייסע און שוואַרצע, זיין ברידער,
אַלע קאָנען מיר, שוואַרצע און ווייסע, זינגען
האָפענונג לידער,
און וויינען ביי דיין טויטער טיר.
מאַרטין לוטער, מיין יידיש ליד איצט שרייב
איך פאַר דיר.
פערציק יאָר בין איך אין מדבר אַפּגעזעסן,
און מן פון הימל — דערציילט לעגענדע — האָב איך
געגעסן.
אין וויפל לענדער בין איך ניט געווען!
און וואָס פאַר הערשער אַנשיקענישן האָב איך
ניט געזען!
מאַרטין לוטער, איך וויל מיט דעם ניט אַ בלאַט
פון דיין געשיכטע פאַרמישן,
און מיין בלוטיקע געשיכטע ביי דיין טויט —
אויסגיסן.
איך מיין נאָר, אַז אויב איך בין
אַ ווייסער ייד,
און דו ביסט אַ קריסט אַ נעגער,
זיינען מיר ביידע פון פיין און לייד
די טרעגער.

טאָג־טעגלעך

פֿייגל זינגען מײַנע לידער,
וואָס איך האָב פֿאַר זיי צוגעשניטן,
ביימער בליִען מיט די בליטן
וואָס מײַנע אויגן האָבן פֿאַר זיי אויסגעקנעטן
און איך אַליין טרינק דעם האָניק
פֿון דער זון,
און וואָרעם־אױם די ערד, וואו
איך טרעט אויף איר.

• • •

שטערן זײַנען ניט קיין בערן,
און ס׳דאַרף אַ מענטש ניט מורא האָבן
צו וואוינען אין אַ וואַלד.
האָב איך דאָ אַמאָל אַ קליינער
געלערנט תורה,
און אַרומגעקראָכן אין די בלאָטעס
אין פֿינצטערן אויפֿדערנאַכט.
שטערן זײַנען ניט קיין בערן,
און וועלן ניט באַפֿאַלן אַ שטיבל,
וואו אַ מענטש זײַן חלום און זײַן מי
האָט געבראַכט.

• • •

ס׳קוקן טעג אַרײַן אין טײַך,
אין האָדסאָן,
און זעען זיך אויף דער ברייט,
און לענג.
מײַנע אויגן קאָנען פֿאַרנעמען

נאָר אַזאַ שטיקל
ווי איך אַליין בין גרויס.
האָדסאָן ליבער, האָדסאָן גרינער,
טו זיך אוים פון פאַראייזטן שטיין;
איך האָב ליב צו זען פרילינג-ווינטן
אויף דיין וואַסער אַרומגיין.

• • •

אַ מילדער ווינט וויל זיך מיט מיר
אַרומשפּילן,
און גרינע בלעטער פאַרליבט זיינען
אין מיר.
יונגע זומערדיקע טעג שיטן-אוים
בערג מיט שיינקייטן ביי מיין טיר.
אָ, גאָט מיינער, ווי גוט ס'איז זיך אויסטאָן
פון זשומענדיקן טומל,
און זיך איינהערן צו מענטש וואָס איז
אין דיר;
צונויפנעמען אַלע לויזע פעדעם,
און פאַרקניפּן זיי אין אַ לאַנג-
דויערנדיקן שנור.

איך וויל זינגען

יעדער טאָג פּירט־אַרום מיט זיך
חלומות ניט־דערגרייכטע,
און נעכטיקע נעכט קניפּן־אָן וואונדער
אמתע און אויסגעקלערטע.
און איך אַליין טראָג־אַרום מיין לעבן
ווי אַ שפּיגל,
און קוק זיך איין מיט ליכטיקע האָפענונגען
און מיט שווער־פאַרשאָטנטע זאָרגן.

ברודער מיינער, קרוב מיינער,
אויב דו ביסט נאָר פון בלוט, פלייש
און ביין,
אויב ס׳רעגט אַ האַרץ אין דיר און ביסט ניט
קיין אָפּגעקילטער אויסגעלאָשענער טויטער
שטיין,
אויב דו ביסט איבער קיילעכדיקער ערד
אַרומגעפאָרן,
אויב דו האָסט די זיבן ימען אָפּגעגעבן
דיינע יאָרן,
אויב דו האָסט געזונגען לידער און צום לעבן
געבראַכט קאָליר און קלאַנגען,
אויב דו האָסט פעלדער באַקליידט מיט ברויט —
טראָגנדיקע זאַנגען;
אויב דו האָסט די ליינגן און די הייכן
אויסגעמאָסטן,
אויב דו האָסט איינגעצאַמט זומערדיקע היצן
און ווינטערדיקע פראָסטן,
אויב דו ביסט דער מענטש, און פון
אָדם הארשונם און חוהם גלידער, —
האָבן מיר אייגנם צווישן זיך אַ סך . . .
יעדער טאָג גייט־אַרום מיט געשיכטע
אויף זיינע ליפּן,
און נעכטיקע נעכט טיילן־אָפּ חלום און וואָר
אויף פיין־געוועבטע זיפּן.

אַט בין איך אַ ייד —
כ'האָב, און וועל מיין שטאָם קיינמאָל
ניט פאַרראַטן,
כאָטש קליין און אָרעם איז די ירושה,
וואָס איך האָב געירשנט פון מיין טאַטן.

אַט בין איך אַ ייד,
און פון מיינע יחוס-בריוו איך וועל דאָ
גאָר ניט שרייבן,
אָרנאַמענטן פון מיין זיין דאָ
אויף דער וועלט, איך וויל נאָר אויסקלייבן.

אַט גיסט אַ רעגן, אָט ווערט אַ בלאָטע,
אָט שטייט אַ רוסיש-יידיש שטעטעלע
צעווייקט, פאַרדריפּעט מיט אַ פאַרריסענער
קאַפּאָטע.

אַט איז דער וועג פון מיין מאַמעס גליקן,
אַליין מיט דריי קינדער צו האָדעווען,
פאַרדינגט זי זיך פּעדערן צו פּליקן.
אָט איז דער טייך,
און אָט איז אַ שליטן,
שווים ווי אַ פּעדער אויף וואַסער-פלאַך,
גרייט זיך און וואַרט אַוועקצופאָרן איבער
דער וועלט, אַז דער ערשטער שניי וועט זיך
אויסשיטן.

אַט איז אַ יינגל, און אָט איז אַ מאַן
אין ביטערן אויפוואוקס, אין אויסקלעפּן
זיך אַליין,
אין שלעפּן דעם ווילן, אין טראָגן די קלאַפּן,
און טרינקען אַ פולן בעכער זים-זויערן
לעבנס-טעם.

אַט איז די ערד, און אָט איז דער ים.
שטעל נאָר אַ טראָט, און גיב נאָר אַ שפּאַן.
שיף זיך אַריבער, און יאָג זיך אויף באַן.
שנייד זיך צו מאָסן, און פּאַס זיך
אַריין אין אַ ראַם.
אַט איז דער ביסן און עס זיך אין אים
איין.

אַט זײַנען דײַנע זומערדיקע יאָרן
ווי פֿאַרשלאָגענע פֿעסער מיט צײַטיקן
ווײַן.
יעדער טאָג אײַלט זיך,
ער האָט אַ ווײַטן וועג נאָך צו גײן,
און נעכטיקע נעכט, גוטע צי שלעכטע,
בײַ יעדן נײַעם פֿרימאָרגן
מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן בלײַבן שטײן.

ברודער מײַנער, קרוב מײַנער,
אַט נעם און קוק זיך אײַן, מעסט זיך אָפּ,
און דערקאָן, אַז דאָס ביסט דאָך דו אַלײן:
דײַטש, טשעך, אַנגלאָ־זאַקס, מאָנגאָל,
רום,
בלאָנדער, געלער, ברוינער, וואָס שמעקט
דיר ניט מײַן שײן־געטאָקטע ייִדישע
נאָז?
וואָס געפֿעלט דיר ניט מײַן חכמה,
וואָס איך וויל ניט באַהאַלטן, פֿאַרקאָוועון
און פֿאַרשליסן?
וואָס קאָסטן דיר מײַנע פֿידל־טענער,
מײַנע עטישע פּלענער,
וואָס פֿראַנק־און־פֿרײַ דו טוסט פֿון
זײ געניסן?
וואָס צאָלסטו פֿאַר מײַנע עלפֿאַנט־בײנערנע
געשניצטע לופֿט־פּאַלאַצן?
וואָס דערלײגסטו צו מײַנע זײפֿן־בלאָזן,
פֿאַרמעגנס ניט איבערצוצײלן
און ניט אָפּצושאַצן?

גריך, טערק, הינדו און אַרמענער,
ס'רײַסט אַ גראָז זיך אַרויסצוּוואַקסן
פֿון אונטער אַ שטײן,
און אַלע פֿרילינג באַנײַט זיך
איבער דער גאַנצער ערד מיט נײַע בלעטער
יעדער בוים,
און איך וויל זינגען מיט ליבע
פֿון אײַך —
ווי פֿון זיך אַלײן.

אינהאַלט:

פּאָרטרעט געצייכנט פון ר י י פ י ע ל ס אַ י ע ר

ווידמונג צו ע ט ל ע ן.

1954

9 אין די סוף־זומערדיקע טעג

1955

11 אונדזער זומער
12 האַרבסט
15 צווישן לבען און טויט

1956

17 לידער צום נייעם יאָר
20 מיין פרילינג אין טרויער
22 צו דיין יאָרטאָג, שלום־עליכם
23 האַרבסט־מאָטיוון
26 וועגן אַ מויער און זיינע בויער
28 דער מענטש, וואָס וויל ניט הערן
33 עטהאָן אַללען און איך
35 דער מענטש פון דער ערד און איך
37 אייבערעהעם לינקאָלן

1957

39 מאַי
40 אין שטילער רו
42 אַ מעשה פון דזשעק דעם ייד
45 קאָן דאָס זיין
47 מיין שטוב
48 אָ, דער מענטש, אָ, דער חלום!
50 ריווערסאיד דראַיוו
52 טיימס סקווער
60 דער טויט פון אַ פּאָעט
62 די גאָלדענע קייט
63 די וועלט מוז מען איבערמאַכן

1958

56 פרילינג און מיינע יארן
67 לידער פון מענטש צו מענטש
72 לידער וועגן אַ שטוב
74 אַ מענטש
76 אַליין און אין צווייען
77 דער ים
78 איך זאָג ניט צו
79 אומזיסט
80 פעלקער טאַנצן
83 האַרבסט־לידער
86 מיין פריינט איז קראַנק
88 די וועלט און איך
89 ס'איז טויט אַ פריינט
90 אַ ליד פון מיין אַרבעט

1959

92 אין באַן
95 איך ברענג דער שטאָט
96 שלום־עליכם און פיני קאַרטיאַזשניק
98 לירישע מאָטיוון
110 אַ מענטש אין מאַי

1960

102 ווי אַ גוט קינד
103 פערד און וואָגן
104 אַ יאָר צוריק
105 דרייסיק יאָר מאָנטיקס
110 אַ שילד אויף אַ טיר
113 באַנייאונג
115 צווישן ערד
117 היינטיקער טאָג

1961

118 הונדערט יאָר
120 גוטער מענטש
122 אַלע מאָל, און אומעטום
124 מיין יידיש לשון
126 פינף מאָטיוון
129 היינטיקע לידער

1962

131 שטילקייט
132 פרידן אויף דער ערד
133 פרייד
134 פרילינג
135 דערמאָן זיך
137 מיין טאַטנס באָרד
138 וועלט אין מיר
140 לומומבאַ
142 דאַ־הי
143 יאָרן, מיינע יאָרן

1963

144 דער וואונדער איז אין גלויבן
150 דריי לידער
152 ווערטער גליען אויף מיינע ליפּן
154 נאָענט און ניט נאָענט
155 אַנגעקליבן
156 די גוטע ערד
157 דאָס געזאַנג פאַרן מאָרגן
159 שטאָט ניו־יאָרק

1964

162 אינטימע לידער
164 מענטש און לעבן
167 נאָכן טויט פון דיכטער אהרן קורץ
168 ערד איבערן פּאָעט
170 דו פּאָעט, דו
172 האַרבסט
173 אַ, טאָג, דו טאָג
175 איך גיי מיט טאָג
176 דער טויט פון אַ פערד

1965

179 לידער און לעבן
182 אַן פּרצן
184 האַרבסט ביים האָדסאָן
186 לידער פון מענטש און טעג
189 אַז איך טראַכט וועגן
דזשאָן פיצדזשעראַלד קענעדיס שטאַרבן

1966

192 מיט היינט ; גלויבן
193 ליבע ; טרויער
194 היינט, נעכטן, מאָרגן
197 נחמן מייזיל
199 דיסאָנאַנסן
200 וואָס בין איך ?
201 איך וויל ניט וואַרטן
202 האַרבסט ביים האָדסאָן
204 בריוו פון וויעטנאַם

1967

206 מענטש און לידער
209 מיין פריינט ל. מילער
210 פרילינג 1967
211 ערגעץ־וואו
212 אַ רעגנבויגן
אַ ליד
213 דער טאָג איז אַ שיינער
216 פאַרוואָס ?
218 פרידלעכע נייעס
220 אַז שעמען זאָלן מיר זיך

1968

222 אויף די שפּיץ פינגער
223 אין דער מיט
224 מיר איז נייטיק
226 פינף־און־צוואַנציק יאָר
228 לידער פון מיינע טעג
230 מאַרטין לוטער קינג
231 טאָג־טעגלעך
223 איך וויל זינגען